STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11238

DOS KOMISHE IN TRAGISHN

Yosef Heyblum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף הייבלום

דאָס קאָמישע אין טראַגישן

הומאָרעסקעס

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תל־אביב תשנ״ב — 1992

J. HEIBLOOM

DOS KOMISHE IN TRAGISHN

(The Comical in the Tragic)

We gratefully Appreciate
The Assistance Received from
The Multicultural program
Department of the secretary of
State of Canada.

מיט דאַנק ווערט דאָ דערמאָנט
די מיטהילף פון דער פונדאַציע
פון דער יידישער קהילה אין מאָנטרעאָל
צום דערשיינען פון דעם בוך.

©
J. Heibloom
5740 Cavendish BLVD., APT. 1901
COTE ST. LUC P.Q. H4W 2T8 3
Montreal, Canada

Edited by
I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1992

סודר והודפס בדפוס „שמגר 1986", ת"א

פאַר וואָס האָט נישט דאָס בוך קיין הקדמה?

עס זענען געווען אַזעלכע וואָס זייער ברייטער וויסן און באַהאַוונטקייט אין דער ליטעראַטור, און אין דער יידישער בפרט, איז געווען אַ ניצלעכע, אַ באַלערנדיקע, און אַ באַדאַרפטיקע. זיי האָבן בשום־אופן נישט געטאָרט אונדז אָפּטאָן אַזעלכעס... נישט לאָזנדיק נאָך זיך כּמעט קיין נאָכפאָלגער.

קעגן דעם זאָגן מיר דאָס, וואָס איינער פון זיי, אַן עסייִסט, אַ ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געהאַט אַ באַשטימטע מיינונג וועגן אונדזערע אַרבעטן, האָט ער געטראַכט אָנצושרייַבן אַ הקדמה צו דעם בוך. איז ער געשטאָרבן.

דאָס שטאַרבן מאַכט אַ תּל פון דעם מענטש. נישט רעכענענדיק זיך אַפילו מיט די דערהויבענע, טאַלאַנטירטע און וויסנשאַפטלעכע.

דאָס שטאַרבן איז אַ מיאוסע געוווינהייט, און עס זעט זיך נישט דערוויַיל קיין אויסזיכט אויף צו קאָנען זיך פון דעם באַפרייַען.

עס איז שוין די העכסטע צייַט, אַז די רעגירונג זאָל אָנהייבן עפּעס טאָן וועגן דעם.

די געשטאָרבענע אַנטוישן אונדז דערנאָך מיט זייער סקאַנדאַליעזער שווייַגנדיקער גרינגשאַצונג און עקשנותדיקער פאַרשטומטער גלייַכגיל־טיקייט צו די אָנערקענטע שׂכלדיקע אידעען און איבערצייַגונגען.

וואָס איז דאָס אייגנטלעך אַ הקדמה? אָדער אַן אַרייַנפיר? — ווי טייל רופן עס.

איז אַ הקדמה בכלל נייטיק פאַר אַ בוך?

אַ הקדמה גיט דעם לייענער אַ שאַנס צו געניסן פון אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. און אויך פון אַן אַנאַליטישער אָפּשאַצונג וועגן דעם בוך און וועגן דעם שרייַבער.

עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז פאַר אַ בוך איז אַ הקדמה זייער וויכטיק. מיר אָבער האָבן שוין געזען גוט אָנגעשריבענע ביכער, מיט שלעכט אָנגעשריבענע הקדמות. זייער גוטע הקדמות, צו זייער שלעכטע ביכער. און גאַנץ לייַטישע ביכער, אין גאַנצן אָן הקדמות.

דער הקדמה־שרייַבער באַווייַזט זיך אָפּט מאָל ווי אַ פּסיכאָלאָג, און ווי אַ קענער און ביאָגראַף פון דעם מחבּרס פּערזענלעכן לעבן, אַרויס־ברענגענדיק דערבייַ זייַנע פאַרבאָרגענע כאַראַקטעריסטיקעס צו דער נייַגעריקייט פונעם לייענער.

אויב דער לייענער איז אַזוי להוט נאָך די פֿאַרבאָרגענע כאַראַקטע־ריסטיקעס פֿונעם שרײַבער, פֿאַר וואָס זשע זאָל דאָס נישט טאָן דער שרײַבער אַליין?

אויב עס האַנדלט זיך וועגן באַשרײַבן מײַן אייגן לעבן, מיט מײַנע פֿאַרבאָרגענע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן, בין איך דאָך אין דעם אַ בקי מער ווי דער גרעסטער וויסנשאַפֿטלער, איך קאָן דאָך מיר אויסגע־צייכנט, איך קאָן דאָך מיר שוין פֿון זייער לאַנג, פֿון אַ סך פֿריִער פֿאַר דער בר־מיצווה, און איך האָב וועגן מיר אַ גוואַלדיקע באַהאַוונטקייט.

איך בין געבוירן געוואָרן — נישט אין מײַן שולד — ווי אַ בכור אין דער משפּחה, און ווי אַ בכור האָב איך געהערט, לויט דעם דין, צום כּהן.

נאָך דרײַסיק טעג פֿון מײַן געבורט האָט מײַן טאַטע נישט געהאַט קיין חשק מיך אָוועקצוגעבן דעם כּהן. האָט דער טאַטע, מיט אַ סוחרישן אויפֿטו, געמאַכט אַ פּדיון־הבן און ער האָט מיך אויסגעקויפֿט פֿונעם כּהנס הענט מיט אַ פּאָר בראַנדז־זילבערנע מטבעות. מען האָט געזאָגט, אַז אַפֿילו בלויז לויט דער וואָג, האָט ער געכאַפּט אַ מציאה.

אין מײַן טאַטנס רשות האָט זיך מיר גאַנץ גוט געלעבט. ער האָט געזאָרגט פֿאַר מיר. ער וואָלט מיך, מן־הסתּם, אויך חתונה געמאַכט. און איך וואָלט אויפֿגעוואַקסן אַ לײַט.

האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן.

דער טאַטע האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ער האָט געהאַלטן אין איין פֿרעגן: פֿון וואַנעט קומט אַזעלכעס צו אַ ייִנגל מיט אַ נאָרמאַלן שׂכל?

יונגע מענטשן זענען שרעקלעך נאַיִו. זיי גלייבן אַז צום זוכה זײַן אַ ביסל שרײַבערישע פֿרייד איז גענוג בלויז טאַלאַנט. זיי ווייסן נישט אַז צו דעם זענען הײַנט נייטיק גאָר אַנדערע זאַכן, וואָס זענען וויכטיקער און מער טאַלאַנטירטער ווי דער שרײַבערישער טאַלאַנט.

איך שרײַב אויף ייִדיש־לשון, אַ לשון וואָס האָט ווייניק לייענערס און אַ סך פֿאַרזאָרגערס.

טייל פֿאַרזאָרגערס זענען אַזוי פֿאַרליבט אין דעם לשון, אַז זיי האַלטן עס נאָר פֿאַר זיך אַליין...

עס זענען שוין געבליבן זייער ווייניק שרײַבערס, אָבער עס דער־שײַנען גענוג ביכער...

ווען ייִדיש האָט נישט קיין שטומע צונג... זי האָט אויפֿגעשײַנט אין ייִדישן לעבן מיט אַ סך שיינקייט און כּוח. זי האָט אָבער אַ שטומע צונג. רויבט מען פֿון איר גאַנצע שטיקער קאַריערע.

איינער אַ מענטש האָט געזאָגט:

ביַים היַינטיקן טאָג, אַ ייִדישער שריַיבער וואָס וויל נישט פאַרלירן דאָס געפיל פון עקסיסטענץ, מוז ער זיך קאָנען בייגן. וואָס טיפער זיך בייגן. פאַר געלט, פאַר כּבוד, און פאַר אַזעלכן וואָס האָט מאַכט. נישט וויכטיק ווער ער איז, וואָס ער איז. בייג זיך, זאָגט ער, דו האָסט נישט קיין אַנדערע ברירה.

די גליַיכסטע, די שטאָלצסטע, זענען די געבויגענע.

דער זעלביקער האָט אויך געזאָגט:

איך וואָלט געוואָלט אַז איינער, אַ באַרימטער, זאָל צײַטוויַיליק שטאַרבן, און באַלד צוריק לעבעדיק ווערן, כּדי ער זאָל זען מיט זיַינע אייגענע אויגן, ווי ליַיכט די וועלט קאָן זיך אָן אים באַגיין.

— — —

און איך, אויב איך שטעל זיך פאַר פאַר דעם לייענער, מוז איך, אויסער מיַינע אומגעהיַיערע מעלות, אויסרעכענען אויך מיַינע חסרונות.

אַז איך וועל באַשריַיבן מיַינע מעלות, וועט מען מיר קיין העלפט דערפון נישט גלייבן. און אַז איך וואָלט באַשריבן אַפילו אַ קליינעם טייל פון מיַינע חסרונות, וואָלט איך מיך באַגראָבן פון בושה.

דערפאַר וועט מען לאָזן דאָס בוך אָן אַ הקדמה, און אָן אַן אַריַינפיר.

מיט אַן אַרויספיר האָט מען זיך קיין מאָל נישט באַניצט.

— — —

די דאָזיקע שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן סתּם אַזוי, זיי זענען נישט באַשטימט געווען צום דרוקן. טייל מאָל ווערן אין געדאַנק געבוירן געדאַנקען, וואָס דערקוטשען אַזוי לאַנג ביז מען מוז זיי אויפשריַיבן.

דערנאָך ווייסט מען נישט וואָס דערמיט צו טאָן, דרוקט מען זיי אָפּ.

וואַנצעס

דער מאַנוסקריפּט פון דעם בוך איז גרייט געווען צום דרוק אין חודש פעברואַר 1991. אין דער צײַט איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט איראַק. האָט מען אויפגעהאַלטן דעם מאַנוסקריפּט און אָפּגעהיטן אים פון כעמישע, ביאָלאָגישע און נוקלעאַרע סכּנות.

נאָך דער באַפרײַונג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, מענטשן האָבן זיך שוין געמאַטערט מיט אַ ביסעלע רויִקייט, איז געקומען אַן איראַקער מיט וואָנצעס, און ווידער אָנגעמאַכט אַ סומאַטאָכע מיט באָמבעס, מיסלס און מיט שרעקלעכע סטראַשונקעס.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אויך אָנגעהויבן מיט אַ באַוואָנצלטן דיקטאַטאָר. און דער גרויזאַמער קאָמוניסטישער דיקטאַטאָר איז אויך געווען אַ מאַן מיט וואָנצעס.

איצט איז געקומען אַ נײַער דיקטאַטאָר וואָס וויל מיט זײַן גרויזאַמקייט איבערשטײַגן די פריִערדיקע. ווידער מיט וואָנצעס.

די וואָנצעס פון דעם ערשטן דיקטאַטאָר, אַדאָלף, וואָס איז געקומען מיט אַ פּאַרמעסט אײַנצונעמען די גאַנצע וועלט, זענען געווען נישט קיין אָריגינעלע, אַ פּלאַגיאַט פון טשאַרלי טשאַפּלין, זײַנע אַלע זשעסטיקולאַציעס און באַוועגונגען זענען געווען דורכויס טשאַפּלינישע.

די וואָנצעס פון דעם צווייטן דיקטאַטאָר, דזשוגאַשווילי, זענען געווען שווערע, גראָבע, נישט קיין באַוועגלעכע, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ נישט באַוועגלעך פּנים. אַ פּנים וואָס האָט קיין מאָל נישט געשמייכלט.

די וואָנצעס פון דעם דריטן, סאַדאַם, וואָס וויל נעבעך האָבן די זכיה פאַרגליכן צו ווערן צו די ערשטע צוויי, זענען גאַווהדיקע, דעקאָראַטיווע, זייער גוטע צום פאָטאָגראַפירן.

די גרויסטע מלחמה־פירערס און גענעראַלן פון דער דעמאָקראַטישער וועלט, אַזעלכע ווי טשערטשיל, אײַזענהאַוער, מאָנטגאָמערי, דע־גאָל, זענען גוטע גענעראַלן, אָבער אָן אַ זכר פון וואָנצעס.

די גענעראַלן פון דער ישׂראלדיקער אַרמיי, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די מלחמות און געבראַכט דאָס לאַנד צו רויִקייט און ניצחון, זענען אַלע געווען אָן וואָנצעס.

דער סאַדאַם חוסיין האָט מן־הסתּם געטראַכט, אַז דער גרויסער

נאַפּאָלעאָן האָט פאַרלוירן די מלחמות ווײַל ער האָט נישט געהאַט קיין וואַנצעס.

אויסערלעכע עפעקטן מאַכן אַ גרויסן רושם אויף די אַראַבישע מענטשן. דער איראַקער סאַדאַם חוסיין וואָס ווייסט דאָס זייער גוט, איז אַרויסגעריטן איבער די באַגדאַדער גאַסן אויף אַ קלאָר־ווײַס פערד. אַזוי קלאָר און אַזוי ווײַס, גלײַך ווי מען וואָלט עס נאָר וואָס אַרויסגענומען פון דער פּראַלניע. און אויפן הינטן פון דעם פערד איז געהאָנגען אַ שטאָלץ פאַרריסענער ווידל, ווי ער וואָלט געווען אויסגעוואַשן מיט שאַמפּאָ. אַזוי האָט דאָס פערד פאַראַדירט איבער די גאַסן פון באַגדאַד, טראָגנדיק אויף זיך דעם העלדישן דיקטאַטאָר מיט די וואָנצעס. און אונטער זיך דעם שטאָלצן ווידל. און מען האָט נישט געוווּסט מיט וועמען פון זיי ביידן דאָס פערד האָלט זיך אַזוי אין גרויסן.

די טעלעוויזיע האָט אונדז אויך געוויזן ווי אַזוי זיי קושן זיך. בײַ יעדער באַגעגעניש פון אַראַבישע גדולים ווערט אַ גדולה און מען קושט זיך. איין מאָל אין דער רעכטער זײַט, איין מאָל אין דער לינקער זײַט, און איין מאָל סתּם אַזוי.

סאַדאַם חוסיין איז אַ הויכער, ווען עס קומט צום קושן מוז ער זיך גוט אַראָפּבייגן, כּדי מען זאָל כאָטש קאָנען דערגרייכן צו קושן אים אין אַקסל. די טעלעוויזיע האָט אונדז געוויזן ווי אַזוי ער צעקושט זיך מיט אַראַפאַטן, און מיט דעם מלך פון עבר־הירדן. אַזאַ פאַרגעניגן ווי אַרײַנצוכאַפּן אַ פּאָר קושן פון אַן אַנטיפּאַטיש־אַראַפאַטיש פּנים מיט אַ ווילדער שטעכיקער באָרד, דאַרף מען אים פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן.

דער מלך פון דער ירדן־מדינה איז אַ קליינטשיקער, בײַ אים האָט ער זיך געמוזט נאָך מער אַראָפּבייגן, אַנישט וואָלט אויסגעקומען אַז דער מלך זאָל אים קושן אין בויך אַרײַן.

— — —

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, חברים דרוקערס און זעצערס. מיט אַ רויִק געמיט קאָנט איר שוין איצט אָנהייבן אויסזעצן דאָס „קאָמישע און טראַגישן". באַמיט אײַך צו זײַן פּאָרזיכטיק און אָפּגעהיטן, אַז עס זאָלן זיך חלילה נישט אַרײַנכאַפּן אין דעם קאָמישן קיין טראַגישע גרײַזן. דער מחבר וואָס איז אויסערגעוויינלעך אַלערגיש אויף דעם דאַנקט אײַך פאָרויס.

אַן אייגענע מדינה

פראַלאָג פון דעם רעקאָרד „מײַן פּאַפּאַ דער טוריסט", אַרויסגעגעבן דורך סי־בי־עס אין יאָר 1966, אויסגעפירט דורך די הבימה־שוישפּילערס **שמואל סעגאַל** און **שמואל רודענסקי**.

— אַז מיר האָבן דערלעבט אַ מדינה, ווי בײַ לײַטן,
— איז עס טאַקע משיחס צײַטן.
— זי איז אַ ביסל צו קליין, אַ ביסל צו שמאָל.
— אָבער אַ מדינה, מדינת־ישׂראל.
— מיר האָבן אַ ים מיט ימען.
— אַ באַרג מיט בערג.
— גרויס ווי אַ גענעץ.
— אַ מדינהלע, אַ פּענעץ.
— און גרענעצן אָן אַ גרענעץ.
— די פּרדסים זענען תּמיד גרין.
— און דער הימל וואָס איז תּמיד בלוי
— גיט אונדז זון, גיט אונדז טוי.
— און יעדער ייִד רעדט זיך שוין אײַן אַז ער איז אַ גוי.
— הלוואי — זאָגט דער פעטער אפרים —
— זאָל דער שומר פּתאים
— אונדז צושיקן נאָך אַ מיליאָן אַזעלכע גויים.
— אַ קליין לענדעלע אָבער אַ וועלט.
— מיט אַן אונטערוועלט.
— אַזוי ווי אויף דער גאַנצער וועלט.
— גנבים און, להבדיל, כּלי־קודש.
— און יעדער גנב רעדט לשון־קודש.
— שטעט, און פאַבריקן.
— און ייִדן פון דער גאַנצער וועלט קומען אַהער,
— קוקן.
— אַ פאָלק וואָס שוין פון דורות, פון יאָרן,
— האַלט עס אין איין פאָרן.
— אַ פאָלק וואָס איז שוין, נעבעך, אַזוי צעפאָרן
— מיט דער שיף ! מיט דעם עראָפּלאַן,

— שטופּן זיך אַהין, ווו מען לאָזט זיי נישט אַריַין.
— אַ פֿאָלק וואָס האָט נאָר ליב צו זיצן ביַי יענעם.
— אַ פֿאָלק וואָס איז שוין אַדורך שיבעה־מדורי־גיהנום
— אַן אַתּה בחרתּנו, אַן עם סגולות.
— וואָס האָט ליב אַ ביסעלע הומאָר און אַ ביסעלע רכילות,
— חוזק מאַכן פֿון זיך אַליין, אַבי צו לאַכן.
— דאַרף מען זיי דערציילן פֿריילעכע זאַכן.

דער קרוג פון שלמה המלך

אַ פּאַרשטאָט אין תּל־אָביב. איינשטאָקיקע הײַזלעך מיט רויטע שיפּע דעכער, און געפּלעגטע גערטנדלעך אַרום זיי. אין איינעם פון די הײַזלעך האָט געוווינט אַ הויכער מאַן, אַן עלעגאַנטער, תּמיד אין העל־גראָע אָנצוגער, אַ פּאָר וואָנצעס, גאָלד־גערעמטע זונען־ברילן. יעדער טאָג, אין אַ באַשטימטער צײַט, זעט מען אים אויסשטײַגן פון זײַן אויטאָ און ער, צוזאַמען מיט זײַן גרויסן הונט, ווערן ווי אַרײַנגעשלונגען אין דעם הויז אַרײַן. און די איבערגעריסענע שטילקייט קערט זיך אום ווידער ווי פריִער.

קיינער האָט צו אים נישט גערעדט. ער האָט צו קיינעם נישט גע־רעדט. אַפילו דעם הונט, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זײַן אַ בייזער, האָט מען אויך קיין מאָל נישט געהערט קיין ביל טאָן.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן זייער לאַנג, ביז מיט איין מאָל איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן אין דעם הויז. קיינער קומט נישט אַרײַן, קיינער גייט נישט אַרויס. טיר און טויער פאַרמאַכט. די בלומען אַרום דעם הויז, וואָס זענען שוין אַ לאַנגע צײַט נישט באַוואַסערט געוואָרן, שטייען פאַר־וויאַנעטע. שכנים פּרוּוון זיך אַ מאָל איבערשמועסן וועגן דעם סודות־פולן הויז. אָבער קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

אַ פּאָליציי־אויטאָ איז איין מאָל אָנגעקומען, און איינער אַ שלאָסער האָט מיט אַ מכשיר געעפנט די פורטקע פון דעם געפלאַכטענעם פּאַרקן, דערנאָך די טיר פונעם הויז, און דער סוד פון דעם הויז איז אַנטדעקט געוואָרן.

דער איינוווינער פון דעם הויז איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער נאַרקאָטיק־הענדלער, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אין אַ קאָנפליקט מיט זײַנע מענטשן.

די פּאָליציי האָט געטאָן וואָס זי דאַרף, אַוועק און געלאָזן דאָס הויז וויסט און פאַרלאָזן.

נאָך אַ זייער לאַנגע צײַט איז דאָס הויז צוריק באַלעבט געוואָרן, עס האָט זיך אַרײַנגעצויגן אַ משפּחה פון פּרומע אַמעריקאַנער עולים, וואָס הייסן ראַבינאָוויטש. אויף די טירן זענען אָנגעקלאַפּט געוואָרן גרויסע מזוזות, און דער מיסטער ראַבינאָוויטש, אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים, תּמיד אַ צעשמייכלטער, מיט צוויי קלוגע אויגן, האָט זיך שנעל באַפרײַנדעט

מיט די שכנים אַרום און אָנגעהויבן לעבן מיט זיי אין גוטער שכנות.

אַ גערטנער האָט געגראָבן גריבער. אויף דער גאַנצער לענג פון דעם פראָנט פונעם הויז. דער גערטנער האָט אויסגעגראָבן די גריבער, כּדי צו פאַרפלאַנצן דאָרט אַ מיןביימער וואָס גיבן אַרויס געדיכטע צווייַגן מיט בלעטער, וואָס וועלן פאַרשטעלן דאָס הויז פון אַנטקעגן אים, כּדי ער זאָל נישט זען, אין פאַל די מענטשן דאָרט זענען עלול זיך אויפצופירן נישט ווי עס דאַרף צו זייַן, דער עיקר אין שבת, וועלן די ביימער פאַר־שטעלן און ער וועט גאָרנישט נישט זען. ער וויל נישט זען. און ער וויל זיך נישט מישן. דאָס זענען זאַכן בין אָדם למקום, און מיט דער צייַט, אויב זיי וועלן זיך חלילה אויפפירן נישט ווי ס׳געהער צו זייַן, וועלן זיי מן־הסתם חוזר־בתשובה זייַן.

בייַם גראָבן די גריבער האָט דער גערטנער אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטע זאַך. האָט ער מיט פּאַרזיכטיקייט געגראָבן אַרום דער זאַך מיט דער האַנט און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ קרוג.

האָט מען דעם קרוג אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש און דער גערטנער, צוזאַמען מיט דעם מיסטער ראַבינאָוויטש, האָבן זיך אָוועקגעזעצט באַ־טראַכטן געגנוי דעם קרוג. דער גערטנער וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מומחה אין די זאַכן פון אַרכעאָלאָגיע, האָט פעסטגעשטעלט אַז דער קרוג שטאַמט פון שלמה המלכס צייַטן, און לויט דעם וואָס דאָס מויל פון דעם קרוג איז אַזוי ווי פאַרחתמעט מיט ליים, איז אַ סימן אַז דאָס איז אַ חשובער קרוג. אין דער געגנט — האָט ער געזאָגט — האָט מען שוין אויסגעגראָבן גרויסע אוצרות וואָס שטאַמען פון יענע צייַטן, אַזוי אַז עס איז נישטאָ קיין ספק אין דעם וואָס ער האָט אים געזאָגט.

איצט — האָט ער אים געוואָרנט — דאַרף מען באַהאַלטן דעם קרוג, אַז קיין פרעמדער אויג זאָל דאָס נישט זען. על־פּי דין געהערט דער קרוג צו אייַך. ווייַל ער איז געפונען געוואָרן אין אייַער באָדן. נאָר לויט דעם דין פון דער ממשלה, קאָן זייַן גאָר אַנדערש. איז מייַן עצה, באַהאַלטן. נישט דערמאָנען און נישט רעדן וועגן דעם אַפילו פאַר די נאָנטסטע. נאָך בעסער וואָלט געווען ווען איר קענט עפּעס אויסגעפינען אַ מעגלעכקייט איבערצופירן דעם קרוג קיין אַמעריקע. דאָרט וועלן נישט פעלן קיין בעלנים וואָס וועלן זייַן גרייט צו באַצאָלן פאַר אַזאַ קרוג מיליאָנען.

דער מיסטער ראַבינאָוויטש האָט באַשלאָסן גלייַך אויפן אָרט אַז דאָס איז דער בעסטער געדאַנק און אַז עס איז נישטאָ קיין שום מניעה אַז ער זאָל דאָס נישט גלייַך אַדורכפירן.

✶

ווען דער מיסטער ראַבינאָוויטש איז אָנגעקומען צו דער באַגאַזש־קאָנטראָל אויפֿן ניו־יאָרקער פֿליפֿאָרט, האָט זיך עפּעס פֿון ערגעץ געיאָוועט אַ הונט, וואָס האָט אַרומגעטאַנצט אַרום זײַן וואַליזע און געבילט.

— דער הונט איז עפּעס נישט צופֿרידן פֿון אײַער באַגאַזש — האָט דער קאָנטראָלאָר אים געזאָגט — עפֿנט, זײַט מוחל, די וואַליזע, וועט מען זען וואָס דאָרט טוט זיך, ער האָט אַרויסגענומען דעם קרוג, באַטראַכט אים און געפֿרעגט: וואָס פֿאַר אַ קרוג איז דאָס עפּעס?

— דאָס איז אַ קרוג — האָט ער אים דערקלערט — וואָס שטאַמט פֿון שלמה המלכס פּאַלאַץ. איך בין פֿון ישׂראל. דאָרט ווערן אויסגעגראָבן זאַכן וואָס שטאַמען נאָך פֿון אַברהם אָבינוס צײַטן. דער קרוג איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין מײַן ערד. לעבן מײַן הויז.

דער קאָנטראָלאָר האָט אים אויסגעהערט און ער האָט אויפֿגעריסן דעם ליים וואָס האָט פֿאַרשטאָפּט די עפֿענונג פֿון דעם קרוג, און עס האָט זיך פֿון דאָרט אַרויסגעשיט אַ פּודער.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? שטעלט ער אויף אים אַן אַ פּאָר אויגן.

— וואָס פֿרעגט איר מיך אַזעלכע שאלות? איך קען וויסן וואָס שלמה המלך האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם קרוג אַרײַן?

— דאָס איז דאָך קאָקאַיִן!

— ס׳קען זײַן אַז אין שלמה המלכס צײַטן האָט מען... פֿון וואַנען קען איך וויסן וואָס עס האָט זיך געטון אין שלמה המלכס צײַטן?

✶

ווער ווייסט ווי לאַנג דער מיסטער ראַבינאָוויטש וואָלט זיך געמאַטערט אין דעם אַרעסט, ווען דער געניטער אַדוואָקאַט וואָלט נישט באַוויזן מיט אַלע געניויקייטן, אַז נאַרקאָטיקס, וואָס מען האָט געניצט אין שלמה המלכס צײַטן, האָט געהייסן קטרת, און דעם קטרת האָט מען געמאַכט פֿון צרי צפּורן און חלבנה, פֿון קיין קאָקאַיִן האָט מען דעמאָלט בכלל נישט געוווּסט. און דער קרוג אַליין איז אויך נישט שלמה המלכס. ער איז געמאַכט געוואָרן אין אַ פֿאַבריק אין פּתח־תקווה, וואָס געהערט צו אַ לעמבערגער ייִד און ער, דער קרוג, האָט געהערט צו איינעם וואָס איז געוועזן אַן אינטערנאַציאָנאַלער נאַרקאָטיק־הענדלער. מען קען אים נישט אַרעסטירן, ווײַל מען האָט אים געשאָסן.

✶

דער מיסטער ראַבינאָוויטש לאָזט מער נישט גראָבן אין זײַן גאָרטן. בשום־אופֿן נישט. לאָמען גראָבן — זאָגט ער — ווו מען וויל, נאָר נישט בײַ מיר. ער וויל אַפֿילו נישט זאָגן פֿאַר וואָס.

אַ הונט אַ יתום

דאָס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, אויף דער דיזענגאָף־גאַס אין תּל־אָביב זענען שוין געווען ווייניק שפּאַצירנדיקע. שלמה פלעכטער האָט אַהיימגייענדיק פון קינאָ געפירט אונטערן אָרעם, מיט גרויס חשיבות און דרך־ארץ, זײַן פרוי שושנה, אַ טאַלאַנטירטע קאָרסעטן־מאַכערין, אַ באַוווּסטע אין שטאָט.

אַ הינטל איז געלעגן אויפן טראָטואַר בײַ דער וואַנט, מיטן קאָפּ אויף ביידע פאָדערשטע לאַפּעס און געקוקט פאַרטראַכט אויף אַ לאַמטער.

ווער קאָן וויסן, וואָס אַזאַ הונט, נאָך האַלבער נאַכט, איז בכּוח צו טראַכטן?

שלמה פלעכטער, פאַרבײַגייענדיק, האָט ער אַ סמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן צום הינטל. האָט זיך דאָס הינטל פּויל אויפגעשטעלט, אַז מען רופט, איז דאָך נישט פאַראַן צו זאָגן, געדרייט מיטן עק און גענומען נאָכגיין.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר פון זייער וווינונג, איז דער הונט שוין געשטאַנען דער ערשטער אַרײַנצוגיין, אַזוי ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען אַן אַלטער תּושב.

האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן אַוועקטרײַבן דעם הונט. זיי ווילן דאָך נישט אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב אַ פרעמדן הונט, אַ גאַסנהונט, אַ פאַר־בלאָנקעטע חיה, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קראַנקהייטן דאָס שלעפּט מיט זיך. אויסער דעם האָבן זיי בכלל נישט ליב קיין הונט. קיין מאָל נישט ליב געהאַט קיין הינט. עפּעס אַ משוגעת איז אים אײַנגעפאַלן אַ סמאַטשקע צו טאָן צו אַ הינטל אין גאַס.

נאָכדעם ווי דאָס פאַרפאַלק האָט פאַרטריבן דעם הונט, זייער ווײַט אים פאַרטריבן, האָבן זיי פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר, און פון גרויס מידקייט זענען זיי גיך אײַנגעשלאָפן מיט אַ גוט געפיל, וואָס ענדלעך האָבן זיי זיך באַפרײַט פון אַזאַ אָנשיקעניש.

ביידע זענען זיי אין טיפער נאַכט איבערגעוועקט געוואָרן דורך אַ קראַצערײַ אין דער טיר, באַגלייט מיט אַ שטאַרקער האַוקערײַ. מען האָט גלײַך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דעם הונטס מלאכה, און אַז פון דעם אָנשיקעניש זענען זיי, ווײַזט אויס, נאָך נישט באַפרײַט געוואָרן. האָבן זיי זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט פון די געלעגערס, פאַרטרײַבן דעם

הונט פון דער טיר, מ׳קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז דער הונט זאָל אויפֿ־וועקן אַלע שכנים.

אַזוי ווי זיי האָבן געעפֿנט די טיר, איז דער הונט אַרײַן אין שטוב, אַרונטער אונטער אַ בעט, פֿאַרשטופּט זיך אין אַ ווינקל, און גיי טו אים עפּעס.

צוליב דעם וואָס מען האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין טומל אין מיטן דער נאַכט, האָבן זיי אָפּגעלייגט די זאַך אויף מאָרגן און געלאָזט דעם הונט איבערנעכטיקן.

צו מאָרגנס האָט מען דעם הונט פֿאַרטריבן, אויף קילאָמעטערס ווײַט האָבן זיי אים פֿאַרטריבן, און שוין, באַפֿרײַט זיך פֿון אַן אַנשיקעניש.

אין זעלבן טאָג, אָוונטס, האָט מען געגרייט אַן אָוונטברויט לכּבֿוד אַ גאַסט, און דער גאַסט איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסער גדולה, און מיט אַ גאָר גוטן סימן אויף מזל, ווײַל אַ הינטל איז אים נאָכגעגאַנגען מיט הכנעה דעם גאַנצן וועג, און אָט, דאָ איז ער! איר זעט? דער הונט איז אַרײַן אין שטוב און אַרונטער גלײַך צו זײַן פּלאַץ, אונטערן בעט.

דער גאַסט — אַ גוואַלדיקער צער־בעל־החיימניק, האָט בשום־אופֿן נישט געלאָזט טרײַבן דעם הונט. פֿאַרקערט, ער האָט זיך נאָך געטיילט מיט אים מיטן אָוונטברויט. סאַרדינען, קרעפּלעך, פֿלייש און טאָרט אויף דעסערט.

ס׳איז געוואָרן שפּעט נאַכט, דער גאַסט איז אַוועק, דער הונט, אַ זאַטער נאָך אַזאַ מאָלצײַט, איז אַרונטער צו זיך אונטערן בעט, און מען האָט ווידער אָפּגעלייגט אַלץ אויף מאָרגן, מ׳קאָן דאָך נישט מאַכן קיין טומל אין מיטן דער נאַכט.

צו מאָרגנס האָבן זיי זיך גוט אַדורכגעלייגט דעם ענין, אַז אַזוי סתּם פֿאַרטרײַבן דעם הונט וועט נישט העלפֿן, האָבן זיי באַשלאָסן אַז ער נעמט דעם הונט און פֿאָרט מיט אים אַוועק קיין חיפֿה. ווי אַזוי וועט אַ הונט וויסן צוריקצוקומען פֿון חיפֿה קיין תּל־אָביבֿ? נאָך דערצו אין אַ צײַט פֿון אינטיפֿאַדע׳ס?

אויפֿן וועג קיין חיפֿה, אין דער באַן, זיצט קעגן אים איינער, וואָס לאָזט נישט אַראָפּ דאָס אויג פֿונעם הינטל.

דער איינער איז אַ ווינער, אַן אַרכיטעקט, אַ גרויסער מבֿין און אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון הינט. ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט, ביז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, און געזאָגט, אַז דאָס איז אַזאַ מין הונט וואָס איז געטרײַ ווי אַ הונט, איבערגעגעבן ווי אַ הונט און אונטערטעניק ווי אַ הונט, דערצו אויך זייער קאַפּריזנע און עמפּינדלעך. און אויב — האָט ער געזאָגט — איר פֿאַרשטייט נישט ווי אַזוי מיט אַזאַ הונט אומצוגיין, איז גלײַכער

איר זאָלט אים מיר פֿאַרקויפֿן, וועט איר וויסן אַז ער פֿאַלט אַרײַן אין גוטע הענט. און באַלד נאָך דעם איז דער עסק געשלאָסן געוואָרן. דער הונט איז איבערגעגאַנגען אין רשות פֿון דעם ווינער אַרכיטעקט פֿאַר הונדערט דאָלאַר. באַפֿרײַט זיך פֿון אַן אַנשיקעניש און באַקומען נאָך דערפֿאַר הונדערט דאָלאַר.

נאָך אַ פּאָר טעג איז דער אַרכיטעקט געקומען צו אים אין שטוב צוזאַמען מיטן הונט. בכן, ער בענקט. דער הונט בענקט. גאַנצע טעג ליגט ער אַ פֿאַרטראַכטער, מיט זייער טרויעריקע אויגן, און בענקט. איז ער געגאַנגען מיט אים צו אַ דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר — אַ באַרימטער הונט־פּסיכיאַטער — האָט פֿעסטגעשטעלט אַז דער הונט איז אַ יתום. און ער בענקט נאָך זײַן פֿריִערדיקן באַלעבאָס, וואָס איז מן־הסתּם געשטאָרבן. האָט ער אים אַהערגעבראַכט אויף אַ פּאָר טעג. מען טאָר נישט — זאָגט ער — אָפּרײַסן דעם הונט פֿון זײַן איצטיקן באַלעבאָס אויף אַ גוואַלדאַוונעם אופֿן, מיט איין מאָל. מיט אײַך איז ער דאָך שוין מער געוווינט ווי מיט מיר. ער פֿאַרלאַנגט נישט, חלילה, בחינם, ער צאָלט אים דערפֿאַר צען דאָלאַר פֿאַר יעדן טאָג מיט פֿולן פּענסיאָן, אַ ביינדל פֿון אַ הון יעדן מעת־לעת.

שלמה פּלעבטער האָט געזען, אַז דאָס קאָן זײַן נישט קיין שלעכט געשעפֿט, האָט ער אַנאָנסירט אין דער צײַטונג אַז ער האָט אַ פּענסיאָן פֿאַר הינט. צען דאָלאַר אַ טאָג, פֿולער פּענסיאָן און פֿאָטערלעכע באַהאַנדלונג. און ער האָט געוואַרט אויף די נײַע פּאַציענטן.

דער הונט איז פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַראָפּגעגאַנגען אויף אַ מינוט אויסצוגעפֿינען פֿאַר זיך אַ באַקוועמען בוים... און נישטאָ. ווי אין וואַסער אַרײַן.

איינער — זאָגט מען — וואָס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט צו אים אַ סמאָטשקע געטאָן, און דער הונט איז אַוועק נאָך אים. ווער ווייסט ווּהין.

דרײַ מאָל זענען שוין געווען אַנאָנסן אין צײַטונג, אַז ס׳איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ הונט אַ יתום פֿון אַ ריינער מעקסיקאַנישער ראַסע. דער ערלעכער געפֿינער וועט דערפֿאַר זייער גוט באַלוינט ווערן.

דערווײַל האָט אים נאָך קיינער נישט געבראַכט.

שלום־עליכם אַ טוריסט

עס איז מיר אַקעגנגעקומען אַ ברייט פּנים מיט שווערע ברילן און אַ קליין קאַפּעליושל. דאָס איז געווען אין אַ דריבנעם רעגנדל פון אַ ווינטערדיקן אָוונט אין תּל־אָביב.

— ליסן — האָט ער זיך געוואַנדן צו מיר — זאָגט מיר, פּליס, איר רעדט אפשר ענגליש?

— אַ ביסל.

— איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, ווייס איך נישט צי איר פאַרשטייט ענגליש.

— נאָך וואָס דאַרפט איר ענגליש? איר רעדט דאָך, זע איך, גאַנץ גוט ייִדיש.

— איך? שור, און איר? ייִדיש פאַרשטייט איר יאָ?

— איר רעדט דאָך מיט מיר, איך ענטפער אײַך, וואָס זשע פרעגט איר?

— כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן. איר קענט מיר אפשר זאָגן ווי גייט מען דאָ אויף דער גאָס... נו... ווי הייסט זי? יו סי? איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען פון דער גאָס. וועיט אַ מיניט, וועל איך זיך דערמאָנען, מײַן מעמאָרי איז זייער גוט, נאָר איך פאַרגעס שטענדיק נעמען פון גאַסן, מענטשן, און אַנדערע זאַכן.

— איר וועט זיך דערמאָנען — זאָג איך אים — דערנערוווירט אײַך נישט. גאַנץ אָפּט געשעט בײַ אַ מענטשן אַזעלכעס, וואָס פּלוצעם פליט עפּעס אַרויס פון זכּרון. איר זענט פון אַמעריקע?

— יעס! פון וואַנעט ווייסט איר? זעטס נאָר, זעטס נאָר, ווי ער האָט זיך געכאַפּט. אַ טוריסט בין איך!

— שלום־עליכם אַ טוריסט.

דער רעגן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. כ׳וועל זיך דאָך נישט אָוועקשטעלן מיט אַ מענטשן, אַ טוריסט, אונטער אַ רעגן, און וואַרטן ביז ער וועט זיך דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ גאָס. האָב איך אים אַרײַנגע־פירט אין דערבײַאיקן קאַפעהויז און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ טעפּעלעך עספּרעסאָ ביז דער רעגן וועט איבערגיין, און ער וועט זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון דער גאָס.

— דאָנט וואָרי — גיט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע — איך וועל

באַצאָלן פאַר ביידע קאָפּיס, נאַ פּראָבלעם, איר זעט, איך קאָן מיר נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער גאַס. די גאַס הייבט זיך אָן מיט אַ רייש.

— רש״י ?

— ניין.

— ראַבינאָוויטש ? רעמבראַנדט ? רײַנעס ? רמב״ם ?

— ניין, ניין, וועיט אַ מיניט, כ׳האָב עס געהאַט דאָ ערגעץ ווו פאַרשריבן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין נאָטיצל פון טאַש און אָנגעהויבן עס בלעטערן לעבן די אויגן.

— — —

ער קוקט אויס צו זײַן אַ גוטמוטיקער מענטש, ער האָט זייער אַ מילד פּנים, אויסערגעווײנלעך קורצזיכטיק. דער שטערן איז אים פאַרצויגן מיט דאגה, ווײַל ער זוכט אין דעם נאָטיצל אַ נאָמען פון אַ גאַס וואָס ער קאָן זיך נישט דערמאָנען.

— יו סי ? ! האָט ער אויסגערופן מיט פרייד, איך האָב געפונען ! איך האָב געוווּסט אַז עס דאַרף ערגעץ זײַן פאַרשריבן. די גאַס הייסט גאולה.

— איר האָט דאָך געזאָגט אַז זי הייבט זיך אָן מיט אַ רייש.

— שור ! מיט אַ רייש ! רחוב גאולה. מען האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז דער דריטער קאָרנער, דער פינפטער בלאָק, דער ערשטער בילדינג, דער צווייטער פלאָר.

— איצט — זאָג איך אים — רעגנט דאָך, זיצט אַ ביסל, דער רעגן וועט איבערגיין וועט איר צוגיין. ס׳איז נישט ווײַט פון דאַנעט.

— דענק יו ! דאַנט וואָרי, איך וועל באַצאָלן פאַר ביידע קאָפּיס. איר זענט שוין לאַנג אין ישׂראל ?

— זייער לאַנג.

— איר האָט אַ סטאָר ? איר ווייסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ סטאָר ?

— כ׳ווייס, אַ געשעפט, חנות רופט מען עס אויף עברית. ניין, כ׳האָב נישט קיין געשעפט.

— איז פון וואָס מאַכט איר אַ לעבן ? איר האָט אפשר אַ מענופעקטשער ? איר ווייסט וואָס דאָס איז אַ ?...

— יאָ, כ׳ווייס, אַ פאַבריק. ניין, איך האָב נישט קיין פאַבריק.

— איז וואָס האָט איר יאָ ?

— עס פעלט מיר נישט אויס קיין פּרנסה. און אויב איר ווילט דווקא

וויסן וואָס איך האָב, ווען איר איַיך זאָגן, איך האָב אַ מדינה, אַ יידישע מדינה. און וואָס האָט איר?

— איך האָב אַ מאַנעפעקטשער אָף מעטאַל־פאַרניטשערס. איר ווייסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס?

— יאָ, איך ווייס, אַ פאַבריק פון מעטאַל־מעבל. און פון דעם מאַכט איר אַ לעבן.

— ניין. איך האָב נאָך אַ פאַבריק פון צוקער אין קאָלומביאַ.

— זענט איר דאָך אַ רייַכער מענטש.

— וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז איך בין אַן עם־האָרץ? איך האָב אויך אַ ראַדיאָ־סטיישן אין באָסטאָן. איר האָט געהערט פון איינעם וואָס הייסט אבא אבן?

— אַ שיינע פראַגע, צי איך האָב געהערט פון אבא אבן.

— ער איז געווען דער פאָרשטייער פון ישראל אין דער אונאָ.

— איך ווייס ווער ער איז.

— ער איז אויך געווען דער אַמבאַסאַדאָר...

— איך האָב דאָך איַיך געזאָגט, אַז איך ווייס ווער ער איז.

— ער האָט גערעדט אויף מיַין ראַדיאָ־סטיישן, ענגליש. אַ ביודיפול ענגליש.

— זענט איר דאָך אַ מיליאָנער.

— שור! איך האָב אויך אַ פעמילי־הויז אין פלאָרידאַ מיט אַ סווימינג־פול, און אויך אַ שיף, און איך גלייַך ישראל.

— זייער שיין! איר גלייַכט ישראל און איר שווימט זיך יעדן טאָג אין איַיער סווימינג־פול, און אין איַיער שיף?

— נעווער. קיין מאָל נישט, ערשטנס איז עס דערפאַר וויַיל איך בין קורצזיכטיק, און צווייטנס בין איך אָלוויס ביזי, איך בין... וועיט אַ מיניט, וועל איך זיך דערמאָנען, איך האָב פאַרגעסן ווי מען זאָגט דאָס וואָרט אויף יידיש.

— זאָגט עס אויף ענגליש.

— ניין, איך וויל עס זאָגן אויף יידיש, וויַיל איך בין אַ טוער אין אַ יידישער קולטשור־סאָסאַייטי, איך בין אַ יידישיסט. און איך טייל פּרעמיעס יידישע שריַיבערס.

— אויף צום טיילן שריַיבערס פּרעמיעס, מוז אויף דעם זיַין אַ זשורי.

— אַוודאי איז דאָ אַ זשורי! אָבער די זשורי טיילט צו די פּרעמיע דעם שריַיבער וואָס איך הייס. און דעם וואָס איך הייס נישט, איז ביַי, ביַי. איך דערצייל איַיך דאָס, וויַיל איך וויל איר זאָלט וויסן ווער איך בין. אויב איר ווילט וויסן מער זאַכן וועגן מיר, קאָן איך איַיך נאָך דערציילן.

— דערוויַיל וועט זײַן גענוג. זענט איר, הייסט דאָס, געקומען קיין ישׂראל, און איר האָט אײַערע פּלענער עפּעס דאָ צו טאָן.

— שור. איך וועל פאָרן קיין טבריה. מען זאָגט אַז דאָרט איז דאָ גוטע וואַסער פאַר רעוומאַטיזם.

— איך מיין וועגן אינוועסטירן, אויפשטעלן אַ פאַבריק, בויען אַ האָטעל.

— איר ווילט פאַרדינען מעקלערײַ?

— חלילה! איך מיין עס לטובת דער מדינה. מיר דאַרפן האָבן אַזעלכע ייִדן ווי איר. מיר האָבן דאָ אַ נגב. איר ווייסט וויפל אוצרות מען קאָן געפינען אין דעם נגב? קופּער, אײַזן, נאַפט.

— ווילט איר אַז איך זאָל זיך אַרומדרייען אין נגב אונטער אַ ברענענדיקער זון און זוכן קופּער מיט נאַפט? קודם־כּל וויל איך זיך זען מיט דעם טשיף פון דער אַרמיי. איך האָב אַ היסטאָרישן טראָמפּייט, אַ ירושה פון מײַן טאַטן וואָס איך האָב אויפגעהיטן מײַן גאַנצן לעבן. מײַן טאַטע האָט געדינט אין פּוילישן מיליטער בײַ די הוזאַרן. און ער איז דאָרט געווען דער טראָמפּייטיסט. אַז איך האָב דערלעבט צו אַ ייִדישע מדינה, וויל איך דעם טראָמפּייט שענקען פאַר דער אַרמיי.

— צו דעם מוזסט איר זיך טרעפן מיט דעם טשיף פון דער אַרמיי? שיקט עס אים אַוועק מיט דער פּאָסט און מיט אַ בריוו.

— אַ נאָ. איך וויל מען זאָל פּיקטשען ווי אַזוי איך גיב אים איבער דעם טראָמפּייט אין זײַנע הענט אַרײַן. דערנאָך וועט מען אָפּדרוקן די פּיקטשע אין דעם דזשואיש פּעיפּער. שוין! דאַכט זיך, אַז עס האָט שוין אויפגעהערט צו רעגענען. איך וויל צוגיין צו דער גאַס, ווי זאָגט איר הייסט זי די גאַס? די וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ רייש?

— גאולה.

— דאָרט וווינט מײַנער אַן אָנקל, זייער אַ פרומער ייִד, און אַ גרויסער אָרעמאַן, קוים וואָס ער האָט צום עסן. ער זיצט גאַנצע טעג און לערנט. ער וואַרט, זאָגט ער, אַז משיח זאָל קומען. וועל איך איצט צוגיין צו אים נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף זיך עפענען אַ סטאָר פון פלייש, ווײַל פלייש איז אַ ברויט־אַרטיקל, וועט ער זיך דעמאָלט קאָנען דערלויבן צו עסן יעדן טאָג באַרביקיו. אַז מען עסט יעדן טאָג באַרביקיו, דאָס איז געגרילטע הון מיט פרענטש־פריי און מיט אַ גלעזל וויסקי, קאָן ער שוין דעמאָלט זיצן רויק און וואַרטן אַז משיח זאָל קומען. כ׳בין נישט גערעכט?

— וואָס? איר האָט שוין באַצאָלט פאַר די קאַפּיס?! איך האָב דאָך אײַך געזאָגט... נו... אַ קעי... בײַ בײַ.

דער הײַנטיקער יונגער שׂכל...

איך פֿאַרשטיי נישט וואָס עס טוט זיך אין דער הײַנטיקער וועלט? איך קאָן דאָס נישט משׂיג זײַן. און איך ווייס נישט מיט וואָס פֿאַר אַ נאָמען דאָס אָנצורופֿן.

איך שפּאַציר זיך דורך אין תּל־אָביב, אַ ייִדישע שטאָט קאָנעהאָרע, טרעף איך אַ ייִנגל, אַ קליין ייִנגעלע וואָס רייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— ווי קומט עס — פֿרעג איך אים — וואָס אַזאַ ייִנגעלע ווי דו זאָל שוין רייכערן פּאַפּיראָסן?

— איך בין נישט — זאָגט ער — קיין ייִנגעלע, איך בין אַ מיידעלע. איך גיי אָנגעטאָן אין הויזן, קוק איך אויס ווי אַ ייִנגעלע.

— אויב אַ מיידעלע, דאַרפֿסטו דאָך אַוודאי נישט רייכערן.

— דער טאַטע — זאָגט זי — האָט מיר געגעבן אַ גאַנץ שאַכטל מיט פּאַפּיראָסן.

פֿרעג איך דעם טאַטן:

— היתּכן? וואָס גיט איר עפּעס אײַער מיידעלע צו רייכערן פּאַפּי־ראָסן? אַזוי טוט אַ טאַטע?

— איך בין נישט — זאָגט ער — דער טאַטע, איך בין די מאַמע. ס'איז שווער צו דערקענען, ווײַל זי גייט אויך אָנגעטאָן אין הויזן.

— פֿאַר וואָס דערלויבט איר, אַלס מאַמע, אַז דער טאַטע זאָל געבן אַזאַ קינד אַ גאַנץ שאַכטל פּאַפּיראָסן?

— ווײַל — זאָגט זי — ער האָט אָנגעהויבן הוסטן, האָט ער מורא געקריגן... מען שרײַבט דאָך וועגן דעם אין דער צײַטונג שרעקלעכע זאַכן, האָט ער אָוועקגעגעבן די פּאַפּיראָסן דעם קינד.

וואָס פֿאַר אַ דור קאָן שוין אַרויסוואַקסן פֿון אַזעלכע טאַטע־מאַמע?

כ'האָב געוואָלט אַ מאָל אַרויפֿרופֿן פֿון גאַס אַ ייִד צום מנין, האָב איך פֿאַרהאַלטן אַ פֿרוי וואָס איז שוין געווען אין אַכטן חודש. אַז מען קאָן נישט אונטערשיידן צווישן אַ זכר און אַ נקבה. איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן צו וואָס פֿאַר אַן אומגליקן אַזעלכע זאַכן קאָנען ברענגען?

איך האָב שוין געטראַכט, אַז מיר, עלטערע פֿרומע ייִדן, זאָלן... כ'זאָל אַזוי וויסן פֿון שלעכטס, צי איך ווייס וואָס מיר זאָלן. ס'איז דען אַ וווּנדער וואָס מען ווערט צעטומלט?

מען זאָגט אַז די הײַנטיקע יונגע מענטשן זענען קליגער פֿון די אַלטע.

איך בין שוין קאַנעהאָרע אַ ייִד אין דער טיפֿער עלטער, האָב איך געזאָגט צו איינעם, אַ יונגן מענטש; איך וויל פֿון אײַך הערן — האָב איך אים געזאָגט — וואָס איר האָט צו זאָגן צו דעם וואָס איך וויל אײַך דערציילן. וואָס דאַרף מען דערציילן, איך וועל אײַך בעסער ווײַזן אַ בריוו וואָס איך האָב דערהאַלטן פֿון מײַנעם אַ פּלימעניק פֿון אַמעריקע. וועגן דעם בריוו וויל איך הערן אײַער מיינונג. אַ מיינונג פֿון אַ הײַנטיקן יונגן מענטש.

כאַפּט נישט, איך וועל אײַך דעם בריוו אַליין איבערלייענען, ווײַל נישט איר, און נישט קיינער ווער קאָנען עפּעס תּופֿס זײַן פֿון דעם כּתב זײַנעם, און פֿון זײַן עברי. מיר אַליין איז עס אויך נישט לײַכט אָנגעקומען, ביז איך האָב דאָס צעקײַט, ווײַל ער שרײַבט ייִדיש מיט נײַ־דערפֿונדענע גרײַזן.

ליבער אָנקל — שרײַבט ער — שוין אַ לאַנגע צײַט וואָס איך טראָג זיך אַרום מיט דעם געדאַנק דיר צו שרײַבן, נאָר עס איז מיר נישט אויסגעקומען, ווײַל דער קאָפּ איז מיר געווען ביזי. ביזי, איז — ווײַזט אויס — אַן אַמעריקאַנער וואָרט.

די בערזע — שרײַבט ער — צעדרייט דעם קאָפּ. ווען די גייסט פֿאַרקויפֿן איז פּונקט געפֿאַלן, און ווען די גייסט קויפֿן האָט זיך פּונקט געהויבן. דאָס רופֿט זיך אָפּ אויף די נערוון און אויפֿן האַרץ.

איך זע איצט אַז דער טאַטע מײַנער איז געווען אַ ייִד אַ חכם, ער פֿלעגט מיר תּמיד זאָגן: סראָלקע, געדענק, סראָלקע, אַ מענטש דאַרף זײַן אַ מענטש, אַנישט איז דער מענטש קיין מענטש נישט.

איצט זע איך וואָס פֿאַר אַ חכם דער טאַטע איז געווען. יעדער וואָרט זײַנס האָט נאָך הײַנט די ווערט פֿינעף דאָלאַר מיט זעכציק.

נאָך זײַן טויט האָב איך געדונגען אַ ייִד מיט אַ גראָע באָרד, ער זאָל נאָך אים זאָגן קדיש מיט זײַנע פּאַרווײַנטע אויגן, ס׳איז זעלטן צו זען אַזעלכע פֿאַרווײַנטע אויגן, ווי דער ייִד האָט געהאַט. ער האָט נישט פֿאַרלאַנגט קיין סך, און איך האָב נאָך עפּעס אַראָפּגעדונגען.

פּסח־צײַט האָט זיך דער טאַטע געפֿלעגט אָוועקזעצן אויף די אויסגעבעטע קישנס צום סדר, און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן, עליו־השלום, האָט מען דאָך געפֿילט ווי די ייִדן גייען אַרויס פֿון מיצרים, באַנען, אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. האָבן זיי נעבעך געטשאָפּעט מיט די פֿיס אין די זאַמדן, און איידער איך האָב דערלעבט אַז דער טאַטע זאָל שוין האָבן אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון מיצרים, איז מיר שיער די נשמה אַרויס פֿון הונגער. דער טאַטע פֿלעגט עסן מצה־שמירעכץ. די מצות האָבן געקאָסט אַ סך געלט און מ׳האָט נישט געזען אין זיי קיין דיפֿערענץ. דערנאָך האָט מען געטרונקען די אַרבע כּוסות אין זאַלצוואַסער,

ווײַל די ייִדן האָבן געהאַט אַ נס וואָס דער ים האָט זיך געשפּאָלטן, אַנישט וואָלט מען זיי געכאַפּט מיט די געשמוגלטע זאַכן, און מען וואָלט זיי פאַרשיקט קיין סיביר. מען האָט אויך געגעסן האַרטע אייער, צוליב די מכּות וואָס פּרעה האָט געקריגן. גוואַלד, וואָס פאַר אַ מכּות! זשאַבעס, און כ׳בעט אײַך איבער...

איך דערציייל עס דיר, ליבער אָנקל, קעגן דעם וואָס עס דערנענטערט זיך דער פּסח, וויל איך דו זאָלסט אַהערקומען און מאַכן אַ סדר, אַ ריכטיקן טעריפיק־סדר. עס בענקט זיך מיר נאָר אַן אמתדיקן אַמאָליקן סדר. ווײַל דאָס גאַנצע לעבן — האָב איך געזען — האָט נישט די ווערט וואָס דאָס האָט די ווערט. מענטשן, יונגע מענטשן, שטאַרבן אַוועק פאַלנע מיליאָנערן. דאָס האַרץ ווערט צעשניטן פון צער, ווען מען קוקט זיך צו, צו די יונגע פאַרמעגנס, וואָס עס איז נישטאָ ווער עס זאָל עס אָפּראַטעווען.

אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן קאָנען געשען אין אַזאַ רײַך לאַנד ווי אַמע־ריקע, איז עק וועלט!

מען קאָן אָבער נישט איבערמאַכן דאָס לעבן. אַ מאָל איז עס אַזוי, און אַ מאָל איז עס אַזוי, און אַ מאָל איז עס אין גאַנצן פאַרקערט.

דערפאַר וויל איך, אַז דו, מײַן איינציקער אָנקל, זאָלסט אַהערקומען און אַדורכפירן אַ סדר. אויף מיר אַליין, איך זאָל מאַכן אַ הגדה מיט אַ הפטורה, קאָן מען זיך שוין נישט פאַרלאָזן.

אַז איך וועל דערהאַלטן פון דיר אַ בריוו אַז דו ביסט מסכּים צו קומען, גיי איך אַרײַן אין סופּערמאַרקעט און קויף אײַן אַלץ וואָס מען דאַרף פאַרן סדר. אַלץ איז דאָרט צו באַקומען. אייער־מצות, ציבעלע־מצות, קימל־מצות, און מצה־שמירעכץ. אַפּיקומן אין פּושקעס, חרוסת אין פלעשער, לאָקשן־קוגל מיטן סטעמפּל כּשר לפּסח.

דער שכן מײַנער, משה קריסטין, אַ פּרומער רעפאָרמירטער ייִד וועט מיר אויסבאָרגן זײַנס אַן אייניקל, וואָס וועט קומען פרעגן די „קאָשעס״ אויף ענגליש.

פאַרן חד־גדיא, ווען „עלענאָווע״ וועט שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען, וועלן קומען מײַנע פרײַנד שפּילן פּאָקער. גאָר פײַנע מענטשן, נאָר אין אַ פּאָקער דאַרף מען מיט זיי זײַן זייער פאַרזיכטיק. דערנאָך וועט מען זיך אַרײַנכאַפּן ערגעץ אין אַ קאַסינאָ און פּראָבירן ס׳מזל... ווי דו זעסט, טײַערער אָנקל, וועל איך זאָרגן אַז דו זאָלסט האָבן אַ גוט טײַם.

זײַ געזונט און לאָמיר דערלעבן אַז דער משיח זאָל שוין קומען, און מען זאָל שוין קאָנען זיצן מיט אַ רויִקן קאָפּ און מאַכן ביזנעס.

— — —

איר האָט געהערט געגוי אַלץ וואָס איך האָב אײַך געלייענט? איצט וויל איך הערן אײַך, וואָס איר וועט מיר זאָגן וועגן דעם, איך וויל וויסן וואָס איר טראַכט וועגן אַזאַ מין ברייוו.

— נישטאָ וואָס צו טראַכטן. מען לאַדט אײַך אײַן, פּאָרט מען. הלוואי וואָלט מען מיך אײַנגעלאַדן, ווי איך וואָלט נישט געטראַכט קיין רגע.

— אַהאַ... פּאָרט מען — זאָגט איר — עסן לאָקשן־קוגל כּשר לפּסח? הערן די קשיות אויף ענגליש, און שפּילן פּאָקער. און אַזאַ ייִד ווי איך דאַרף זיך צוהערן וואָס די יונגע זאָגן. ווײַל די הײַנטיקע יונגע — זאָגט מען — זענען קליגער פון די אַלטע? יאָ??!

זי ווייסט וואָס זי רעדט...

דער אויטאָ פון דער גיכער הילף האָט געבראַנגט אַן אַלטע פרוי אין שפיטאָל אַרייַן. נאָך דער ערשטער באַהאַנדלונג איז די פרוי געבליבן אין דער אָפּטיילונג פאַר אָבסערוואַציע.

אין דער שטילקייט פון דער טיפער נאַכט האָט די פרוי אָנגעהויבן פּלוצעם צו שרייַען. אַ קראַנקן־שוועסטער איז גלייַך צו, געוואויר ווערן וואָס עס האָט פּאַסירט.

— איך שרייַ — האָט זי געזאָגט — ווייַל דער מאַן וואָס ליגט דאָ דערנעבן האָט אויפגעהויבן די פאָרהאַנג וואָס איז צווישן ביידע בעטן, און מיט אַ פינגער מיך גערופן אַז איך זאָל אַרייַנגיין צו אים אין בעט אַרייַן.

אַזעלכעס צו פאַרלאַנגען פון אַ קראַנקער פרוי אַ גרושה, איז אַ שרעקלעכע געמיינקייט וואָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן. די מענער דאָס איז אַ פאָלק פון נישט געצוימטע חיות, וואָס דאַרפן אויסגעראָטן ווערן ביז דעם לעצטן. דאָס האַרץ גייט מיר אויס פון פּחד נאָך דעם אָנבליק פון זייַן פינגער. אַ פינגער מיט אַ רינג. אַ פאַרהייראַטער מענטש וואָס איז געגאַנגען פאַרראַטן זייַן געליבטע פרוי.

— באַרויִקט אייַך — האָט די שוועסטער איר געגלעט איבערן קאָפּ — עס האָט זיך אייַך אויסגעדאַכט, דער מאַן איז אַ שווער קראַנקער, אַ מענטש אָן אַ מוח, ער האָט אַלדצהיימער.

— ער האָט נישט! ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט! ער איז אַ ליגנער, זיי זענען אַלע ליגנערס. קיין איין וואָרט אמת גייט נישט אַרויס פון זייער מויל. זיי, מיט זייערע ליגנס, האָבן אומגליקלעך געמאַכט אַלע פרויען. און זיי זענען די שולדיקע אין אַלע אומגליקן וואָס געשעען אויף דער וועלט. מען דאַרף זיי אויסראָטן ביז איינעם, אַנישט וועלן זיי ברענגען אַ חורבן, אַ קאַטאַסטראָפע, אַן אונטערגאַנג.

— — —

אַ פרוי, אויך אַן אַלטע, מיט אַ פינקלדיקן אָנדולירטן קאָפּ גראָע האָר, גרויסע גאָלדענע אוירינגען, אַ שנור מיט פערל אויף אַ לויז־הויטיקן האַלדז, בראַסלעטן און גאָלדענע רינגען אויף אַלטע אויסגע־קרומטע פינגער.

אַ וואָלונטירין, אַ פרייַוויליקע איז זי, אַ רייַכע פרוי וואָס וויל פאַר־

ווענדן די איבעריקע לאַנגווײַליקע צײַט פֿון איר איינזאַמקייט צו העלפֿן קראַנקע אין שפּיטאָל.

דרייט זי זיך אַרום און וואַרט נעבעך אומזיסט אַז אַ קראַנקער זאָל זיך ווענדן צו איר נאָך הילף. ווײַל קיינער פֿון די קראַנקע קאָן נישט בײַ זיך פּועלן צו באַלעסטיקן אַזאַ אַלטע פֿרוי.

די דאָזיקע פֿרוי, די וואָלונטירין, האָט זיך אָװעקגעשטעלט בײַם בעט פֿון דער קראַנקער און אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעהערט אין אירע רייד וועגן די מענער.

די קראַנקע, זעענדיק אַז זי האָט אַ גוטע צוהערערין, האָט אָנגעהויבן רעדן מיט נאָך מער חשק:

„אין אונדזער שטעטל שליאַבעוו בין איך געווען דאָס שענסטע מיידל, איך בין געווען נאָך שענער ווי אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. אָן איין און איינציקע טאָכטער, אָן אויג אין קאָפּ בײַ מײַן טאַטע-מאַמע. מײַן טאַטע האָט געעפֿנט אַ שנײַדערשאָפּ אין ניו-יאָרק און איז געוואָרן אַ מיליאָנער, האָט זיך אין מיר פֿאַרליבט אַ דאַמסקע פֿריזירער מיט באַקנבערד, ער האָט געלייענט ענגלישע צײַטונגען און געשפּילט אויף אַ גאַרמאָשקע.

ער האָט מיר געברענגט יעדער מאָל בלומען, יעדער מאָל געשווירן אייביקע ליבע און געהאַלטן מיך אין איין קושן.

פֿאַרברענט זאָל ער ווערן לעבעדיקערהייט. די נשמה זאָל פֿון אים אַרויס אין מיטן אַן אָפּעראַציע אויף קאַנסער.

אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, מײַן טאַטנס ירושה, האָט ער מיר צוגע-נומען.

ווײַבער וואָס זענען פֿון אים געקומען אין די הויכע חדשים אַרײַן, האָבן אים געפּאַטשט אין מיטן דער גאַס. אָן אויסוואָרף, אַ נאַבאָל. אַזוי זענען זיי אַלע, אַלע מענער. אַפֿילו די דאָקטוירים. אַז דער דאָקטאָר קומט מיך באַטראַכטן, לייג איך באַלד אַרויף די צווייטע האַנט אויף מײַן זייגערל וואָס איז אויסגעזעצט מיט דימענטן. אַז אַזאַ אַלטער קראַנקער האָט די חוצפּה אויפֿצוהייבן די פֿאַרהאַנג און רופֿן מיך מיט אַ פֿינגער!

מײַן טאַטן איז ער, דער דאַמסקער פֿריזירער, פֿון דער ערשטער מינוט אָן נישט געפֿעלן. ער האָט אָבער געשוויגן, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז דאָס איז אַן אינטעליגענט פּאָר. ווען מײַן טאַטע האָט דערזען וואָס פֿאַר אַן אומגליק מיך האָט געטראָפֿן, האָט ער גלײַך אויפֿן אָרט באַקומען אַ האַרצאַטאַק, און אין צוויי חדשים אַרום איז ער געשטאָרבן פֿון אַן אויטאָ-קאַטאַסטראָפֿע.

מען דאַרף אויסהיטן די קראַנקן-שוועסטער, זי איז נאָך אַ יונג שיין

מיידל, אַז עס וועט קומען עמעצער מיט בלומען וועט זי אים גלייבן, דערנאָך וועט זי זיך אויסריכטן דעם זעלבן סוף וואָס מיר אַלע פּרויען האָבן. מיר, ערלעכע, שוואַכע, מיר זענען געבליבן אַלטע, אָפּגענאַרטע, עלנט און איינזאַם״.

— שווייַגט! — האָט זיך די קראַנקן־שוועסטער צעבייזערט — איר זענט צעטומלט און איר צעטומלט אויך אַנדערע. דאָ ליגן שווער־קראַנקע מענטשן, און איר האַלט אין איין רעדן און טומלען. שווייַגט!

— לאָזט זי רעדן — האָט איר די וואָלונטירין איבערגעריסן — זי ווייסט וואָס זי רעדט. זי איז נישט צעטומלט און נישט משוגע. זי רעדט ווייַל עס טוט איר וויי. איך פאַרשטיי זי זייער גוט. מען טאָר איר נישט פאַרשטומען, מען מוז איר לאָזן אויסרעדן זיך!

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט איר פּנים אויף דער קראַנקער און בייַדע ווייַבער האָבן זיך צעכליפּעט באַגיסנדיק זיך מיט טרערן.

ער גלייבט נאָר אין דעם וואָס ער זעט

אויף אַ טעראַסע פון אַ האָטעל, בײַם ברעג ים אין תּל־אָביב, זיצן צוויי וואָגיקע, אויסגעסטעיקטע ייִדן, און שמועסן.ביידע זענען זיי טוריסטן, און ביידע שטאַמען פון קליינע שטעטעלער פון אַמאָליקן פּוילן. איינער פון „פּאַרכאָוואַלע״ און דער צווייטער פון „שמאַדראָוועקע״.

ביידע טראָגן פּלאַטשיקע גאָלדענע זייגערס, מיט שווערע גאָלדענע רימענס און בײַביידן ציטערן שטאָלץ די גווידערס.

איינער קײַעט אַ ציגאַר, און דער צווייטער רייכערט נאָר „קעמלס״, ווײַל פון דעם הוסט זיך אַ סך לײַכטער.

— נו? — פרעגט איינער — ווי האָט אײַך הײַנט געשמעקט דאָס עסן? דער לאַנטש?

— געשמעקט אַהין, געשמעקט אַהער, ס׳איז מיר זייער וויכטיק, גלײַך ווי צוליב דעם בין איך געקומען קיין ישׂראל. גלײַך ווי בײַ אונדז אין אַמעריקע וואָלט געפעלט עסן. דאָ דאַרף מען בכלל נישט עסן. דאָ ווערט מען זאַט פונעם בלויזן קוקן. אַ לענדעלע. אַ נחת צו קוקן דערויף.

— אַ ביסעלע צו קליין.

— שוין. ער גייט שוין קריטיקירן. צוויי טויזנט יאָר האָט מען דערויף געוואַרט!

— פאַר וואָס האָט מען טאַקע געוואַרט אַזוי לאַנג?

— ווײַל מען האָט געוווּסט אַז קיינער וועט אונדז נישט אויסכאַפּן די מציאה. זאַמדן, שטיינער, זומפּן מיט מאַלאַריעס. מיר האָבן געמאַכט דערפון אַ לײַט.

— אָבער קליין, אַ קליין לאַנד.

— דעמאָלט האָט מען קיין גרעסערס נישט באַדאַרפן. מען האָט דאָך דעמאָלט נישט געוווּסט אַז עס וועט זײַן אַן עליה פון רוסלאַנד. און פון עטיאָפּיע. אויסער דעם, איז עס דאָך דאָס לאַנד וואָס מען האָט אונדז געשאָנקען פון הימל. עס שטייט בפירוש אין חומש...

— ער גייט מיר שוין דערציילן פון חומש, דערנאָך וועט ער מיר דערציילן פון דער תּורה, און דערנאָך פונעם תּנך און פון דער בײַבל.

— יאָ יאָ. אין חומש שטייט בפירוש אַז דאָס איז אונדזער לאַנד. דער חומש איז נישט קיין באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס מען קאָן דערנאָך זאָגן: „פּאַרדאָן״, „אײַ עם סאָרי״, „פּשעפּראַשאַם״. איצט קאָנט איר זיך

איבערצייַגן און זען, אַז ווי מען גייט און ווי מען טאַפּט אָן, איז אַ שטיק ייִדישע געשיכטע. ווי מען טאַפּט אָן, איז אַ שטיק ביַבל.

— וואָס זשע ווילט איר, איך זאָל אַרומגיין אין ישׂראל און טאַפּן די ביַבל? איך בין אַ מענטש וואָס גלייב נאָר אין דעם וואָס איך זע. איך גלייב אויך נישט אין קיין שום סימנים, קיין אַבערגלויבעכץ, אַ שוואַרצע קאַץ, אַ צעבראָכענער שפּיגל. איך גלייב נישט אין די אַלע זאַכן, סיידן אַז כ׳האָב נישט קיין ברירה.

— גוט, אָבער אַ שטיקל חומש האָט איר אַ מאָל געלערנט? כ׳פּרעג דאָך אייַך, פֿאַר וואָס ענטפֿערט איר נישט? שוין, לאָמיר זאָגן אַז יאָ, עס שטייט דאָרט באַשריבן די מעשׂה פֿון סדום, ווי לוטס וויַב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ. פֿאָרט צו קיין סדום, וועט איר דאָרט זען שטיין לוטס וויַב. איר קאָנט צוגיין און אַפֿילו אַ לעק טאָן, וועט איר פֿילן ווי זי איז געזאַלצן. וועט איר שוין האָבן צו גלייבן אין דעם וואָס איר זעט.

— איר זאָלט טאַקע וויסן, אַז אַ מענטש דאַרף גלייבן נאָר אין דעם וואָס ער זעט. איינער האָט מיר געוואָלט פֿאַרקויפֿן אַ שטעקן פֿאַר טויזנט דאָלאַר. וויַיל מיט דעם שטעקן האָט משה רבינו געשפּאָלטן דעם ים.

— פֿאַר אַזאַ שטעקן טויזנט דאָלאַר איז נישט קיין סך.

— און איך האָב אים נישט געקויפֿט, וויַיל איך גלייב נאָר אין דעם וואָס איך זע. ווען ער לאָזט מיך פּרוּווער אויספּרובירן...

— שפּאָלטן דעם ים?

— שפּאָלטן דעם קאָפּ. אַז אַזאַ איינער זאָל וויסן אַז מען טאָר נישט דערציילן די טוריסטן קיין באָבע־מעשׂיות. יעדער זאַך דאַרף אַ מענטש פּרוּווער באַטראַכטן מיטן שׂכל, נישט סתּם גלייבן. איך בין געווען אין רחובות, איר ווייסט ווו רחובות איז?

— וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע? רחובות איז די שטאָט וווּ עס געפֿינט זיך דער באַרימטער וויַיצמאַן־אינסטיטוט.

— אַ פֿאַבריק איז דאָס! נישט קיין אינסטיטוט! וויַיצמאַן איז געווען אַ קלוגער ייִד. קודם־כּל האָט ער זיך פֿאַרזאָרגט מיט פּרנסה און אויפֿגעשטעלט אַ פֿאַבריק אין רחובות. דערנאָך איז ער געוואָרן פּרעזידענט, האָט ער געהאַט פֿון וואָנעט צו דערלייגן. איך בין דאָרט געווען, און כ׳האָב זיי גלייַך געזאָגט: רבותי, דערציילט מיר נישט קיין מעשׂיות פֿון פֿיזיקע שמיזיקע, וויַיזט מיר די פּאַרטיקע זאַכן. איך וויל זען וואָס איר אַרבעט אויס. איר מיינט אַז מען האָט מיר עפּעס געוויזן? אַ נעכטיקער טאָג! זיי האָבן מורא אַז מען וועט זיי נאָכמאַכן.

— זייער ריכטיק! זיי דאַרפֿן טאַקע מורא האָבן. וואָס מיינט איר,

אַז מען אַרבעט דאָרט אויס אונטערוועש? דאָרט אַרבעט מען אויס גאַנץ אַנדערע זאַכן, וואָס מען מוז זיי אָפּהיטן פון אַ בייז אויג.

— פונדעסטוועגן, אַז עס קומט אַ ייִד, אַ טוריסט, וואָס גיט געלט פאַר ישׂראל, דאַרף מען אים עפּעס וויַיזן.

— מען וויַיזט איַיך וויניק? קוקט אָן דעם ים, אַזאַ ים איז דאָך נישט אָפּצושאַצן! אַ מדינה וואָס האָט אַ פלאָט פון האַנדלסשיפן, און אַ פלאָט פון אונטערוואַסער־שיפן, מוז זי האָבן צו דעם אַ ים. וויַיל אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט אַריַינשטעלן אין אַ גאַראַזש אַריַין. צו דעם מוז מען האָבן אַ טיפן ים.

— איז ווי טיף איז ער, דער ים?

— זייער טיף. און אפשר נאָך טיפער. און איר ווייסט וויפל שיפן עס זענען דאָ אויף דעם ים?

— וויפל?

— אַ סך מער.

— איך זע נישט דאָ קיין שיפן, וויַיזט מיר כאָטש איין שיף.

— אין מיטן טאָג פאָרן די האַנדלסשיפן אַרום האַנדלען. און די אונטערוואַסער־שיפן וועט איר קיין מאָל נישט זען, וויַיל מען האַלט זיי שטענדיק אונטערן וואַסער, אַ טיַיערער ים, אַפילו בלויז אויף צום באָדן זיך.

— דאָס באָדן אין ים פאַרשאַפט אויך געגוג מחלוקתן אין דער מדינה. די פרומע ייִדן זאָגן אַז אין תּל־אָביב כאַפּט מען שוין רויטע פיש. וויַיל עס באָדן זיך מענער מיט וויַיבער צוזאַמען, ווערן די פיש רויט פון בושה. זיי ווילן אַז מען זאָל מאַכן כאָטש אַ שטיקל מחיצה, דער מיטלענדי־שער ים זאָל זיַין פאַר די מענער, און דער אַטלאַנטישער פאַר די וויַיבער.

— דעם אַטלאַנטישן ים טאָר מען אַפילו נישט דערמאָנען, וויַיל די וועלט וועט מורא האָבן אַז מיר גייען אָקופּירן אַמעריקע.

— וואָלט דאָס — מיינט איר — געווען אַזוי שלעכט?

— בייסט איַיך אָפּ די צונג! אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן! פון וועמען וואָלטן מיר דעמאָלט געקאָנט באַקומען אַ פּאָר דאָלאַר?

— אַוודאי, פּרנסה איז פאַר אַלעם. זעט, זעט, אָן עראָפּלאַן, קוים וואָס ער רירט זיך.

— וויַיל ער פליט אויף דער אַלענבי־גאַס, דאָרט איז אַ שווערע באַוועגונג, פליט ער פּאַמעלעך, אויסער דעם האָט ער דאָך נישט קיין אַנדערע ברירה. אַז ער וועט פליִען שנעל וועט ער אַריַין אָדער קיין סיריע, אָדער קיין עבר־הירדן, פליט ער אויף דער אַלענבי־גאַס ביזן נומער אַכט און ניַינציק און צוריק.

— דאָס וואָס איך האָב אײַך פריִער געזאָגט: אַ קליין לאַנד. גיט אַ קוק, זעט נאָר, אַ פּאָליציאַנטקע! אַ ייִדיש מיידל אַ פּאָליס! קוקט אָן אַ פיגור, קוקט אָן אַ פּאָר אויגן, זאָלער אַזוי לעבן, ווי איך גיי זי אַ קוש טאָן.

— וואָס זענט איר, משוגע? זי וועט דאָך אײַך אַרעסטירן.

— הלוואי, רבונו־של־עולם!

— איר וועט אויף זיך נעמען צרות און ס׳וועט אײַך דערנאָך קיינער נישט קאָנען העלפן.

— מען וועט מיר נישט חושד זײַן אין קיין שום שלעכטס. כ׳וועל איר דערקלערן, אַז איך בין אַ טוריסט, כ׳גיב געלט פאַר ישׂראל, צוויי טויזנט יאָר האָב איך געוואַרט ביז איך האָב דערלעבט דיך צו זען אין דער מדינה, וויל איך דיך אַ קוש טאָן.

— וואָס זשע מיינט איר, אַז מען וועט אײַך גלייבן אַז איר קושט די מדינה?

— איך האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט, איך בין אַ מענטש וואָס גלייב נאָר אין דעם וואָס איך זע...

— פאַרט זשע אין אַ קיבוץ, וועט איר האָבן וואָס צו זען. תּל־אָביב מיט די פּאָליציאַנטקעס און מיט די אַלע שיינע זאַכן איז נאָך נישט ישׂראל. דאָס אינטערעסאַנטסטע אין ישׂראל איז אַ קיבוץ.

— כ׳בין שוין געווען, מיך אינטערעסירט נישט קיין הינער, שעפּסן, שטאַלן מיט קי און קעלבער. איך בין אַ מענטש וואָס האָב אַ פאַבריק פון הויזן, קאָנען מיך אינטערעסירן קעלבער, הינער? אויף געענדז — זעט איר — בין איך יאָ אַ מבין — געבראָטענע... אָבער ס׳איז אַ שיין לאַנד, כ׳זאָג נישט אַז נײַן.

— אויב דאָס לאַנד געפעלט אײַך טאַקע, פאַר וואָס זשע טראַכט איר נישט עפּעס דאָ צו טאָן?

— כ׳האָב געטראַכט און כ׳האָב נישט געפונען וואָס איך האָב דאָ צו טאָן.

— און איר?

— אויך די זעלבע מעשׂה. כ׳האָב נישט דאָ וואָס צו טאָן.

— אַז איר האָט נישט דאָ וואָס צו טאָן, און איך האָב נישט דאָ וואָס צו טאָן, קאָנען מיר דאָך ביידע מאַכן שותּפות.

— ס׳איז אַ געדאַנק. דערנאָך וועט מען צונעמען אַ שותּף מיט געלט.

— און די רעגירונג וועט זיך אויך גערן באַטייליקן, ווײַל זי איז אינטערעסירט צו אַנטוויקלען.

— אָבער וואָס וועט מען דערנאָך מאַכן מיט דעם אַלעם?

— דערנאָך וועט זיך שוין געפינען אַ קונה, אַ רײַכער טוריסט און אַ גרויסער פּאַטריאָט, וועט מען עס אים פאַרקויפן און מיר וועלן זיך צעטיילן מיט דעם וואָס עס בלײַבט. כ'בין נישט גערעכט?

— אַוודאי זענט איר גערעכט. איצט פאַרשטיי איך שוין אויך אַז אַ מענטש דאַרף גלייבן אין דעם וואָס ער זעט.

די שטובן־מאָלערס קומען

איינאַקטער. אויפגעפירט געוואָרן אין די ישראלדיקע עברית־טעאַטערס סמבטיון און גשש החיוור א״נ הסיידים באים.

באַטייליקטע: דאָקטאָר ליכטיק.

סטעלאַ — אַ שכנה.

אַ שטובן־מאָלער און אַ געהילף.

אין צימער שטייט אַ לייטער. דאָקטאָר ליכטיק, אַנגעטאָן אין אַ שלאָפראָק, פאַרנעמט זיך מיט צודעקן דאָס מעבל מיט לײַלעכער. מען קלאַפּט אין טיר.

ליכטיק: ווער איז דאָרט?!

סטעלאַ: (אַרײַנקומענדיק) איך בין סטעלאַ, אײַער שכנה. אַ גוט־מאָרגן אײַך, דאָקטאָר ליכטיק.

ליכטיק: ליכטיק שמיכטיק. וואָס ווילט איר?

סטעלאַ: איך בין אײַך געקומען בלויז פרעגן... וואָס זענט איר הײַנט אַזוי אויפגערעגט?

ליכטיק: וואָס איך בין אויפגערעגט, פרעגט זי. איר זעט דאָך וואָס עס טוט זיך דאָ. אין מיטן שטוב אַ לייטער, בלעכן מיט פאַרב. שמוציק! די שטובן־מאָלערס האָבן געזאָלט קומען זיבן אין דער פרי, איצט איז שוין דער זייגער נײַן, און זי פרעגט מיך פאַר וואָס איך בין אויפגערעגט.

סטעלאַ: דאָס איז עס! די זעלבע זאַך וואָס בײַ מיר. די שטוב איז באַשטעלט מיט בלעכן פאַרב, די שטובן־מאָלערס האָבן געזאָלט קומען זיבן אין דער פרי, איך האָב געטראַכט אַז זיי אַרבעטן בײַ אײַך, דערפאַר בין איך געקומען. וואָס טוט מען? אַן אומגליק!

ליכטיק: בײַ מיר איז די לאַגע נאָך ערגער. אַכט אַ זייגער האָב איך באַדאַרפן זײַן אויף אַ קאָנפערענץ פון דאָקטוירים, פראָפעסאָרן, כ׳וועל פון זינען אַראָפּ. ווען זיי קומען נאָך איצט, וואָלט איך נאָך מיט אַ טעקסי באַוויזן... איך וואָלט זיי דערציילט אַלץ וואָס מיר איז געשען, און געבעטן אַז מען זאָל מיך אַנטשולדיקן. און איר, מאַדאַם, גייט אַהיים, און וואַרט מיט געדולד. זיי וועלן זיכער קומען, איך פאַרזיכער אײַך אַז זיי וועלן זיכער קומען, און איך וועל דאָ וואַרטן נאָך צוואַנציק מינוט, אויב זיי קומען נישט, טו איך אָן דעם מאַנטל און וואַרט נאָך אַנדערטהאַלבן שעה, קיין אַנדערע עצה האָב איך נישט.

סטעלאַ: דאָס זעלבע וועל איך אויך טאָן. נישטאָ קיין אַנדערע עצה. (זי גייט אָפּ, און דער טעלעפאָן קלינגט).

ליכטיק: (אין טעלעפאָן) וואָס קאָן איך טאָן? מען מוז אָפּשטופּן די קאָנפערענץ אויף נאָך אַ שעה... אויב עס וועט נישט זיין קיין ברירה וועט מען זי נאָך אַ מאָל אָפּשטופּן אויף אַ שעה. וואָס?... איר זענט גערעכט, עס איז טאַקע זייער נישט אָנגענעם, באַשטעלט פּאַר זיי טיי מיט קוכן, האַלט פּאַר זיי אַ רעדע וועגן דער אַנטשטייונג פון ציוניזם, וועגן הרצל און אחד־העם... רעגט מיך נישט אויף! (לייגט נערוועז אַוועק דעם טעלעפאָן, מען קלינגט אין טיר).

ליכטיק: זיי קומען! די שטובן־ מאָלערס קומען (עס קומט אַריין אַ שטובן־מאָלער מיט אַ לייטער).

ליכטיק: סוף־סוף! איך מוז אייך זאָגן אַז דאָס איז נישט אין אָרדע־נונג. איר האָט באַדאַרפט קומען זיבן אַ זייגער אין דער פרי. איצט איז שוין נאָך מיט דרייסיק... (דער שטובן־מאָלער גייט צוריק צום אַרויסגאַנג) וווהין גייט איר?

מאָלער: איך גיי אַוועק, ווייל איך קאָן שוין איצט נישט אַרבעטן. איר האָט מיר קאַליע געמאַכט די שטימונג. אָן שטימונג קאָן איך נישט אַרבעטן מיט קיין פּלאַסטישע פאַרבן.

ליכטיק: זייט זשע מיר מוחל, איך האָב נישט געוווסט. מען קאָן ביי אייך בעטן אַנטשולדיקונג? בעט איך אייך, אַנטשולדיקט מיר, איך בין דאָך אויך נישט מער ווי אַ מענטש. דער קאָפּ איז מיר היינט אַזוי צעטראָגן. איך האָב געהאַט אַ קאָנפערענץ... נו? אויף וואָס וואַרט איר? איך האָב דאָך שוין אייך צוויי מאָל, דריי מאָל געבעטן אַנטשולדיקונג.

מאָלער: אַ רגע, אַ רגע, איך וואַרט אַז די שטימונג זאָל צו מיר צוריק־קומען. אָן שטימונג קאָן מען נישט אַרבעטן מיט קיין פּלאַסטישע פאַרבן.

ליכטיק: ווי לאַנג קאָן דאָס נאָך געדויערן ביז ער וועט קומען?

מאָלער: וועמען מיינט איר?

ליכטיק: די שטימונג.

מאָלער: פאַרמאַכט דאָס מויל און שווייגט.

ליכטיק: צו וועמען האָט איר אַזעלכעס געזאָגט?

מאָלער: כ׳געדענק נישט, דער זכרון איז ביי מיר אָפּגעשוואַכט.

ליכטיק: צו מיר! צום דאָקטאָר ליכטיק האָט איר דאָס געזאָגט!

מאָלער: איז פאַר וואָס זשע שווייגט איר נישט? איר זעט, די שטימונג איז שוין צו מיר צוריקגעקומען.

ליכטיק: ברוך־השם.

מאַלער: לויט ווי איך פאַרשטיי, דאָקטאָר ליכטיק, זענט איר אינטע־רעסירט אַז מיר זאָלן גלייך אָנהייבן אַרבעטן, ווײַל אין שטוב בײַ אײַך איז אַ צעררודערונג, און איר זענט אַ דאָקטאָר, קראַנקע, קאָנ־פערענצן.

ליכטיק: יאָ, אָבער צו וואָס האָט איר געברענגט נאָך אַ לייטער? וואָס דאַרף מען אַזוי פיל לייטערס?

מאַלער: דער צווייטער לייטער איז פאַר אײַער שכנה, די מאַדאַם סטעלאַ.

ליכטיק: פאַר וואָס זשע ברענגט איר אים צו מיר?

מאַלער: ווײַל זי האָט מיר קאַליע געמאַכט די שטימונג. אָן שטימונג קאָן מען נישט אַרבעטן מיט קיין פּלאַסטיק. נו? וואָס באַלע־מוטשעט איר?

ליכטיק: וואָס האָב איך צו טאָן?

מאַלער: געלט. גיט מיר געלט.

ליכטיק: ווידער געלט? מיר האָבן באַשלאָסן אַז איר באַקומט פאַר אײַער אַרבעט הונדערט דאָלאַר.

מאַלער: ריכטיק ווי גאָלד.

ליכטיק: און מיר האָבן אויך באַשלאָסן אַז איך גיב אײַך פופציק דאָלאַר פאָרויס, און נאָכן ענדיקן די אַרבעט גיב איך אײַך די רעשט, דאָס הייסט די אַנדערע פופציק דאָלאַר.

מאַלער: אַלץ איז ריכטיק, אָבער איר, דאָקטאָר ליכטיק, מוזט דאָך פאַרשטיין אַז איך פאַרלאַנג נישט פון אײַך קיין געלט פאַר מיינטווועגן. איך פאַרלאַנג פון אײַך געלט פאַר מאַטעריאַלן. גיפּס מוז איך קויפן? קאַלער, פּאַראַפין־קלייסטער, שקאַטיזן־פעטס, שמערגל־פּאַפּיר. דאָס אַלץ קאָסט געלט! פאַר אַ לייטער פאַרלאַנג איך נישט קיין געלט, ווײַל איך האָב, אָבער די אַלע זאַכן וואָס איך האָב אײַך אויסגערעכנט, האָב איך נישט, דאָס מוז איך גיין קויפן. פון וואַנעט זאָל איך נעמען געלט דערויף? וואָס איז בײַ מיר, אַ באַנק? גיט מיר זעכציק דאָלאַר און האַלט נישט אויף די אַרבעט.

ליכטיק: זעכציק דאָלאַר? פופציק האָב איך אײַך שוין געגעבן, און אַז איך וועל אײַך געבן נאָך זעכציק וועט דאָך אויסקומען מיט צען דאָלאַר מער ווי אײַך קומט.

מאַלער: איך ווייס נישט צי עס וועט אויסקומען מער אָדער ווייני־קער. מען וועט ענדיקן די אַרבעט, וועט מען זיך אָוועקזעצן און מאַכן אַ חשבון, און וויפל עס וועט מיר צוקומען, וועט איר מיר צוצאָלן.

ליכטיק: פאַרקערט! עס וועט דאָך מיר קומען!

מאַלער: וואָס זשע ווילט איר, אַז איך זאָל אײַך איצטער אָ, שוין אויפן אָרט אַרויסצאָלן?! נאָך דער אַרבעט וועט מען זיך אָוועקזעצן מיט אַ רויִקן קאָפּ, און מיט אַ פּעדער, און מען וועט מאַכן אַ חשבון. און וואָס עס וועט מיר קומען, וועט איר באַצאָלן. איך פּיל שוין... דאַכט זיך, אַז די שטימונג הייבט מיך אָן צו פאַרלאָזן.

ליכטיק: חלילה! האָט רחמנות און היט די שטימונג. איר זענט גערעכט, אַ חשבון וועט מען מאַכן נאָך דער אַרבעט, ווײַל... וואָס טראַכט איר?

מאַלער: לאָזט אַ רגע אַ טראַכט טאָן, איר האָט מיך אַזוי צעמישט, אַז איך הייב שוין נישט אָן צו געדענקען וועגן וואָס איך דאַרף טראַכטן. וואָס האָט איר מיך געפרעגט?

ליכטיק: איך האָב אײַך געפרעגט נאָך וואָס איר וואַרט. מען דאַרף דאָך אָנהייבן אַרבעטן. ס'איז דאָך אַ שאָד יעדער מינוט.

מאַלער: אָן דעם געהילף מײַנעם קאָן איך נישט אָנהייבן. ער וועט באַלד קומען. ער איז געגאַנגען קויפן בילעטן אויף דעם פוטבאָלמעטש.

ליכטיק: איר זענט זיכער אַז ער וועט באַלד קומען?

מאַלער: ניין! ווער?

ליכטיק: דער געהילף.

מאַלער: דער געהילף, יאָ, אָט איז ער דאָך שוין דאָ.

געהילף: (קומט אַרײַן מיט אַ לייטער) איך האָב על־פּי נס באַקומען צוויי זיצפּלעצער, ווײַל דער קאַסירער דאָרט וויל מיר זאָלן קומען אויס־מאָלן בײַ אים די וווינונג (ער טוט אויס דאָס רעקל). נו, ווי גייט דאָ די אַרבעט?

מאַלער: נאָרמאַל.

געהילף: דאָס הייסט אַז...

מאַלער: אַז יאָ, שוין באַקומען געלט פאַר מאַטעריאַלן, געגוי וויפל איך האָב פאַרלאַנגט.

געהילף: וועט מען זיך טאַקע נעמען צו דער אַרבעט. (ער זעצט זיך אַוועק אויף דעם פּאָל און הייבט אָן צו עסן פון אַ פּאַפּירן פּעקל).

מאַלער: (קריכט אַרויף אויפן לייטער) זײַט מיר שטאַרק מוחל, חשו־בער דאָקטאָר ליכטיק, איר וועט אַזוי גוט זײַן, כ'בעט איבער אײַער כבוד, און מיר דערלאַנגען די באַרשט, נישט די, די גרויסע באַרשט. און זײַט מיר מוחל, הער דאָקטאָר, וואָס איך בין אײַך מטריח, און ברענגט מיר אָן עמער מיט וואַסער. אַ ביסעלע רירעוודיקער, דאָקטאָר! די הענט רירן זיך בײַ אים אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט זאַמד אין די אַרבל.

געהילף: (מיט אַן אָנגעשטאָפּט מויל מיט עסן) דאָקטאָר! טוט אָן

אַ פּאָר אַלטע הויזן. עס איז אַ שאָד צו אַרבעטן אין אַזעלכע הויזן. די פלעקן פון פּלאַסטיקפאַרב גייען נישט אַרויס.

מאָלער: די שפּאַכלע! גיט מיר די שפּאַכלע, דאָקטאָר! אַזוי לאַנג דאַרף דויערן איבערצוטאָן אַ פּאָר הויזן?! אַ ביסל לעבעדיקער! אַ ביסל רירעוודיקער, דאָקטאָר! (דער טעלעפאָן קלינגט, דער מאָלער גייט אַראָפּ פונעם לייטער און נעמט דעם טעלעפאָן) ווער רעדט?! מיך אינטערעסירט נישט קיין קאָנפערענץ, איך בין אַ שטובן־מאָלער. דער דאָקטאָר ליכטיק איז איצט פאַרנומען, ער אַרבעט!

ליכטיק: (אַרייַנקומענדיק) שוין, שוין איבערגעטאָן די הויזן. מיט וועמען האָט איר דאָ גערעדט אין טעלעפאָן?

מאָלער: דאָס איז נישט אייַער עסק. אין מיטן דער אַרבעט דאַרף איַיך נישט אינטערעסירן קיין טעלעפאָנען.

ליכטיק: (צום געהילף) אפשר וועט איר זיך אַ ביסעלע צואייַלן מיט דעם עסן?

געהילף: עסן מוז מען געלאַסן, אַזוי האָט מיר מייַן אויגן־דאָקטאָר געזאָגט, אַנישט ווערן די קאַלאָריעס אויסגעוועפּט אין דער לופט. אַזוי האָט מיר דער אויגן־דאָקטאָר געזאָגט.

מאָלער: וואַסער!

געהילף: (צום דאָקטאָר) וואָס שטייט איר ווי אַ גולם? איר האָט נישט געהערט וואָס מען רעדט צו איַיך? וואַסער!

ליכטיק: (גייט אַראָפּ און ברענגט אַן עמער וואַסער) וואָס פאַר אַ פאַרב מאַכט איר מיר? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט אַז איר וועט מיר מאַכן העל־גריין, מאַכט איר מיר טונקל־רויט?

מאָלער: דאָס איז נישט טונקל־רויט, דאָס איז געל־רויט, אָבער ס׳איז דאָ אַן עצה דערצו, ברענגט מיר אַרייַן מילער, איר האָט דאָך דאָרט שטיין אין אייַזקאַסטן מילער, וועט מען עס אויסמישן מיט די פאַרב, וועט אַרויסקומען טונקל־ברוין.

ליכטיק: איך וויל דאָך אָבער העל־גריין!

מאָלער: איך וויל אויך, אָבער עס קומט נישט אַרויס.

געהילף: עס קומט נישט אַרויס! ער פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים, אַ טעמבעל! יעדער איינער האָט געזען אַז ער האָט אָנגעשטעלט אויף העל־גריין און ס׳איז נישט אַרויסגעקומען. אין מיטן עסן מוז ער מיך אויפרעגן, גיי און ברענג די מילער, נעם אויך מיט אַ ביסעלע סמעטענע און אַ פּאָר זיתים.

ליכטיק: צו וואָס דאַרף מען סמעטענע מיט זיתים?

מאָלער: צום שלאָק! איר ווילט דאָך מען זאָל מאַכן אויבן אַ שלאַק.

(דער מאָלער זעצט זיך אויך צו צום געהילף עסן, און דער דאָקטאָר ליכטיק ברענגט אויף אַ טאַץ אַלץ וואָס מען דאַרף).

געהילף: (מיט אַ פול מויל עסן) און וואָס פאַר אַ קאָליר ווילט איר האָבן דעם שלאַק?

ליכטיק: זילבער־קאָליר.

מאָלער: מוז מען אַריַינגעבן אייער, אויב מען וועט נישט אַריַינגעבן קיין אייער וועט אַרויסקומען העל־גרין.

ליכטיק: דאָס איז דאָך די פאַרב וואָס איך האָב געוואָלט אויף דער וואַנט!

געהילף: מיר רעדן דאָך איצט וועגן דעם שלאַק! ער פאַרשטייט דאָך נעבעך גאָרנישט וואָס מען רעדט צו אים.

ליכטיק: אין אײַזקאַסטן האָב איך נאָר אַכט אייער און צוויי קאָטלעטן, אפשר וועט מען איבערלאָזן די קאָטלעטן פאַרן באָדע־צימער?

מאָלער: ברענגט אַריַין אַלץ וואָס איר האָט, מירן שוין וויסן וואָס צו טאָן, און נעמט אַראָפּ דאָס בילד פון דער וואַנט. וואָס פאַר אַ מאָדנע בילד איז דאָס?

ליכטיק: אַן עקספּרעסיאָניסטיש.

מאָלער: כ׳האָב נישט אַן צו פאַרשטיין.

געהילף: אַן עקספּרעסיאָניסטיש! מען האָט דאָס געמאָלן עקספּרעס. איך בין אַ מבין אויף די זאַכן. און יענץ בילד וואָס מען זעט דערויף גאָרנישט, איז אַ באַסטראַקט בילד.

ליכטיק: אַן אַבסטראַקט.

מאָלער: זאָל זיַין ווי איר זאָגט. וויכטיק איז אַז איך מוז איצט איבער־רײַסן די אַרבעט, ווײַל איך דאַרף גיין באַצאָלן פאַר עלעקטריע, דערנאָך אין קופּת־חולים, איבערצוגעבן די פלאַש, דאָס איז אַן אַנאַליזע פון מיַין וויַיב, און צום סוף מוז איך צוגיין צום דאָקטאָר לייבעס נעמען געלט אויף מאַטעריאַלן, ווײַל איך דאַרף ביַי אים אויסמאָלן די וווינונג.

ליכטיק: גוט, וועט דער געהילף אײַערער אויסענדיקן דאָ די אַרבעט.

געהילף: איך מוז דאָך גיין אויפן פוטבאָלמעטש, איך האָב דאָך בילעטן! אין אַזאַ טאָג האָב איך בכלל נישט באַדאַרפן קומען.

ליכטיק: פאַר וואָס זשע זענט איר געקומען?

געהילף: ווײַל איך האָב אים געמוזט אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט. מען קאָן נישט אַרבעטן אָן אַ געהילף.

ליכטיק: אויב איר ביידע גייט אַוועק, בין איך דאָך אַן אומגליקלע־כער מענטש. וואָס בלײַבט מיר איצט צו טאָן?

מאָלער: אַז מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן, פרעגט מען!

ליכטיק: גוט, פרעג איך. וואָס בלײַבט מיר איצטער צו טאָן?

מאָלער: איר וועט טון דאָס וואָס איך הייס אײַך: קריכט אַרויף אויפֿן לייטער מיט דעם עמער און מיט דער באַרשט, און גייט אַזוי אַדורך געלאָסן איבערן סופיט און די ווענט. אַז איר וועט האָבן געענ־דיקט די אַרבעט, וועט מען זיך אַוועקזעצן רויִק, און מען וועט מאַכן אַ חשבון, און וואָס עס וועט אונדז אַרויסקומען וועט איר באַצאָלן.

געהילף: איר האָט פֿאַרשטאַנען, דאָקטאָר?!

דער דאָקטאָר גליטשט זיך אַראָפּ פֿון דער לייטער און די פֿוירהאַנג פֿאַלט.

דרײַ מעקלערס אין אַמאָליקן תּל־אָביב

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, וואָס פֿאַר אַ גאַס איז די וווּ איך שטיי איצט?

— דאָס איז אַלענבי.

— און וואָס פֿאַר אַ גאַס איז דאָרט לינקס?

— לינקס איז די רמב״ם. רחוב רמב״ם.

— אויב אַזוי האָט איר מיך שוין אין גאַנצן צעמישט. איצט ווייס איך שוין אין גאַנצן נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. ווײַל איך דאַרף האָבן אויף אַ גאַס... גאָר אַן אַנדערע גאַס. איך דאַרף האָבן... כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון בייז. דער גאַנצער קאָפּ מײַנער איז מיר — נישט פֿאַר אײַך געדאַכט — פֿאַרטשמיעלעט געוואָרן. וואַרט אַ רגע. אײַלט אײַך נישט, אפשר וועל איך זיך דערמאָנען ווי די גאַס הייסט. כ׳האָב דאָ ערגעץ געהאַט פֿאַרשריבן... גיי זוך... אַ ים מיט צעטעלעך.

— פֿאַרקנעפּלט אײַך די הויזן.

— אַ שיינעם דאַנק. דאַכט זיך אַז דאָס איז עס. לייענט מיר נאָר איבער, וואָס שטייט דאָ אויפֿגעשריבן? אָן די ברילן בין איך אין גאַנצן טויב.

— אויף דעם צעטל שטייט אויפֿגעשריבן: בלאָשטיין, דרײַ הונדערט און זעכציק.

— איר קענט עס שוין אָוועקוואַרפֿן. ער האָט שוין באַצאָלט. און וואָס שטייט אויף דעם צעטל?

— אויף דעם צעטל שטייט אויפֿגעשריבן: אַז אויב איר וועט נישט באַצאָלן דאָס געלט אין משך פֿון אַכט טעג וועט מען אײַך אָפּשליסן די עלעקטריע. איר ווילט אפשר איך זאָל אײַך איבערלייענען אַלע אײַערע צעטעלעך? איר האָט דאָך פֿולע קעשענעס מיט צעטעלעך.

— צינדט אײַך נישט אָן און ווערט נישט אויפֿגעקאָכט. גיט נאָך אַ מאָל אַ קוק. עס שטייט נישט אַ מאָל אויפֿגעשריבן אין דער זײַט רחוב פֿײַערבערג? טאָמער איז עס אויף דעם צעטל אויך נישט אויפֿגעשריבן, בין איך אין גאַנצן אומגליקלעך.

— איר דאַרפֿט אויף רחוב פֿײַערבערג?

— יאָ! פֿון וואַנעט ווייסט איר? אַ נס איז מיר געשען וואָס איר האָט מיר דערמאָנט. איז ווּו איז זי דאָס ערגעץ די רחוב פֿײַערבערג?

— איר ווייסט נישט ווו ס'איז די רחוב פײַערבערג?

— ניין.

— וועל איך אײַך זאָגן. די רחוב פײַערבערג איז אין דער געגנט ווו... וועלכער מענטש ווייסט דאָס נישט ווו ס'איז די רחוב פײַערבערג? אַ מינוט, קאָכט נישט. איך וועל אײַך אָפּמשלען געננוי. אַלענבי ווייסט איר? אַ! לינקס איז דאָ אַ גאַס באַלפור. ווו די באַלפור גאַס איז ווייסט איר יאָ?

— יאָ.

— אַז איר ווייסט ווו ס'איז די באַלפור־גאַס, ווייסט איר נישט ווו ס'איז די פײַערבערג?

— ניין.

— וועל איך אײַך אָפּמשלען, וועט איר וויסן. די באַלפור־גאַס גייט אין דער זײַט און אין יענער זײַט. איר וועט גיין אין יענער זײַט.

— אין וועלכער זײַט?

— אין דער זײַט.

— איר האָט דאָך געזאָגט אין יענער זײַט.

— אין דער זײַט מיין איך דאָך יענע זײַט. איר זעט נישט ווי איך ווײַז אײַך מיט דעם פינגער? וועט איר אַזוי גיין גלײַך ביז איר וועט צוקומען צום דריטן ווינקל. בײַם דריטן ווינקל, כ'געדענק נישט, צי רעכטס צי לינקס, דאַרף זײַן אַ גאַס.

— וואָס הייסט דאַרף זײַן?

— ווײַל כ'בין נישט זיכער. איז אויב די גאַס איז דאָ, איז גוט, און אויב זי איז נישטאָ, וועט איר גיין ווײַטער. איר וועט צוקומען צו אַ שוסטערײַ. דאָרט דאַרף זײַן אַ שוסטער־וואַרשטאַט.

— וואָס הייסט עס דאַרף זײַן?

— ווײַל איך בין נישט זיכער, אַז איר וועט זען דאָרט איינעם זיצן מיט אַ קוקער אויפֿן אויג, זאָלט איר נישט אַרײַנגיין, ווײַל דאָס איז דער זייגער־מאַכער. דערנעבן וועט איר זען אַ קעסטל מיט אַלטע שיך. און איינער זיצט און קלאַפּט אין אַ קאַפּיטע אַרײַן. דאָס איז דער שוסטער. ער דאַרף הייסן פעלדמאַן.

— וואָס הייסט ער דאַרף הייסן?

— ווײַל מיר דאַכט זיך אַז ער הייסט איצקאָוויץ.

— אָבער פאַר וואָס שיקט איר מיך צו אַ שוסטער?

— איר וועט אַרײַנגיין צו דעם שוסטער, וועט ער אײַך זאָגן ווו ס'איז רחוב מירעלזאָן.

— וואָס פאַר אַ מירעלזאָן ווידער? וואָס דאַרף איך אַ מירעלזאָן?

איך דאַרף דאָך אויף אַ גאַס... ווי הייסט זי די גאַס?... איר זעט, כ'האָב שוין ווידער פאַרגעסן. אַ מבין וואָס פאַר אַ זכרון איך האָב? אוי ווײ, אוי ווײ... זי ליגט מיר אויף דער שפּיץ צונג. זי הייבט זיך אָן מיט אַ שין.

— אוסישקין?

— וואָס עפּעס אוסישקין?

— איר האָט דאָך געזאָגט מיט אַ שין.

— הערט אויף און לאָזט כאַפּן דעם געדאַנק. שוין! כ'ווייס שוין! פײַערבערג! פײַערבערג!

— איר האָט דאָך געזאָגט אַז די גאַס הייבט זיך אָן מיט אַ שין. פײַערבערג הייבט זיך דאָ אָן מיט אַ פּיי.

— האָב איך פאַרגעסן. קומט מיר עפּעס דערפאַר?

— אַז איר דאַרפט אויף פײַערבערג, פאַר וואָס זשע פרעגט איר אויף מירעלזאָן?

— איך האָב אײַך געפרעגט אויף מירעלזאָן? אַס'וואָר זאָל איך שוין אויפן אָרט...

— איר ווילט מיר אפשר זאָגן אַז כ'האָב עס מיר אַליין אויסגע־טראַכט? אַז איך ווייס שוין אין גאַנצן נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר? אַס'וואָר זאָל איך שוין דאָ אויפן אָרט...

— איך בין דאָך אָבער אויך נישט משוגע.

— אַזאַ פּלאָג. אַזאַ צוטשעפּעניש. פאַרהאַלטן אַ מענטשן אין מיטן דער גאַס און אײַנעסן זיך אין אים ווי אַן עקדיש. ווי אַ פּיאַווקע.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי אָנגעצונדן? וואָס האָב איך אײַך אַזעל־כעס געטון? מען טאָר שוין נישט פרעגן אַ מענטשן אויף אַ גאַס? מען דאַרף דאָך צו אײַך רופן די פײַער־לעשערס. איר ברענט דאָך אין גאַנצן. שוין, כ'וועל אײַך נאָכגעבן. זאָל זײַן ווי איר זאָגט. איז ווו איז דאָס די רחוב מירעלזאָן?

— זעסט, ער הייבט שוין ווידער אָן. איר דאַרפט דאָך אויף פײַער־בערג. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איר דאַרפט אויף פײַערבערג.

— אַוודאי, ס'איז דאָרט דאָ צו פאַרקויפן אַ דירה פון דרײַ צימערן פאַר הונדערט טויזנט.

— פאַר הונדערט טויזנט איז דאָ צו נעמען אַ דירה פון דרײַ מיט אַ האַלבן צימער, און מיט וואַרעם וואַסער. ס'איז נישט ווײַט פון דאַנעט. ס'איז אויף רחוב... באַלד, ווי הייסט זי די גאַס... דאָרט איז דאָ אַ היטל־מאַכער אַ געלער, ער הייסט... באַלד, איין מינוט, וועל איך זיך דערמאָ־נען... דעם היטל־מאַכערס ברודער האָט אַ געשעפט פון מעבל, בײַ אים קען מען אַלץ געוווער ווערן.

— ווּ וווינט ער דער ברודער?

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון מײַנע שונאימס קעפּ, און פון זײַנע הענט און פיס.

— כ׳בעט אײַך, ייִדן — קומט צו אַ דריטער — זאָגט מיר, ווי גייט מען דאָ צו דער גאָרדאָן־גאַס?

— נאָך וואָס דאַרפט איר גיין אַזוי ווײַט? פאַר הונדערט טויזנט האָב איך אַ דירה אויף פּיִערבערג, פון דרײַ צימערן.

— און פאַר דעם זעלבן געלט האָב איך דרײַ מיט אַ האַלבן צימער מיט וואַרעם וואַסער.

— וואַרט צו אַ רגע — זאָגט דער דריטער — וועל איך אײַך צוברענגען דעם קונה. דאָס איז אַן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס האָט זיך געפרעגט ווי מען גייט אויף דער מענדעלע־גאַס.

ער האָט דערפילט זײַנע פליכטן פאַר דער פּאָליצײ

אַ בחור פון אַ רײַכער פרומער היים אין אַמעריקע איז געקומען אַלס טוריסט קיין ישׂראל און איז געגאַנגען איבער די תּל־אָביבער גאַסן און געקוקט. האָט אים פאַרהאַלטן איינער, דאָס איז געווען לעבן אַ פּאָליצײ־הויז, און גערעדט צו אים עפּעס וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווײַל ער קען נישט קיין עברית, האָט אים יענער דערקלערט אויף ענגליש, אַז ער וויל ער זאָל מסכּים זײַן אַרײַנצוגיין מיט אים אינעווייניק, אין דעם פּאָליצײ־הויז, אָנטייל נעמען אין אַזאַ „ליינאַפּ״, מיסדר זיהוי הייסט עס אויף עברית. איך זע — זאָגט ער צו אים — אַז איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט וואָס איך מיין, וועל איך אײַך דערקלערן:

— מיר האָבן אין אונדזערע הענט צוויי מענטשן וואָס זענען פאַר־דעכטיקט אין אַ גנבה, שטעלן מיר אויס צען מענטשן וואָס זענען בערך אין די זעלבע יאָרן און אין דעם זעלבן וווּקס, דער באַגנבֿטער גייט פאַרבײַ די דאָזיקע מענטשן און דערקענט דעם ריכטיקן גנבֿ. איצט פאַר־שטייט איר שוין? לויטן געזעץ דאַרפן זײַן צען מענטשן, נײַן האָבן מיר שוין, פעלט נאָך איינער. איר זענט גראָד פאַרבײַגעגאַנגען, אײַער אויסזען און אײַער עלטער פּאַסט זיך צו. עס איז נישט כּדאַי וועגן דעם לאַנג צו רעדן. עס איז אַן ענין פון מינוטן בלויז. עס איז אַ חוב פאַר יעדער איינעם צו העלפן דער פּאָליצײ דערפילן אירע פליכטן פאַרן געזעץ.

מען האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ טונקל באַלויכטענעם צימער, אַ פאַרקראַטעטע פענצטער קוקט אַרויס אויף אַ גלאַטן מויער, און צען מענטשן דרייען זיך אַרום אין אַ וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך, און קיינער רעדט נישט אויס קיין וואָרט צום צווייטן.

די טיר האָט זיך אַ ביסל געעפנט און אַ פרויענקאָפּ האָט סודותדיק געזאָגט צו איינעם מיט אַ בלאָען פלעק אונטער אַן אויג: „דער אַדוואָ־קאַט האָט געהייסן רעדן וואָס ווייניקער״ און פאַרשוווּנדן.

אַ פּאָליצײ־אָפיציר מיט אַן אָנגעשטאָפּטער טעקע פּאַפּירן האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און אויסגערופן: „ווער איז דאָ דער צענטער?״

— איך, האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט.

דער אָפיציר האָט פאַרשריבן ווי ער הייסט, ווו ער וווינט, ווי אַלט ער איז, און דערלאַנגט אים אונטערצושרײַבן.

אַלע צען מענער האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ גלײַכער שורה,

און אַן ערנסטע געשפּאַנטקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען. דער אָפיציר האָט געהייסן איינעם, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין דער ברוסט, אַז ער זאָל אים אויסגלייכן אין דער הייך.

— איר האָט געזאָגט אַז איר וועט זיכער דערקענען דעם גנב וואָס האָט אייך באַגנבעט? — האָט דער אָפיציר געפרעגט אַן עלטערער דער־שראָקענער פרוי.

— דאָס פּנים זיינס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן — האָט די פרוי געענטפערט.

— דאָ הינטער אייך — רעדט צו איר ווייטער דער אָפיציר — שטייען צען מענער, צווישן זיי זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרנעמען זיך מיט גנבות און פאַרברעכנס און זענען אויך פאַרדעכטיקט אין אויס־פירן די גנבה ביי אייך. איר וועט אַדורכגיין און איינקוקן זיך אין זיי וויפל מאָל אירווילט, און אויב איר וועט דערקענען דעם וואָס האָט אייך באַגנבעט, זאָלט איר אַרויפלייגן די האַנט אויף זיין אַקסל און זאָגן: „דאָס איז ער!״ איר האָט פאַרשטאַנען?

— ס'איז נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין, — האָט די פרוי געענט־פערט, געקוקט אין זייערע פּנימער און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— אַ חרפּה און אַ בושה, יונגע מענטשן, גנבים, טפו זאָלט איר ווערן! — האָט זי אַ שפּיי געטאָן, צופעליק אין דער ריכטונג פון דעם אַמעריקאַנער.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך פון דעם געפילט שטאַרק באַליידיקט, ער האָט זיך אָבער באַהערשט און געשוויגן, ווייל אין זעלבן מאָמענט האָט ער געטראַכט, אַז די פרוי איז טאַקע גערעכט. זי ווייסט דאָך נישט אַז ער איז דאָ אין גאַנצן על־פּי צופאַל, אַז ער איז געקומען העלפן דער פּאָליציי דערפילן אירע פליכטן פאַרן געזעץ.

די פרוי, נאָכן דורכגיין די רייע אַ פּאָר מאָל, קוקנדיק אין יעדן פּנים באַזונדער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם אַמעריקאַנער.

— וואָס זענט איר אַזוי רויט געוואָרן? — האָט זי געפרעגט אַריינ־קוקנדיק אים גלייך אין פּנים.

— דער אַמעריקאַנער, אַנשטאָט אַ תשובה האָט ער זיך צעשמייכלט.

— ער לאַכט דאָך גאָר — האָט זי ווייטער גערעדט קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן — ער האָט נאָך די חוצפּה צו... אָט אָ דאָס איז ער!

— האָט זי אויסגערופן דערלאַנגענדיק אים אַ פּאַטש.

— איר זעט, טענהט דער אַמעריקאַנער בחור צום פּאָליציי־אָפיציר, מען האָט מיך געבעטן, אַ דורכגייער אויף דער גאַס, אַ טוריסט פון אַמעריקע, אַז איך זאָל דערפילן אַ חוב צו העלפן דער פּאָליציי, יידישע

פּאָליציי, דערפילן אירע פליכטן פּאַרן געזעץ, בין איך אַזוי מיאוס באַליידיקט געוואָרן.

— נאָך אַ מאָל זאָלסטו נישט גנבענען! — האָט דער אָפיציר אים געענטפערט — וואָס האָסטו געמיינט, אַז מיר וועלן דיך נישט כאַפּן?!

דער סוף פון דער מעשׂה: מען האָט אים באַפּרײַט, און מען האָט זיך פּאַר אים זייער אַנטשולדיקט. אַן אַלטע פּאַרצווייפלטע פרוי וואָס מען האָט איר באַרויבט דאָס צירונג. דער זכּרון אירער איז שוין נישט פריש, אַ ביסל אויך סיניל.

ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, און ער וואָלט געוועזן זייער צופרידן פונעם באַקענען דאָס לאַנד אויך אין איר שאָטנדיקער זײַט, האָט מען דאָך אים אָבער אַרויסגעצויגן דאָרט דאָס טעשל מיטן געלט פון דער אונטערשטער הויזן־קעשענע.

די נאַטור איז גוט...

ער האָט אין מיר לאַנג אַרײַנגערעדט און האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען מיך איבערצוצײַגן אַז די נאַטור איז גוט. און אַז איך זאָל מיט־פאָרן מיט אים אויף דאַטשע. מען ווערט — זאָגט ער — אַן אַנדערער מענטש.

— איך רײַס זיך נישט צו ווערן אַן אַנדערער מענטש — האָב איך אים געענטפערט גלײַך אויפן אָרט — ווײַל אויף צו ווערן אַן אַנדערער מענטש מוז מען זיך פריִער גוט איבערלייגן, און באַשליסן אַז עס לוינט נישט. איך קען אַ סך אַנדערע מענטשן וואָס איך בין לגמרי נישט באַ־גײַסטערט פון זיי.

— איך מיין עס נישט בוכשטעבלעך. — ענטפערט ער — איר אַליין וועט בלײַבן דער זעלבער מענטש וואָס איר זענט געווען. די זעלבע גרייס שיך. די זעלבע מאָס הויזן. דעם זעלבן שׂכל. דאָס זעלבע פאַרמעגן וואָס איר פאַרמאָגט. נאָר דער אויסזען אײַערער, דאָס געמיט, די שטימונג, די נערוון... איר וועט זיך שוין איבערצײַגן דערנאָך, ווען איר וועט מיט־פאָרן מיט מיר, דאָרט ווו איך וועל אײַך פירן, אין די בערג פון גליל. נישט קיין סנאָבישער לוקסוס, נאָר נאַטור, די ריכטיקע נאַטירלעכע נאַטור, מיט איר גאַנצער פאַרכּישופטער נאַטירלעכקייט. אַ מענטש מוז זיך קענען אָפּרײַסן פון דעם שטאָטישן הו־האַ און לעבן אַ שטיקל צײַט מיט דער נאַטור. ווײַל דאָס איז אַ היילונג פאַרן גוף און פאַר דער נשמה, און אַז גאָט העלפּט און די נאַטור ליגט נאָך אין אַ שיינער געגנט, קען שוין קיין בעסערס נישט זײַן.

דאָס וואָס ער האָט אין מיר אַרײַנגערעדט, איז עס געווען שטייענדיק אַ מאָל אין תּל־אָביב אויף דער אַלענבי־גאַס, אויף אַ הייסן טראָטואַר. דאָס איז געווען אין אַ טאָג ווען דער ראַדיאָ האָט אָנגעמאָלדן זייער אַ גרויסע היץ. און די היץ איז געווען נאָך גרעסער ווי דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן. דאָס איז געווען אין אַ טאָג ווען די זון האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסן אונדז אַלעמען אויסצוגרילן, ווי די ברוינע הינער וואָס דרייען זיך אויף די לאַנגע שפּיזן אין דעם גרילאַוויון.

צו דעם אַלעם אַ דעמפּע שווייסיקע פײַכטקייט. צו דעם אַלעם אַ דושנער ריח פון שאַשליק, וואָס מען פּרעגלט אויף דער גאַס, כאַטש גיי און טו זיך אָן אַ גאַזמאַסקע. צו דעם אַלעם האָט אַ היסטערישער שאָפער

מיט אַ פֿאַרשוויצט פּנים, אָפּגעריסן אַ טיר פֿון אַן אויטאָמאָביל, און עס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן על־פּי נס אַ מיטל־יאָריקע פֿרוי וואָס געהערט צום מערך. און צו דעם אַלעם, אַ וויסט אָנשיקעניש. איינער וואָס איך קען אים נישט, כ׳האָב נישט אָן צו וויסן ווער ער איז, איז יעדער מאָל ווען ער זעט מיך, קריגט ער זיך און שרײַט אויף מיר אין מיטן דער גאַס, בכן, איך האָב אים נישט געזאָגט קיין שלום. כ׳האָב שוין געהאַט באַשלאָסן אַז אַזוי ווי איך וועל אים דערזען, וועל איך אים שנעל אַקעגנלויפֿן, זאָגן שלום און פּטור ווערן. פֿאַרגעס איך דאָס צו טאָן.

— — —

די נאַטור איז אַ רויִקע, און נעמט אויף געדולדיק יעדער באַשעפֿעניש, און אַז איך האָב זיך געטראָפֿן מיט דער נאַטור פּנים־אל־פּנים, האָב איך אײַנגעזען אַז מײַן פֿרײַנד איז טאַקע גערעכט געווען, אַז אַ שטיק נאַטור, אַפֿילו רויערהייט, ווירקט אויך גוט אַפֿילו אויפֿן ניכטערן מאָגן.

דער עיקר איז דאָך נישט דאָס עסן, פֿאַרקערט, דאָס עסן ברענגט נאָר שאָדן דעם מענטשן. דער עיקר איז דאָך די שיינקייט. די אַרומיקע פֿאַרחלומטקייט. מען זעצט זיך אַוועק אויף דער טעראַסע און מען האָט פֿאַר זיך רעכטס דעם ריזיקן באַרג חרמון, מיט דעם אייביקן שניי אויפֿן שפּיץ. און לינקס אַ פֿאַרציע געהאַקטע לעבערלעך. פֿון דער אַנדערער זײַט דעם ים־כּנרת און דערנעבן אַ שניצל מיט געבראַטענע קאַרטאָפֿל. אַ טערקישע קאַווע מיט טאַרט, וואָס דערמאָנען די אויסגעטריקנטע בלאָטעס פֿון ים־החולה.

פּלוצעם קומט אָן צו פֿליִען אַ בין פֿון ערגעץ ווו, זי שוועבט אַרום איבערן טיש און זינגט אַ שיר־השירים פֿול מיט בענקשאַפֿט, ביז זי באַגייט זעלבסטמאָרד, אַרײַנוואַרפֿנדיק זיך אין אַ טעלער הייסע זופּ.

די נאַטור! די נאַטור איז גוט!...

דערנאָך מוזסטו זיך אויפֿשטעלן מיט אַ פֿולן בויך נאַטור און אַרויסגיין אין דרויסן אָפּוועקסלען די נאַטור.

אַן אייזל קומט אָן מיט טרויעריקע אויגן, אויסשטרעקנדיק דעם האַלדז מיט אַ טראַגיש אָפֿן מויל, מיט גרויסע געלע ציין, צערעוועט ער זיך מיט אַ געהילך און ריטשעט אויס יאָמערלעך זײַנע ליבע־דערקלערונגען צו די בערגהויכקייטן, און צו די בלויע הימלען, באַווײַזנדיק זײַנע ראָמאַנטישע סימנים.

אַ יאַשטשערקע איז אַרויף אויף אַ פֿעלדז. אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „ברוך־הבא״ און פֿאַרשוווּנדן.

די פֿליגן פֿרייען זיך און קושן זיך מיט יעדן איינעם.

אַ שילדקרעט מיט אַ ביינערנעם טלית איבערן קאָפּ קריכט אויף אַלע פיר אין זאַמד. זאָגט „עלינו לשבח" אַ פּאַרטראַכטער אין קבלה־גערדאַנקען.

פּאָר נאַכט באַפריינדעט מען זיך מיט אַ פרוי, אַ שנײַדערין מיט אַ הויכן ביוסט, וואָס פאַרטרויט זיך אַז זי וויל זיך געטן מיט איר מאַן, כאָטש ער איז אַ גרויסער פאַרדינער. זי קען נאָר נישט דערציילן די סיבה. און אַזוי ווי זי איז אויך אַ נאַטור־ליבהאָבערין, גייען זיי ביידע באַקוקן די לבנה, וואָס באַהאַלט זיך צווישן די ביימער, און הערן נישט אויף רעדן וועגן דעם געמאַרינירטן הערינג, וואָס מען האָט געגעסן אויפן היינטיקן אָונט־ברויט.

דער באַלעבאָס פונעם פּענסיאָן, אַ קליינער, אַ קיילעכיקער, מיט אַ ברייט צעשמייכלטן פּנים, און מיט אַ צוגעשוירן בערדל, וואָס איז נישט אַהין און נישט אַהער, נישט צו פרום און נישט צו פריי. ער איז אַ לעמבערגער, אַ גאַליציאַנער. זינט ער האָט זיך באַזעצט אין גליל איז ער געוואָרן אַ גאַליליציאַנער, און ער אַליין איז אויך אַ גרויסער נאַטור־ליבהאָבער.

האָט ער צוגעזאָגט, דער באַלעבאָס, אַז איבער אַ יאָר, מערטשעם, וועט ער אויפבויען אַן אמתן נאַטירלעכן וואַסערפאַל, וועט זיך די ניאַגאַראַ קענען באַהאַלטן. ער האָט שוין אַפילו באַשטעלט די רערן.

איבער אַ יאָר, זאָגט ער, מערטשעם, וועט מען יעדן טאָג, צווישן פינף און זעקס נאָך מיטאָג, אויפדרייען דעם קראַן, און לאָזן אין גאַנג דעם וואַסערפאַל. און די געסט זײַנע וועלן קוקן און שעפּן נחת פון יעדן קוואַרטירל וואַסער וואָס ס'וועט אַראָפּפאַלן.

צום סוף וועט איר אַהיימפאָרן אין אײַער היים, מאַכן זיך אַ וואַנע, טרינקען פרישע טיי, אַרײַנלייגן זיך אין אײַער ברייט באַקוועם בעט אַרײַן, לייענען אַן אַרטיקל אין צײַטונג וועגן דער נאַטור און איר ווירקונג אויפן געזונט פון מענטש. ביז די אויגן וועלן זיך אײַך אָנהויבן קלעפּן...

אַ גוטע נאַכט.

באַשירעמט זאָל מען ווערן

צוויי חברים האָבן זיך צעקריגט און זענען זיך געוואָרן דם־שׂונאים. געשען איז דאָס בײַ אַן אָנגעצויגענער שטימונג, אין מיטן קאָרטנשפּיל. איינער האָט געלאָזט הערן אַ בייז וואָרט. אויף דעם איז געקומען נאָך אַ בייזערע תּשובֿה. דערנאָך זײַנען זיי איבערגעגאַנגען צו זידלערײַען און קללות. ביז איינער פֿון זיי, וואָס הייסט חיים, האָט געוואָרפֿן דאָס פּעשל קאָרטן זײַן חבֿר משה גלײַך אין פּנים אַרײַן.

משה איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער און אויסגערופֿן, אויסשטרעקנ־דיק דעם פֿינגער צו דער טיר:

— אַרויס פֿון מײַן הויז! דו זאָלסט מער נישט וואָגן צו קומען אַהער.

— דו זאָלסט מיך אַפֿילו אָפּגילטן — האָט חיים געענטפֿערט — וועט מײַן פֿוס דײַן הויז מער נישט איבערטרעטן. איך וועל דײַן עקלדיק פּרצוף מער נישט אָנקוקן!

ער האָט אָנגענומען די האַנט פֿון זײַן ווײַב וואָס איז געשטאַנען אַ צעשראָקענע, און כּסדר געזאָגט אויף דײַטש: „זאָ וואָס! זאָ וואָס!" ער האָט פֿאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר און צוזאַמען מיטן „זאָ וואָס" אַרײַנגעזעצט זי אין זײַן קאַר אַרײַן.

— האָסט געזען וואָס פֿאַר אַ נבֿלה דער משה איז? — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

— פֿאַר געלאַסן און זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז אַ הונט האָט געבילט — האָט דאָס ווײַב געפּרוּווט אים באַרויִקן, ווײַל פֿירן אַ קאַר אין אַזאַ אויפֿרעגונג, קאָן מען חלילה... אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.

עס קאָן זײַן אַז מיט דעם אַ ברוגז וואָלט זיך די זאַך געענדיקט אויף שטענדיק, אָדער ביז עס וואָלט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט... וואָס קען מען וויסן? אָבער אין דעם גרויסן טומל, ווען חיים איז אַוועק מיטן ווײַב פֿאַרקלאַפּנדיק די טיר, האָט ער נישט מיטגענומען דעם שירעם זײַנעם. אַ נײַער שירעם, דעם זעלבן טאָג געקויפֿט.

שוין דרײַ טעג וואָס ער האַלט אין איין קלערן וועגן דעם שירעם און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. נאָך אַזאַ באַליידיקונג, קען ער נישט פּועלן בײַ זיך גיין אָנרופֿן אים אין טעלעפֿאָן און רעדן מיט אים וועגן אַ שירעם. אַלאָ, לאָזן פֿאַרפֿאַלן בײַ אים אַ נײַעם שירעם? פֿאַר וואָס?

אויב ער דאַרף אַ שירעם, איז ער נישט קראַנק צו גיין קויפן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אַז „וואָס קען שוין דאָ זײַן?" און ער האָט אים געזאָגט דורכן טעלעפאָן:

— איך וויל דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט מיר צוריקגעבן מײַן שירעם. אין דעם הויז וואָס מײַן פּוס ווערט שוין נישט איבערטרעטן, האָב איך איבערגעלאָזט מײַן שירעם. אַ נײַער שירעם.

— וואָס האַקסטו מיר אין קאָפּ אַרײַן מיט אַ שירעם?! ווער עמען אינטערעסירט דײַן שירעם? אַזאַ וויסט אָנטשעפּעניש! האָסט פאַרגעסן דעם שירעם, קויף דיר אַן אַנדערן. רײַך ווי קורח, נאָר טאָמער דאַרף ער אויסגעבן אַ דאָלאַר, קריגט ער יציאת־נשמה.

— איך קען מיר קויפן צען שירעמס, פּופּציק שירעמס. דאָס איז נישט דײַן באָבעס דאגה. אָבער שענקען דיר אַ שירעם, וויל איך נישט. איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט מיר שוין אָפּגעבן מײַן שירעם!

— אויב נישט, וואָס וועסטו מיר טאָן? קענסט מיר נאָר שיטן זאַלץ.

— נישט בלויז זאַלץ, נאָר פעפער אויכעט... קענסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר... ס'איז דאָ אַ געריכט, פּאָליציי. די וועלט איז נאָך נישט הפקר. און דיך אָנצולערנען בין איך גרייט עס זאָל מיך קאָסטן אַפילו הונדערט שירעמס.

— פאַרמאַך דאָס מויל. איך גיב דיר צוריק דײַן שירעם און טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. פון אַ פּגע־רע דאַרף מען וואָס שנעלער פּטור ווערן. דײַן שירעם הענגט איך שוין אַרויס אין דרויסן אויף דעם הענטל פון מײַן טיר. קענסט שוין קומען אים נעמען, און גיין מיט אים אין איינעם צו אַל די רוחות.

— — —

צוויי מענטשן האָבן אַרויפגעטראָגן אויף די טרעפּ אַ שווערן פרידזשידער. פּונקט דעמאָלט ווען זיי זענען אַדורך מיטן פרידזשידער משהס טיר, האָט דער שירעם זיך פּלוצעם געעפנט, אויפגעשפּרונגען פון זיך אַליין, פאַרטשעפּעט זיך אין דעם פרידזשידער, און די אַלע דראָטן אינעווייניק האָבן זיך צעקרימט, צעשאָטן.

אַז חיים האָט אַהיימגעבערענגט דעם שירעם און דערזען ווי אַזוי ער קוקט אויס אינעווייניק, איז ער אויפגעשפּרונגען פון כעס. גלײַך געלאָפן צוריק, און אויף דעם זעלבן אָרט, אויף דעם זעלבן הענטל פון משהס טיר, צוריק אויפגעהאָנגען דעם שירעם מיט אַ צעטל, וווּ עס איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

כוליגאַן! אַזאַ זאַך קאָן טון נאָר אַ כוליגאַן. און דאָס וועט דיך זייער טײַער קאָסטן. איך זאַמל שוין באַווײַזן קעגן דיר. איך האָב שוין

אַ צעטל פון אַ דאָקטאָר. און קיין עדות וועלן מיר אויך נישט פעלן. דײַן אייביקער שונא: חיים.

משה האָט געלייענט דאָס צעטל און געטראַכט, אַז דער חיים איז אַראָפּ פון זינען. דערווײַל איז אַרײַנגעקומען זײַן פרוי, אַ בלאָסע, צעשראָקענע און דערציילט, אַז עס פעלט איר דער גאָלדענער בראָס־לעט, דער מיט די דימענטן. מען דאַרף — זאָגט זי — שוין אָנמעלדן דער פּאָליציי, און דער אינשורענס־קאָמפּאַני.

— אײַל זיך נישט — האָט זי משה באַרויִקט — פאַרצווייפל נישט אַזוי גיך. דערמאָן זיך געלאָסן, ווו האָסטו אים אָוועקגעלייגט, דעם בראָסלעט?

— איך האָב אים אַרײַנגעלייגט אין אַ שירעם אַרײַן.

— וואָס רעדסטו? — רעדסט דאָך עפּעס אין גאַנצן נישט נאָרמאַל.

— איך בין נאָרמאַל, און איך ווייס וואָס איך רעד. איך האָב אַרײַנגעלייגט דעם בראָסלעט אין אַ שירעם אַרײַן, ווײַל איך האָב דעמאָלט געהאַט אין הויז די איטאַליענערין וואָס האָט ריין געמאַכט די ווינונג. זי איז אַן אָרנטלעכער מענטש. אָבער וואָס זיכער איז זיכער. אַ גאָלדענער בראָסלעט מיט דימענטן איז בעסער צו באַהאַלטן אין אַזאַ אָרט ווו עס וועט קיינעם נישט אײַנפאַלן. אין אַ שירעם בין איך געווען הונדערט פּראָצענט זיכער אַז קיינעם וועט נישט אײַנפאַלן. איך מאַך עס אַזוי אַלע מאָל ווען זי קומט רוימען.

משה האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. ער האָט גענומען דעם צעבראָכענעם שירעם, שנעל אָוועקגעטראָגן צוריק אויף חיימס אַדרעס, און אַרײַנגעשטופּט אים דאָרט אין דעם שפּאַלט פון זײַן הילצערנעם פּאָסטקעסטל, וואָס איז ספּעציעל אויף פּאָר צײַטונגען און זשורנאַלן, און צוגעשפּילעט אַ צעטל מיט אַ נערוועזער האַנטשריפט:

פאַרברעכער! ביזן אָוונט זאָל איך האָבן צוריק מײַן ווײַבס גאָלדע־נעם בראָסלעט מיט די דרײַ און פערציק קאַראַט־דימענטן.

די פּראָצעסן פון ביידע צדדים שלעפּן זיך שוין דאָס דריטע יאָר. משהס ווײַב איז שוין נאָך אַן אָפּעראַציע פון גאַלשטיינער. חיימס ווײַב איז אַ ביסעלע צערודערט און האַלט אין אײַן זאָגן „זאָ וואָס". איז נאָר דער רבונו־של־עולם ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

עטיק און עסטעטיק

איך בין געגאַנגען קויפן טאָמאַטן. עס איז דאָ אַ געגנט מיט קראָמען ווו מען פאַרקויפט פּרוכטן און גרינצײַג. האָט איינער פון זיי געגעבן אַ גרויסן אָנאָנס אין צײַטונג, אַז ער פאַרקויפט טאָמאַטן פאַר בחצי־חינם.

אַזוי ווי איך בין אַרײַן אין דער קראָם, האָב איך גלײַך געזען אַז דאָס איז נישט פאַר מײַן געדולד, און נישט פאַר מײַנע נערוון. ווײַל דער טיש וואָס איז באַלייגט מיט אַ הויכן באַרג טאָמאַטן, איז אַרומגעריגנלט מיט אַ סך מענטשן. איינער אויפן אַנדערן, און אויף דעם באַרג טאָמאַטן וואַנדערן אַרום צענדליקער נערוועזע הענט. ווײַבערישע הענט מיט רינגען, בראַסלעטן, בריליאַנטן און פינגער צעקרימטע פון רעומאַטיזם. מענערישע הענט צעדרייטע פון שנײַדערישע שערן און שוסטערישע דראַטוועס. הענט באַאַדערטע, באַהאַרטע, האַרטהויטיקע, און רויטלאַקירטע נעגל אויף שמאָלע פינגער פון יונגע פרויען. און די אַלע הענט טאַפּן, קלויבן און קוועטשן טאָמאַטן.

פּלוצעם האָט איינער אַ געשריי געטאָן: גראָבער יונג!

דער צווייטער, צו וועמען דער „גראָבער יונג" איז געווען געצילט, האָט צוריקגעשריגן: מעשוגענער אָקס!

דאָס זענען געווען צוויי עלטערע מענטשן, וואָס ביידע זענען נישט באַשאַנקען געווען מיט צו פיל אַריסטאָקראַטישקייט, אָבער ביידע האָבן באַוויזן אַז זיי פאַרמאָגן אַ גרויסן אַרסענאַל מיט זאַפטיק־פעטע זידלווערטער און קללות, וואָס זיי האָבן זיך קעגנזײַטיק באַשאַנקען מיט דער גאַנצער אויפריכטיקסטער האַרציקייט.

— הערט אויף צו זידלען זיך — האָט אַ פרוי זיך אַרײַנגעמישט — ווי פּאַסט עס פאַר אײַך? איר זענט דאָך שוין „קאַנעהאָרע" עלטערע מענטשן, איר דאַרפט דאָך שוין שוינען אײַער געזונט.

— אַט האָסטו דיר אַ נײַע גבאיטע — האָט איינער פון די זידלערס איר אַ זאָג געטון — גיי צו אַל די שוואַרץ־יאָר מיט אים צוזאַמען.

נאָכן דערהאַלטן אַזאַ ענטפער איז די פרוי אַנטלאָפן אַ דערשראָקענע, איבערלאָזנדיק דעם בײַטל מיט די אויסגעקליבענע טאָמאַטן.

די סיבה פאַר וואָס די צוויי מענטשן האָבן זיך אַזוי געזידלט, ווייס איך נישט. און עס איז מיר נישט אַזוי וויכטיק צו וויסן. האָב איך זיי

ביידן געלאָזט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עולם טאָמאַטן־גיריקע און אַוועק.

נאָך אַ שטיקל צײַט, דער זומער האָט שוין געגעבן אָנצוהערן אַז ער האַלט אונדז בײַם פאַרלאָזן און האָט שוין געלאָזט פילן די קילקייט פונעם אָנזאָגנדיקן ווינטער; די נעכט זענען שוין צוגעפאַלן פריִער; עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער סעזאָן פון די קולטור־טעטיקייטן; בין איך געגאַנגען הערן אַ לעקציע אויף דער טעמע: „עטיק און עסטע־טיק און זייער גײַסטיקע ווירקונג".

אויפן פרעזידיום־טיש שטייט אַ קרוג וואַסער מיט גלעזער, און לעבן דעם טיש זיצן דרײַ אַלטע מענטשן מיט הויכע פּלייצעס, איינער פון זיי איז דער לעקטאָר. די איבעריקע צוויי זיצן סתּם, אַז מען זאָל אויף זיי קוקן.

בײַם שטענדער שטייט דער פאַרזיצער און מיט גרויסע באַמיונגען האַלט ער אין איין דערציילן די גרויסקייט פון דעם לעקטאָר, אַז ער איז גאָרנישט קיין געוויינטלעכער מענטש, אַז ער איז אַן אויסערגעוויינט־לעכער, נישט געוויינטלעכער מענטש. אַ געלערנטער, אַ תּלמיד־חכם, אַ גײַסטרײַכער, און צו דעם אַלעם אויך אַן ערודיט.

דער לעקטאָר, אַ פאַרמאַטערטער פון פאַרזיצערס לאַנגע רעדע, האָט אָנגעהויבן זײַן לעקציע מיט אַ ציטערנדיקער גאַמבע און געשלונגען די ווערטער ווי ספּאַגעטן. די לופט אין זאַל איז געווען שרעקלעך טרוקן. די רעדע אויך. דער רעדנער האָט נישט געהאַט וואָס צו רעדן, אָבער ער האָט זייער אַ סך גערעדט.

איך האָב פון זײַן רעדע כּמעט גאָרנישט נישט געהערט. אויך דער־פאַר ווײַל איך בין געווען די גאַנצע צײַט פאַרטראַכט וועגן די צוויי מענטשן, דעם פאַרזיצער און דעם לעקטאָר. עפּעס האָבן זיי מיר דער־מאָנט אין די צוויי וואָס האָבן זיך אַ מאָל געזידלט אין דער קראָם פון טאָמאַטן. אַ גוואַלדיקע ענלעכקייט. זאָלן זיי דאָס זײַן די זעלבע? עס קאָן דאָך אָבער נישט מעגלעך זײַן. די צוויי פאַרשוינען פון די טאָמאַטן, וואָס פאַר אַ שײַכות האָבן זיי מיט עטיק און עסטעטיק?

דער חשד בײַ מיר ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. אָבער... ווידער דאָס זעלבע...

דערפאַר האָב איך דעם לעקטאָר געוואָלט זען פון זייער נאָנט. בין איך צו אים צוגעגאַנגען, נאָך דעם ווי מען האָט געענדיקט, און געדאַנקט אים פאַרן רעפעראַט. אַ שאָד נאָר — האָב איך געזאָגט — וואָס די דיקציע אײַערע איז נישט קיין פּערפעקטע.

925141

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטרענגן בליק פֿון אויבן ביז אַראָפּ און געזאָגט:

— וואָס פֿאַר אַ דיקציע? וואָס מישסטו מיר דאָ אַרײַן דיקציע? איך האָב וועגן דיקציע אין גאַנצן נישט גערעדט. ווער איז ער דער משוגענער?! ער ווייסט דאָך נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים. טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען ווײַל דו קריגסט פֿון מיר אַ כמאַל.

אין דעם מאָמענט בין איך געקומען צו דער פֿעסטער איבערצײַגונג, אַז דאָס זענען זיי טאַקע, די ביידע פֿון דער טאָמאַטן־קראָם. הונדערט פּראָצענט! איך בין אַפֿילו גרייט צו שווערן אַז דאָס זענען זיי.

ברוך־השם — צוריק פון אַמעריקע

די טריט פון די דורכגייערס ווערן איַינגעזויגן אין די טעפּעכער אַריַין, און אַ שטילקייט הערשט איבער דער גרויסער „לאָבי" און איבער די לאַנגע פאַרטעפּעכטע קאָרידאָרן פון אַלע פיר און צוואַנציק שטאָק פון דעם הויז.

די טירן פון די דריַי „עלעוויטאָרס" האַלטן זיך אין איין עפענען און פאַרמאַכן. און איבער די טירן בליצן די נומערן פון די אַלע שטאָקן פון דעם גרויסן הויז.

די אויטאָמאַטישע פּראָנט־טיר צעזשומעט זיך יעדער מאָל און עפנט זיך לויטן באַפעל פון אַן איַינוווינער, וואָס האָט ערגעץ ווו אַ קוועטש געטאָן אין אַ קנעפּל און אַריַינגעלאָזט אַ בינעזער מיט אַ הייסן קאַרטאָן, וואָס ער האַלט אים נאָענט צום האַרץ, ווי אַ קליין קינד. אַ מאָלציַיט פון כל־טוב. און דער אויטאָ מיט דער פירמע פון אַ באַרימטן כינעזישן רעסטאָראַן וואַרט אויף אים פאַרן אַריַינגאַנג.

זי צעזשומעט זיך די טיר, און עפנט זיך פאַרן פּאָסט־טרעגער, וואָס דאַרף נעמען אַן אונטערשריפט אויף אַ רעגיסטרירטן בריוו. פאַר אַ שליח פון אַן אַפּטייק, וואָס ליווערט רפואות באַשטעלטע דורכן טעלע־פאָן. און פאַר געוווּנטשענע באַזוכערס, וואָס זענען באַשאָנקען געוואָרן פון אַ נאָענטן וואָס וווינט ערגעץ ווו אין דעם הויז, מיט אַ פריַינדלעכן קוועטש אינעם קנעפּל.

איַינוווינערס פונעם הויז קומען אַן מיט דעם שליסעלע אין האַנט, און די טיר ווערט דורך זיי געעפנט אָן זשומעריַיען.

אין די „עלעוויטאָרס" פילט זיך תּמיד אַ היימישקייט. די שכנים וואָס באַגעגענען זיך דאָרט טאָג־טעגלעך, באַגריסן זיך מיט צעשמייכלטע פּנימער, און מען דערציילט זיך מיט פאַרגעניגן, אַז דער שניישטורעם האַלט זיך ביַים אָפּשטעלן, און ס'גייט ווערן אַ שיינער טאָג.

אַן עלטערע אַלמנה, וואָס האַלט זיך זייער יונג מיט אירע בלאָנד־פינקלדיקע האָר, זאָגט אַ פריילעכן „האַלאָ" דעם ריַיכן פאַבריקאַנט פון רעגן־מאַנטלען, וואָס איז אַן אַלמן מיט בלאָע טאָרבעלעך אונטער די אויגן.

דער גרויסער פירקאַנטיקער זאַל פון דער „לאָבי" האָט גלעזערנע פראָנטווענט, פאַרהאַנגענע מיט געפיור־גאַרדינען, ווייכע לעדערנע סאָ־

פעס לעבן טישלער מיט אַשבעכערס. מענטשן פון פאַרשידענע שטאַקן, ס'רוב פענסיאָנירטע, פאַרברענגען דאָרט זייער צײַט מיט רעדן וועגן די אַלע וואָס גייען און קומען אָן אויפהער.

דער ישׂראלדיקער, וואָס איז געבליבן אַ ישׂראל־פּאַטריאָט אויפן גאַנצן לעבן, באַרימט זיך און שטאָלצירט מיט דעם ישׂראלדיקן סימפּאָנישן אָרקעסטער, אַז ער איז דער בעסטער אין דער וועלט.

אַז ישׂראל זאָל האָבן דעם בעסטן סימפּאָנישן אָרקעסטער — זאָגט דער „ריטאַיערטער" מענער־שנײַדער — קען זײַן אַז ס'איז אמת, איך וויל נישט זאָגן, ווײַל כ'האָב נאָך דעם אָרקעסטער נישט אויסגעפּרובירט. אָבער מיר, אַמעריקאַנער, האָבן דאָך דעם גרעסטן ווייץ־און קאָרן־עקספּאָרט אין דער וועלט! קומט ער און רעדט וועגן אַן אָרקעסטער.

אַן „עלעוווייטער" האָט זיך געעפנט אַן אַנגעשטאָפּטער מיט מעבל. מען ציט זיך אַרויס. דאָס ציט זיך אַרויס דער פון עגיפּטן, ווײַל ער קען נישט איבערטראָגן דעם מאָנטרעאַלער ווינטער. פײַנע מענטשן, ער און זײַן פרוי.

זייער פײַנע מענטשן — גיט צו איינער וואָס הייסט איטשע — די ציוניסטן ווילן אײַנרעדן דער וועלט — זאָגט איטשע — אַז די אַראַבער זענען ווילדע טעראָריסטן, באַנדיטן, רוצחים. איטשע איז פון זײַן פּריסטער יוגנט געווען אַ קאָמוניסט. פול מיט שׂינאה פאַר דער גאַנצער וועלט, און אַן אויסגעשטאָפּטער מיט ליבע פאַר רוסלאַנד. הײַנט האָט ער זיך שוין פון דער דאָזיקער ליבע אויך אָפּגעטרייסלט. הײַנט האָט ער שוין פײַנט אַלע, אַן אויסנאַם, אויסער די אַראַבער, ווײַל ער איז נאָך אַלץ אַ קאָמוניסט. אַן אַנטווישטער קאָמוניסט. איצט — זאָגט ער — קענט איר זען בלויז אין דעם שכן אונדזערן פון עגיפּטן, וואָס פאַר אַ אינטעליגענטע און געלערנטע מענטשן אַראַבער זענען.

— אינטעליגענטע אויך? געלערנטע אויך?! — צעקאָכט זיך דער ישׂראלדיקער — ווײַזט מיר איינעם פון די הונדערטער מיליאָנען אַראַבער אויף דער וועלט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז? ווײַזט מיר עפּעס איין זאַך וואָס זיי האָבן דערפונדן. די באָמבעס און דער דינאַמיט וואָס זיי באַנוצן איז נישט זייער דערפינדונג.

— ריכטיק — ענטפערט איטשע — דעם דינאַמיט האָבן זיי נישט דערפונדן. אָבער דער שׂכל פון דעם דינאַמיט, דאָס איז זייערס, נאָר זייערס.

— אַך און ווי צו זייער שׂכל. לאָמיר בעסער רעדן וועגן דעם וואָס איז איצט אַרײַנגעקומען. איר קענט אים, דעם וואָס איז איצט אַרײַנ־

געקומען? ער איז אַ געלערנטער מענטש. רײַך ווי קורח, אַ מיאוס ווײַב, און שפּראַכן קען ער אָן אַ שיעור.

— שפּראַכן? זייער וויכטיק — זאָגט איטשע — איך קען איינעם וואָס איז געוואָרן אַ פּאַרטיער אין אַ האָטעל, אַ דאַנק דעם וואָס ער קען שפּראַכן. אָבער די שענסטע פון אַלע שפּראַכן איז פּאַרט ייִדיש. נאָר קיינער ניצט עס נישט. אַפילו די ייִדן וואָס קענען נישט קיין אַנדער שפּראַך אויסער ייִדיש, רעדן אויך ענגליש.

די מיסיס פליי, וואָס האָט שיינע פּיס אויף הויכע אָפּצאַסן, אַ צעקנייטשט פּנים מיט אַ שטענדיקער גרימאַסע ווי פון ציינווייטיק, איז באַשעפטיקט בײַם אויסליידיקן איר פּאָסטקעסטל.

די פּאָסטקעסטלעך זענען אָפט מאָל איבערגעפּולט מיט בריוו און מיט רעקלאַמע־מאַטעריאַלן פון סופּערמאַרקעטס, רעסטאָראַנען, בראָשורן פון אַ שיינהייטס־אינסטיטוט וואָס גיט אַ רעדוקציע פון פופציק פּראָצענט, און פון דער באַקאַנטער מיסיס „פלאָרא״, וואָס פאַרזיכערט אויף ענגליש און פראַנצייזיש אַראָפּצונעמען פון דער וואָג פאַר זייער ביליק. רעכענונגען פאַר עלעקטריע, טעלעפאָן, און פּובליקאַציעס פון אַזעלכע וואָס זאָגן אײַך פאַר אײַער צוקונפט מיט אַ גאַראַנטיע.

זי איז אַ טאָפּלטע גרושה, די מיסיס פליי, צוויי מאָל געגט, און זי אַרבעט אין אַ פּיונעראַל־הויז, אין דער פּרויען־אָפּטיילונג. דאָס איז אַן עלעגאַנטער האָטעל פאַר טויטע, וואָס נעכטיקן דאָרט איבער זייערע לעצטע נעכט אויף אַ צערוישטער גאַס, מיט בלענדנדיקע ליכט־רעקלאַמעס, פון געשעפטן מיט האַמבורגער, וווּרשטלעך, פּיצעס, ביר, דזשאַז און קאַפּוצינאָ.

ווען זי גייט אַהיים פון דער אַרבעט, קויפט זי זיך אײַן אויפן וועג לעבעדיקע פיש אויף „סאַפּער״. אַרבעטן אַרבעט זי בײַ טויטע, אָבער פיש האָט זי ליב לעבעדיקע.

אַ תּימנער ייִד מיט באָרד און פּאות, נאָר וואָס געקומען פון ישׂראל אויף אַ באַזוך צו זײַן טאָכטער, וואָס וווינט אין דעם הויז מיט איר מאַן, אַ כינעזישער גימנאַזיע־לערער, און זײַנע אייניקלעך מיט אויגן־שפּאַרעלעך, זאָגן אים שלום מיט אַ כינעזישן בלעכענעם קלאַנג. רופן אים „זיידע״ אויף ייִדיש. ווײַל אַלע ייִדישע קינדער אין דעם הויז רופן זייער „גראַנדפּאַ״ זיידע.

אין דעם שווימבאַסיין וואָס איז אין דעם זעלבן הויז שטייט דאָרט דער תּימנער ביזן העלפט אין וואַסער, מיט אַ פּאָר צו לאַנגע באָדהייזלעך, גרייט צו געניסן אַ ביסל אַמעריקאַנער שווילטאָג. און ער קען נישט פאַרשטיין דעם כּעס פון אַ דיקער פּירקאַנטיקער פרוי, וואָס וויל זיך באַווײַזן

מיט איר געניטשאַפּט אין שווימען, פּאַטשט זי און כמאַלעט דאָס וואַסער אָן רחמנות.

— שווימען — זאָגט דער תּימנער — קען איך נישט. אָבער... ברוך־השם.

— — —

אין משך פון די צוויי וואָכן וואָס ער האָט פאַרברענגט ביַי זײַן טאָכטער, האָט ער נאָך יעדן טאָג וואָס איז פאַרביַי זיך געזאָגט „ברוך־השם" און ווען דער „אל־על"־עראָפּלאַן האָט אים אַראָפּגעלאָזט אויף דעם ישׂראלדיקן פליפאָרט, האָט ער מיט צעפינקלטע אויגן דערלאַנגט דעם פּאַס צו דער קאָנטראָל און אויסגעקרעכצט אַ לאַנגן, הויכן, ברוך־השם!

זײַן ערשטער קאָנצערט

אין תּל־אָביב איז אַ מאָל געווען אַן אימפּרעסאַריאָ וואָס האָט געבראַנגט פֿון אויסלאַנד באַרימטע קינסטלערס און געמאַכט פֿאַר זײ קאָנצערטן, פֿאָרשטעלונגען. גערעדט האָט ער שנעל, הײזעריק און אומ־געדולדיק.

איז צו אים אין ביוראָ געקומען אײנער, אַ זינגער מיט אַ באַס־באַריטאָן, און אים דערצײלט אַז אין דײַטשלאַנד, באַלד נאָך דער מלחמה, האָט מען אים, נאָך זײַנס אַ קאָנצערט געטראָגן אויף די הענט. אָט האָט איר — האָט ער אים געוויזן אַן אַלט שטיקל צײַטונג — לײענט איבער וואָס מען האָט געשריבן וועגן מיר.

דער אימפּרעסאַריאָ איז געזעסן אין זײַן פֿאָטעל לעבן שרײַבטיש, געצויגן אַ ציגאַרעטל און געקוקט מיט אַ פּאָר פֿאַרגליווערטע אויגן סתּם אין דער וועלט אַרײַן. אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים.

— איך גלײב אײַך — האָט ער אים געענטפֿערט — נישט שענקענדיק צו מאָל אַ בליק אויף דער צײַטונג — איך שטעל זיך פֿאָר אַז מען שרײַבט דאָרט וועגן אײַך זײער גוט. איז וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— אַז איר זאָלט מיר מאַכן אַ קאָנצערט.

— איך זאָל אײַך מאַכן אַ קאָנצערט? וואָס רעדט איר פֿאַר אַ נאַריש־קײטן? אויף צו מאַכן אַ קאָנצערט מוז מען האָבן אַ נאָמען.

— איך הײס חיים בלעטער.

— דאָס איז נישט קײן נאָמען. שאַלאַפּין איז אַ נאָמען. פּאָול ראָב־סאָן, בינג קראָסבי, דאָס זענען נעמען! און אַז איך וועל אַנאָנסירן אַ קאָנצערט פֿון חיים בלעטער, וויפֿל מענטשן מײנט איר וועלן קומען?

— אויף דעם קען איך אײַך גענוי נישט ענטפֿערן, עס ווענדט זיך אויך וויפֿל פּלעצער...

— וועגן פּלעצער דאַרפֿט איר נישט זאָרגן. פּלעצער וועלן זײַן גענוג. עס איז אָבער נישטאָ בײַ אונדז אַזאַ געזעץ, אַז מען זאָל קענען ברענגען דאָס פּובליקום מיט פּאָליצײ, וועט אײַך אויסקומען צו זינגען פֿאַר די לײדיקע שטולן וואָס קאָסטן זײער טײַער.

— איך מוז זיך דאָך אָבער אויסטרעטן אַ וועג צו מײַן קאַריערע. מיר גײט נישט איצט וועגן געלט. מיר גײט אין דעם אַז איך זאָל געהערט

ווערן. איך האָב אַ ווונדערלעכע שטים. דערלויבט מיר עפּעס צו זינגען פאַר אײַך.

ער האָט נישט געוואַרט ביז די דערלויבעניש וועט אים געגעבן ווערן, און גלײַך זיך צעזונגען.

די אויגן פון דעם אימפּרעסאַריאָ האָבן זיך צעעפנט. ער איז איבער־ראַשט געוואָרן פון דער קרעפּטיקער און לויטערער שטים וואָס קאָלערט זיך אַזוי לײַכט פון העכסטן טאָן, ביז אין דער סאַמע טיף, ווי אין אַ תהום אַרײַן.

— נו? — האָט ער געפרעגט — איך קאָן זינגען?

— איר האָט אַ גוטע שטים. זייער אַ גוטע שטים. און אויב עס גייט אײַך נישט אין קיין געלט, נאָר בלויז צו דערשײַנען פאַר אַ פּובליקום, וועל איך אײַך געבן אַזאַ געלעגנהייט. איך ברענג אַהער פון אַמעריקע אַ באַרימטן שווישפּילער, איז אין דער צײַט ווען דער שווישפּילער דאַרף זיך איבערטאָן פון אײַן אויפטריט צום צווייטן. וועט איר דערווײַל קענען זינגען פאַר דעם פאָרהאַנג. אַזאַ מענטש בין איך, טאָמער זע איך עמעצן וואָס האָט טאַלאַנט און עס גייט אים נישט אין קיין געלט, און ער וויל נאָך אפשר אויך צוצאָלן, בין איך אים תמיד גרייט צו העלפן.

דער אַפֿיש אין גאַס האָט אויסגעשריגן מיט גרויסע אותיות דעם נאָמען פון דעם אַמעריקאַנער סטאַר, און גאָר הינטן, מיט גאָר קליינע אותיות, האָט מען געקענט זען אויך זײַן נאָמען וואָס מען האָט אים פאַר־גרײַזט, אַנשטאָט חיים בלעטער האָט מען אָפּגעדרוקט חיים בעטלער.

דאָס אַלץ האָט אים פאַרשאַפט זייער פיל צער. און די עיקר־זאָרג האָט ער געהאַט מיט דער גאַרדעראָב. דערשײַנען פאַר אַן עולם מוז מען דאָך אין אַן עלעגאַנטן קאָסטיום. פון וואַנעט נעמט מען אַזעלכעס? ער איז דאָך אַ נײַער עולה, געקומען פון אַ לאַגער.

אַ חבר זײַנער פון לאַגער וואָס לעבט שוין דאָ אַ לענגערע צײַט האָט אים אַוועקגעפירט קיין יפו, אין אַן אָרט ווו מען קריגט אויסגע־באָרגט מלבושים. זיי זענען אַרײַן אין אַ הײַזל פון אַלטע שטיינער, און אין אַ פינצטער־סודותדיקן טרעפּן־צימער. אַ שווערע לופט פון פײַכט־קייט און פוילקייט האָט פאַרהאַקט דעם אָטעם.

דער איז אַן אייגענער, האָט דער חבר זײַנער געזאָגט צו דעם וואָס האָט געעפנט אַ שפּאַרע פון דער טיר. יענער האָט זיך נאָך אַ ביסל אײַנ־געקוקט אין זיי, ביז ער האָט באַשלאָסן זיי אַרײַנצולאָזן.

דער חבר זײַנער האָט דאָרט דערציילט די גאַנצע מעשה און צוגע־געבן אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך, אַז גלײַך צו מאָרגנס נאָכן קאָנצערט, ברענגט מען צוריק אַלע זאַכן אין בעסטן אָרדענונג.

נאָכן אָפּמעסטן פֿאַרשידענע מלבושים איז ער אַוועק מיט אַ קאָמ־פּלעקט אויסשטאַטונג: אַ סמאָקינג, אַ שוואַרצע שלייף, לאַקשיך. און אַפילו אַ ריכטיקן גאָלדענעם זייגער אויף דער האַנט, און מען האָט אים געווונטשן אַז עס זאָל זײַן מיט הצלחה.

נאָכן אויפטריט זײַנעם איז דער אַמעריקאַנער סטאַר צו אים צו אַן אויפגערעגטער, ווײַל ער האָט אים פֿריִער אָנגעזאָגט אַז ער זאָל נישט טאַנצן לענגער פון דרײַ מינוט, צום סוף האָט ער געזונגען פינף מינוט. צוליב דעם איז אויסגעבראָכן אַ קריגערײַ, וואָס ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען עס קומט נישט אָן פּלוצעם אַ פּאָליציאַנט וואָס נעמט אָן חיימען אונטערן אָרעם, פירט אים אַרײַן אין אַ פּאָלי־צייישן אויטאָ אַרײַן, און פאַרשווינדט.

גערופן די פּאָליציי האָט אַ מוזיקער פונעם אָרקעסטער, וואָס האָט דערקענט אויף אים זײַן סמאָקינג, זײַנע שיך, און זײַן זייגער, וואָס מען האָט מיט אַ וואָך פריִער אַרויסגעגנבעט פון זײַן וווינונג.

דאָס געשעפט איז געגאַנגען באַנקראָט...

ער שטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין פוילן, ווו עס האָבן געוווינט בלויז ייִדן און מען האָט גערעדט בלויז ייִדיש. דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן דורך די דײַטשע רוצחים, און ער אַליין איז על־פּי נס לעבן געבליבן.

ער וווינט אין אַ גרויס לאַנד, אין אַ גרויסער שטאָט, אויף אַן אייבער־שטן שטאָק פון אַ גרויס הויז. פון זײַן באַלקאָן זעט מען דעבער מיט אַנטענעס, קוימענס, בריקן, וואַסערן, גאַסן מיט לאַמטערנס, לויפנדיקע באַנען און צלמים פון קלויסטערשפּיצן. לאַנגע שעהען פלעגט ער זיצן אויף דעם באַלקאָן און קוקן אויף דעם אַלעם כּדי צו פאַרגעסן זײַן איינזאַמקייט, ביז דאָס איז אים אויך נימאס געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו זײַן שכן, דער איינציקער פון דעם גאַנצן שטאָק וואָס רעדט ייִדיש, זייער אַ ווילער ייִד, אָבער אַ ליטוואַק. האָט ער אים דערקלערט, דעם ליטוואַק, אַז דאָס אַרומדרייען זיך איינער אַליין אויף דער וועלט, בלויז אויף אַרײַנצוטראָגן דעם באַלעבאָס דאָס דירה־געלט יעדן ערשטן פון חודש; אָמפּערן און אויפרעגן זיך מיט אַ הויכן בלוטדרוק יעדער סוף יאָר, ווען דער באַלעבאָס פאָדערט אַ העכערונג אויף דעם דירה־געלט; דער צוקער און דער אַרטערעטיזם דערקוטשען אויך געווג, און דאָ איז ער אַ מענטש איינער אַליין אויף אַ גאָר הויכן באַלקאָן מיט נאָך אַ העכערן בלוטדרוק אין אַ שטאָט מיט דעבער און צלמים — איז דאָך גלײַכער און בעסער פּטור צו ווערן פון דעם אַלעם. עלעהיי, אַ געשעפט וואָס גייט באַנקראָט.

— וואָס מיינט איר צו זאָגן — האָט דער ליטוואַק אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן — זעלבסטמאָרד ? !

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — מענטשן דערשרעקן זיך בײַם וואָרט זעלבסטמאָרד, דערפאַר ווײַל זיי זענען נישט געוווינט דערצו, נישט יעדן מענטש גלוסט זיך אַזוי לײַכט צוגעוווינען צו דעם. בין איך איצט געקומען צו אײַך, ווי צו אַ גוטן שכן, בעטן אַ טובה. איך וויל אַז איר זאָלט רעדן מיט אײַער זון, דעם אַפּטייקער, אַז ער זאָל פאַר מיר אויס־געפינען עפּעס אַ גוטע זאַך, וואָס זאָל ווירקן שנעל, מען זאָל גאָרנישט פילן, און ס׳זאָל נישט קאָסטן טײַער.

— איך וועל אײַך טאָן די טובה — האָט דער ליטוואַק געענטפערט

— פאַר וואָס נישט? אַ שכן, אַ טיר בײַ אַ טיר. אָבער איך זע נישט דעם אויפטו פון דעם, די חכמה פון דעם. וואָס מיינט איר, אַז דאָרט, אויף יענער וועלט איז אַנדערש ווי דאָ? די זעלבע זאַך. דער אויבנאָן איז שוין דאָרט פון לאַנג פאַרכאַפּט און בײַ אַ טייל זענען דאָ אַזעלכע אויפשריפטן אויף די מצבות, אַז מען זאָל מיינען מי יודע וואָס פאַר אַ גאונים זיי זענען געווען. און פון אײַך וועט מען אָפּשינדן די פעל פאַר אַ שטיקל קרקע ווו מען קאָן נישט די פיס אויסציען. און איר וועט דאָרט ליגן און זיך אָפּגריזשען די גאַל פון עגמת־נפש, איז נאָך וואָס דאַרפט איר עס? איז דאָך בעסער פאַר אַזאַ מענטש ווי איר, וואָס האָט עלטער־פּענסיעס, פּראָצענט פון דער באַנק, און אַ צאָלונג פון דײַטשלאַנד, זאָל זיך באַזעצן אין ישׂראל און לעבן אַ רויִק לעבן.

— ישׂראל געפעלט מיר נישט, כ׳בין שוין דאָרט געווען, צו פיל בערג, אָן די בערג וואָלט געווען נאָך ערגער. און אַז זיי האָבן שוין דאָרט געהאַט איין באַרג מיט אַ ווולקאַן, האָט מען אים אויך אויסגעלאָשן.

— און פאַר וואָס געפעלט אײַך נישט דאָ?

— ווײַל דאָ קאָן אַ מענטש אויסגיין אין מיטן דער גאַס וועט זיך קיינער נישט אומקוקן. איך האָב שוין דערציילט אַ סך מענטשן, אַז איך גיי באַגיין זעלבסטמאָרד, און קיינער באַמיט זיך נישט מיך אָפּצוראַ־טעווען. אַן אַלטע פרוי איז געפאַלן אין מיטן דער גאַס, נעבן מײַנע פיס, און קיין איין מענטש איז נישט צוגעגאַנגען העלפן. קאָן מען לעבן אין אַזאַ לאַנד?

— פאַר וואָס זשע האָט איר די אַלטע געפאַלענע פרוי אַליין נישט געהאָלפן?

— ווײַל איך קאָן נישט קיין ענגליש. כ׳בעט אײַך, דרייט מיר נישט קיין קאָפּ, און פרעגט מיך נישט קיין שאלות. אַזוי האָב איך באַשלאָסן, און דאָס איז עס! איך האָב אַזוי פיל שׂכל ווי איר. איך בין נאָר געקומען בעטן אײַך אַ טובה. איר זענט טאַקע אַ ליטוואַק, אָבער אַ ייִדיש האַרץ האָט איר דאָך. קלינגט זשע אָן אײַער זון, דעם אַפּטייקער, און זאָגט אים דאָס וואָס איך האָב אײַך געבעטן. איר וועט צו דעם געשעפט נישט דערלייגן, ווײַל דאָס געלט וואָס איך האָב בײַ זיך, האָב איך באַשלאָסן אײַך איבערגעבן. מיר וועט דאָך שוין דאָס געלט צו גאָרנישט ניצן, ווײַל אין דעם מאָמענט ווען מען הויכט אויס די נשמה, ווערט דאָס געלט, אַפילו די האַרטסטע וואַלוטע, גלײַך אַנטווערט.

דער אַפּטייקער האָט שוין געוווּסט ווער ער איז און וואָס ער דאַרף, ווײַל דער פאָטער זײַנער האָט שוין מיט אים פריִער גערעדט אין טעלעפאָן און אים דערציילט אַז דער שכן זײַנער, אַ משוגענער, אַ צעדרייטער

אויפן גאַנצן קאָפּ, ווייל האָבן טאַבלעטן אויף זעלבסטמאָרד. האָט דער אַפּטייקער אים געגעבן — לויט זײַן פּאַטערס עצה — טאַבלעטן צום אויפֿהייטערן און אָפּטימיזם.

נאָך אַ צײַט איז ער ווידער געקומען צו דעם שכן זײַנעם, דעם ליטוואַק, דאַנקען פֿאַר די טאַבלעטן.

זייער גוטע טאַבלעטן, — האָט ער אים געזאָגט, — כאָטש זיי האָבן נאָך נישט געווירקט. זייער גוט וואָס זיי האָבן נאָך דערווײַל נישט געווירקט, ווײַל איך בין געווען צעטומלט און געהאַט פֿאַרגעסן אַז איך דאַרף אָפּנעמען פֿון דער באַנק פֿאַר אַ גאַנץ יאָר פּראָצענט. און דעם זעלבסטמאָרד האָב איך באַשלאָסן אָפּלייגן אויף אַ צײַט ווען איך וועל נישט זײַן צעטומלט. און איצט, זאָגט ער, בין איך געקומען בעטן אַז איר זאָלט מיר צוריקגעבן דאָס געלט וואָס איך האָב אײַך געלאָזט.

— נאָך וואָס דאַרפֿט איר געלט? זעלבסטמאָרד קאָסט נישט קיין איין גראָשן.

— ריכטיק. איך דאַרף אָבער האָבן דאָס געלט זייער נייטיק, ווײַל איך גיי דערווײַל חתונה האָבן.

— מזל־טוב! אין אַ מזלדיקער שעה! דאָס געלט האָט איר מיר אָבער געגעבן ווײַל איר האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ריכטיק, צי נײַן?

— אָבער איך לעב דאָך!

— בין איך שולדיק?!

— איך בין אָבער אויך נישט שולדיק. איך האָב זיך פֿאַרליבט. איר פֿאַרשטייט וואָס דאָס הייסט אַזעלכעס **פֿאַרליבט**?! זייער אַ פֿײַנע פֿרוי, פֿון אַ גוטער משפּחה, איך וועל זי אָבער דאַרפֿן אָפּגעווינען פֿון אַ פּאָר שלעכטע געוווינהייטן. זי האָט אַ טבע צו שעלטן, טרינקען וויסקי און שפּילן טעג און נעכט אין קאָרטן. און אויף דעם קאָנט איר זיך הונדערט פּראָצענט פֿאַרלאָזן אויף מיר און זײַן זיכער אַז איך וועל מצליח זײַן און וועל זי פֿון דעם אָפּגעווינען.

צוויי וואָכן נאָך דער חתונה, אין סאַמע מיטן האָניק־חודש, האָט מען אים געפֿונען הענגען אויף אַ רער אין באַדצימער. ער האָט — ווײַזט אויס — פֿאַרלוירן דעם צוטרוי צו טאַבלעטן.

אין זײַן טאַש האָט מען געפֿונען אַ צעטל: „דאָס געשעפֿט איז געגאַנגען באַנקראָט״.

ווי די שכנים דערציילן, האָט זי אים, אַ טאָג פֿריִער, אויסגעהאַקט אַן אויג.

איצט גרייט זי אַ מצבה, וווּ עס וועט זײַן אויפֿגעשריבן אַז ער האָט פֿאַראָבלט אַ ליבע, געטרײַע פֿרוי, וואָס וועט אים קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

די בלאָנדע אָלגאַ

אַ דאַנק די היַינטיקע קאָסמעטישע מיטלען, קאָן יעדער פרוי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שיינהייט.

די בלאָנדע אָלגאַ, די איַינוווינערין פון דעם פּילשטאָקיקן הויז, עס קאָן זיַין אַז זי איז לגמרי נישט קיין שיינע, אַז זי דערשיַינט אָבער אין עלעווייטאָר מיט דעם קאָפּ העל־גאָלדיקע גלאַנציקע לעקעלער, קריַיזעלער, שפּיצעלער, וואָס זענען אַזוי מיַיסטערהאַפט איַינגעלייגט, און די אַנדערע קאָסמעטישע צוגאָבן, צוזאַמען מיט דעם ראָמאַנטישן יאַסמין־ריח פון איר פּאַרפום, ציט זי די אויפמערקזאַמקייט פון די מענער, וועלבע באַגריסן זי מיט תּאווהדיקע שמייכעלער און באַוווּנדערן איר רייצנדיקע שיינקייט.

דער מאַן אירער, אַן אייגנטימער פון אַ שניַידעריַי, אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַן אַרויסגעשטיפּטן בויך, זיַיער גרויסע שיך, אַ בייז פאַרביטערט פּנים, וואָס זעט אויס ווי עס האָט נאָך קיין מאָל אין לעבן נישט געשמייכלט, אַ נאַקעטער קאָפּ און אַ רויטע אויסגעפּאַשעטע נאָז — ער באַגריסט זיך קיין מאָל נישט מיט קיינעם אין עלעווייטאָר, וויַיל די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן זיַינע זענען תּמיד געווענדט צו דער ערד.

דער מיסטער וואַלאַך, אויך אַן איַינוווינער פון דעם הויז, אַ פּענסיאָנירטער לערער פון אַ מיטלשול, אַן אַלמן, פאַרקוקט זיך תּמיד מיט לוסט אויף דער בלאָנדער אָלגאַ, ווען ער באַגעגנט זי אין עלעווייטאָר און טראַכט: ווי אַזוי קומט עס אַז אַזאַ צאַרט, איידל ווען זאָל האָבן אַזאַ גראָבן, מגושמדיקן מאַן, מיט אַזאַ צאָרנדיק פּנים?

איין מאָל, ווען דער מיסטער וואַלאַך איז אַהיימגעקומען נאָך האַלבער נאַכט פון אַ מסיבה, האָט ער געזען אַז אויף דער סאָפע, אין דער גרויסער לײדיקער לאָבי, זיצט די בלאָנדע אָלגאַ מיט איר גאָלד־געלאָקטן קאָפּ און יאַסמין־ריח, און מיט אַ קאַלטן אַרויפגעצוווּנגענעם שמייכל.

— וואָס זיצט איר אַזוי איינזאַם אַליין נאָך האַלבער נאַכט? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

— נישט פון פאַרגעניגן — האָט זי געענטפערט — ס'האָט עפּעס געשען מיט מיר. זעצט איַיך צו וועל איך איַיך דערציילן.

אַ מינוט האָט זי אַ טראַכט געטאָן אַ פאַרקוקטע אויפן סופיט, און אין אַ תּקיפותדיקן טאָן האָט זי כּמעט ווי אויסגעשריגן:

— מיַין מאַן האָט מיך אַרויסגעוואָרפן! יאָ! צעשלאָגן און אַרויס־

געוואָרפֿן. אָפּטאָן אַזאַ זאַך, אַרויסוואַרפֿן אַ פֿרוי אין אַ קאַלטער נאַכט אָן אַ גראָשן געלט, באַווײַזט וואָס פֿאַר אַ חיה ער איז. איצט וויל איך איבערקומען די אַ שרעקלעכע נאַכט. שטעלט אײַך פֿאָר, אַ פֿרוי... איינע אַליין אין דער לאָבי... אין דער שפּעטער נאַכט...

— אויף דעם — זאָגט צו איר דער מיסטער וואַלאַך — קאָן מען לײַכט געפֿינען אַן עצה. אויב איר זענט מסכּים, קאָנט איר אַרויפֿקומען צו מיר אין דער וווינונג, און אויב איר וועט וועלן איז פֿאַראַן אויך דאָרט אַ באַקוועמער פּלאַץ צום שלאָפֿן.

— איך דאַנק אײַך זייער — זאָגט צו אים אַלגאַ — פֿון וואַנעט בין איך אָבער זיכער אַז איר וועט צו מיר זײַן אָנשטענדיק? די מענער, זיי זענען טייל מאָל פּעיִק צו זײַן גראָב, אַנגרײַפֿעריש, און אָפּטאָן שענד־לעכע זאַכן. איך האָב אָבער אַ גוט געפֿיל צו אײַך. און איך בין זיכער אַז איר געהערט נישט צו די דאָזיקע.

טרערן זענען געפֿלאָסן איבער אירע באַקן, ווען זי איז געזעסן בײַ זײַן טיש און דערציילט אים די לײַדן וואָס זי האָט געהאַט פֿון איר פֿײַני־קער און פֿון זײַנע סאַדיסטישע דעגענערירטע ווילדקייטן, וואָס קאָנען ברענגען אַ פֿרוי צו משוגעת. זי לעבט שוין מיט אים, האָט זי געזאָגט, דאָס צווייטע יאָר. פֿון דרײַ מאָנאַטן אָן פֿון זײַן ווײַבס טויט, און ער האָט איר אַפֿילו נישט אָפּגעשריבן די צען טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט מיט אַ שבועה. און ער איז זיכער דער שולדיקער אין זײַן ווײַבס טויט, וואָס איז געווען, ווי זי האָט געהערט, אַן איידעלע. געשלאָגן האָט ער מיך! נאָט! זעט! — האָט זי אויפֿגעקנעפּלט די בלוזקע — און געוויזן בלאָע סיניאַקעס, האַרט נעבן איר ברוסט וואָס צאַפּלט נאָך מיט פֿרישקייט.

דער מיסטער וואַלאַך האָט זיך זייער איבערגענומען מיט אירע ביטערע לײַדן און איר געעצהט זי זאָל זיך באַרויִקן, איבערשלאָפֿן די נאַכט און צו מאָרגנס, מיט אַ רויִקן, אויסגעשלאָפֿענעם קאָפּ, פֿעסטשטעלן וואָס פֿאַר אַ מעגלעכקייטן עס זענען פֿאַראַן אויף ווײַטער.

ער האָט איר אָנגעוויזן אויף דעם טאָפּלבעט, וואָס דאָס ערשטע מאָל נאָך זײַן פֿרויס טויט ווערט עס פֿאַרגעלייגט צו אַ פֿרעמדער פֿרוי.

— דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איר האָט איצט צו טאָן — האָט ער איר נאָך אַ מאָל געזאָגט — נישט רעדן מער פֿון דעם, אויסשלאָפֿן און באַרויִקן זיך.

זי האָט אַ קוועטש געטון דעם מאַטראַץ און געגעבן איר הסכּמה אויף דעם בעט. געבעטן אַז ער זאָל אויסלעשן די עלעקטריע, ווײַל זי שעמט זיך אויסצוטאָן אין דער ליכט, אין קעגנוואַרט פֿון אַ מאַן צום ערשטן מאָל.

— מען דאַרף נישט — האָט ער געזאָגט — איר האָט דאָ אײַער פולע פריוואַטקייט. איר קאָנט אײַך פאַרמאַכן די טיר, איך וועל שלאָפן אין סאַלאָן אויף דער סאָפע. און אין פאַל ווען איר וועט זיך פילן נישט גוט, וועט איר אַ פּויק טאָן מיט דעם פינגער אין דער טיר.

ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער סאָפע און אָנגעהויבן אײַנדרימלען נאָך אַזאַ נערוועזער איבערלעבונג, האָט זיך געהערט אַ פּויק אין דער טיר.

— איך פיל זיך נישט גוט — האָט זי געזאָגט — זייער נישט גוט. עס שווינדלט מיר.

— זאָל איך אײַך אפשר מאַכן טיי? — האָט ער געפרעגט.

— ניין. דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען איר זעצט אײַך אַוועק דאָ נעבן מיר. אַז איך וועל נישט זײַן אַליין, וועט מיך אויפהערן שווינדלען. זעצט אײַך, איך בעט אײַך, און דעקט אײַך צו מיט דער קאָלדרע. עס איז אַ גענוג ברייט בעט, און גענוג פּלאַץ פאַר צוויי.

די בלאָנדע אָלגאַ איז שוין געבליבן דאָרט אין דער וווינונג צו זייער ביידנס צופרידנקייט, און זיי האָבן זיך געלעבט ווי אַן אידיליש פּאָרפאָלק.

די אידיליע איז אָבער צעשטערט געוואָרן צוליב אַ בראָשקע. זי האָט געהאַט — זאָגט זי — אַ בראָשקע, וואָס עס איז איר געלונגען אין געהיים, און אויף אַ געוואַגטן אופן, צונעמען עס פון איר פריִערדיקן מאַן. די בראָשקע איז פון זײַן פאַרשטאָרבענער פרוי, זי איז אויסגעזעצט מיט דימענטן און האָט די ווערט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. דער מאַן אירער האָט די בראָשקע געהיטן און געהאַלטן אין פאַרבאָרגענע ערטער. די בראָשקע איז איר דאָ פאַרשוווּנדן אין דעם הויז. וויל זי אַז דער מיסטער וואַלאַך זאָל איר צוריקגעבן די בראָשקע. אָדער באַצאָלן דעם ווערט פון איר. קיין אַנדערער מענטש אויסער אים איז דאָך נישטאָ אין דער וווינונג... און דאָס האָט געבראַכט צו קאָנפליקטן.

דער מיסטער וואַלאַך האָט קיין מאָל די בראָשקע פאַר זײַנע אויגן נישט געזען. זי האָט אים אויך קיין מאָל וועגן דער בראָשקע נישט דערציילט. עס קומט אים אויס אַז די גאַנצע מעשׂה איז אַן אויסגעטראַכטע, כּדי אַרויסצופּרעסן פון אים געלט.

— — —

אין איינער אַ נאַכט, אין די שפּעטע שעהען, איז דער מיסטער וואַלאַך געזעסן אײַנער אַליין אין דער לאָבי, ער האָט געוואַרט אויף דער פּאָליציי וואָס דאַרף אָנקומען. ווײַל די דירה איז אויף זײַן נאָמען און זי, די בלאָנדע אָלגאַ, האָט נישט געהאַט קיין רעכט אים אַרויסצוּוואַרפן אין מיטן דער נאַכט.

ווען אונדזערע זיידעס לעבן הײַנט...

אונדזערע טאַטעס און זיידעס פֿלעגן זיצן אין די אַמאָליקע לאַנגע ווינטערנעכט, קרעכצן בײַ אַ הייס גלעזל טיי און דערציילן מיט בענקשאַפֿט וועגן זייערע אַמאָליקע צײַטן. אַ מאָל, האָבן זיי געזאָגט, זענען געווען צײַטן. ווי קאָן מען דאָס פֿאַרגלײַכן צו די הײַנטיקע צײַטן?

אַ מענטש האָט זיך נישט געפֿילט מיט אַלעמען, איז ער געגאַנגען צו יאַנקל דעם פֿעלדשער, אַ גרויסער מבין געווען אויף מחלות, האָט ער אײַנגעריבן און אַוועקגענומען די מחלה מיט דער האַנט. און ווער איז דען אַ מאָל קראַנק געווען? קיינער נישט. אויסער אַ קראַנקער מענטש. הײַנט, מיט וועמען מען רעדט, לײַדט ער אויף דעם, לײַדט ער אויף יענעם. די דאָקטוירים הײַנט האַלטן זייער שטאַרק פֿון אײַנשפּריצונגען. „פּאָדס־קורנעם" האָט מען עס דעמאָלט גערופֿן.

ס׳יונגוואַרג האָט זיך דעמאָלט אַרומגעדרייט מיט צעקנייטשטע שטערנס, מיט ביכלעך אונטערן אָרעם און מיט פֿייגל אין די קעפּ. יעדער איינער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן ווי אַזוי אויפֿצובויען אַ נײַע וועלט.

אַזוי זענען אונדזערע טאַטעס און זיידעס דעמאָלט געזעסן מיט פֿאַרטרערטע אויגן, אין די לאַנגע ווינטערנעכט בײַ אַן אָפֿן ספֿר, און בײַ אַ גלעזל טיי, און אַראָפּגערעדט זיך פֿון האַרצן מיט בענקשאַפֿט און מיט פֿאַרהערלעכונג פֿון זייערע אַמאָליקע צײַטן, און מיט באַדויערן און פּחד פֿאַר די׳ דעמאָלטיקע הײַנטיקע צײַטן. „ווער ווייסט צו וואָס דאָס וועט דערפֿירן".

מיר זאָגן דאָס קעגן דעם, וואָס מיר אַליין בלײַבן הײַנט זיצן געגנוי ווי אונדזערע טאַטעס און זיידעס פֿון אַ מאָל, און דערמאָנען זיך מיט אַ בענקשאַפֿט צו די אַמאָליקע צײַטן, אוי ווי נעמט מען יענע צײַטן.

אין תּל־אָביב האָט מען שוין דעמאָלט אָנגעהויבן בויען גרויסע הײַזער פֿון דרײַ שטאָק די הייך. אין דעם „אהל"־טעאַטער האָט מען געשפּילט „יעקב ורחל". לוי שקאָלניק, דער שפּעטערדיקער לוי אשכּול, האָט פֿאַרלאַנגט מען זאָל אים געבן צוואַנציק פּיאַסטער אויף צו באַנײַען אַ פּינקס־חבר פֿון הסתּדרות, וואָס מען איז אויף אים שולדיק געווען פֿאַר אַ גאַנץ יאָר מסים. וואָס איז ער משוגע? פֿון וואַנעט זאָל מען נעמען צוואַנציק פּיאַסטער? סײַדן מען זאָל גיין אײַנברעכן אַ באַנק. און ווי האָט

נעבעך אויסגעקוקט די דעמאָלטיקע „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין־באַנק" אויף דער הרצל־גאַס? וועלכער גנב וואָלט דאָס געהאַט אַ האַרץ איינצוברעכן אַ צעקרישלטע וואַנט פון אַ באַנק, וואָס איז געבויט פון רויע כורכר־שטיינער.

מען האָט געווינט אין אַ צריף מיט אַן אויסגעגאָסענע פּאָדלאָגע פון בעטאָן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אַ באַזונדערער בית־שימוש פון צונויפגעקלאַפּטע ברעטלעך, מיט אַ לאָך אין דער מיט.

דער „הבימה"־טעאַטער איז אָנגעקומען פון מאָסקווע און האָט געשפּילט דעם „דיבוק" פּאַר אַ געפּאַקטן זאַל פון צוויי הונדערט מענטשן, וואָס זענען געקומען אויף הנחה־בילעטן פון וועדת־התרבות.

שבת איז דאָס יונגוואַרג אַוועק צום מיגרש מכבי, אויף דרך־יפו, זען ווי אַזוי — די באַרימטע פוטבאָל־שפּילערס — מאַרקוס, פּעצענאָווסקי און ליומעק קעמפן אין פוטבאָל קעגן דעם מיליטערישן „פּאַרטין"־רעגי־מענט פון סאַראַפּענט.

אַז מען איז אַוועק גולאַיען ביז אין דער שפּעטער נאַכט, האָט מען די טיר פון צריף פאַרקייטלט פון דרויסן. מ'קאָן דאָך נישט לאָזן הפקר. און סאַשאַ, סאַשאַ מיט דער שוואַרצער רובאַשקע און צעריסענע הויזן, דער באַרימטער האַראַ־טענצער ביים מיטבח הפועלים אויף אַלענבי. ווו ביסטו, סאַשאַ? מען האָט געזאָגט אַז ער איז היינט איינער פון די גרויסע מיליאָנערן אין קאַליפאָרניע. איז ווער נאָך געבליבן פון דער דאָזיקער חברה?

די באַהעמע וואָס האָט זיך געקאַרגט אַ ביסעלע שלאָף ביי נאַכט, כדי צו קאָנען זיין פריילעך פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, גאַנץ אָפּט מיט אַ ליידיקן מאָגן. נישט ווי די היינטיקע נאָכגעמאַכטע באַהעמע, וואָס מוזן זיך דעקאָרירן מיט אַ ווילד פאַרוואַקסענער באָרד, צעקנייטשטע דזשינס, פאַרדינען צוויי טויזנט דאָלאַר אַ חודש און פּרובירן נאָך ס'מזל אויפן מפעל־הפיס.

אין אַ קליין הייזל אויף דער אַלענבי־גאַס איז געווען דער ראַבינאַט, וואָס האָט געשטעלט חופות פאַר זייער ביליק. מען האָט געלאָזט שטיין די לאָפּעטע אין דרויסן, און מען איז אַריין אינעווייניק חתונה האָבן. דער הויפּט־סעזאָן איז געווען אין פרילינג, ווען די פּרדסים האָבן זיך צעבליט און פאַרשיכורט דאָס לאַנד מיט איר אַראָמאַט.

אין דעם זאַל פון „אהל־שם" האָט מען געפּראַוועט דעם עונג־שבת. און דעם זאַל פון יאַשאַ־חפץ האָט מען באַוואָרפן מיט שטיינער, ווייל מען האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף ייִדיש. ווי טראַגיש דאָס ייִדיש־

לשון קוקט הײַנט אויס. מען וואַרפט דאָך שוין אַפילו נישט קיין שטיינער אויף אים...

הײַנט טוט מען נאָר דאָס וואָס עס לוינט זיך. אָפן און אָן בושה. אַ גוואַלדיקער פּאַרמעסט אויף אוממענטשלעכקייט. זײַ נישט קיין נאַר, און זוך נישט קיין יושר, ווײַל מען וועט זאָגן אַז אַן אידיאָט פון מאַרס איז אַראָפּגעפאַלן.

די אידיליע און די ראָמאַנטיק איז פאַרשוווּנדן. וואָלקן־קראַצערס רײַסן זיך מיט אימה אין די בלויע תּל־אָביבער הימלען אַרײַן. דער עולם האָט אויפגעהערט לאַכן. אַ מאַנגל אויף לאַכערס. אַפילו האַלטן אין איין רופן דעם עולם: קומט צו אונדז לאַכן פאַר ביליק! סינטעטישע פרייד. די קאָמיקערס אַליין זענען שוין אויך פאַרביטערט, זייער ווייניק געלט אין דער קאַסע, און ער מוז שטיין און זיך נאַריש מאַכן אויף דער בינע.

מען ברעכט טירן, מען ברעכט געפּאַנצערטע קאַסעס, די פּאָליציי טוט דאָס וואָס זי קאָן. ס'איז טאַקע ווייניק, אָבער מער קאָן זי נישט.

די פּאָליציי איז באַשעפטיקט אין דער אינטיפאַדע. מען וואַרפט שטיינער. אַ מאָל האָט מען געוואָרפן שטיינער אויף ייִדיש, הײַנט וואַרפט מען שטיינער אויף ייִדן. אַ שטיין־רײַך לאַנד, אין אַ פאַרשטיינערטער וועלט.

די פּאָליציי מיט דעם מיליטער קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן. ווײַל צווישן די שטיינער־וואַרפערס זענען אויך דאָ מינער־יעריקע.

די וועלט וואָס איז הײַנט אויסגעשטאָפּט מיט נאָבלקייט, וועט נישט פאַרשווײַגן אַ לעסטערונג פון מענטשנרעכט, בפרט פון מינער־יעריקע, וואָס זענען נאָך אין אַן עלטער פון בר־מיצוה. אויך די אייגענע נאָבעלע, פּראָגרעסיווע ייִדן, קאָנען אַזעלכעס נישט פאַרטראָגן. שיסט מען אויף זיי מיט גומענע קוילן, מיט פּלאַסטישע קוילן, און דאַכט זיך אַז מען האָט שוין דערפונדן אַ ביקס וואָס זאָל שיסן מיט וואַטע. וואָס זאָל מען טאָן? מען וויל דאָך מיט אַלע לעבן בשלום.

ווען אונדזערע זיידעס לעבן הײַנט, וואָלטן זיי שוין נישט געקרעכצט. זיי וואָלטן געוויינט.

נישט מער ווי זאָגן אַ גוטן־אָוונט...

אַ ווינטערנאַכט אין תּל־אָביב, אַ ווינט האָט געווייעט, און עס האָט געבליצט און געדונערט, אַ רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן. הערט זיך אַ קלונג אין טיר און עס שלײַכט זיך אַרײַן אַן אויסגעווייקטער רעגן־מאַנטל. אַ פולער שירעם מיט וואַסער. און אַ באָרעט ביז צו די אויגן.

— אַ גוטן־אָוונט אײַך — האָט ער געזאָגט — איר זענט אַ מבין וואָס פאַר אַ וועטער? איך בין צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען, האָב איך געטראַכט אַז מען דאַרף זיך צו אײַך אַרײַנכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט און זאָגן אײַך אַ גוטן־אָוונט.

— זייער שיין, זייער גוט האָט איר געטאָן. טוט אויס דעם מאַנטל און גיט אַהער דעם שירעם, וועט מען אים אָוועקשטעלן אויסצורינען.

ס'קאָן זײַן אַז ער איז גאָרנישט צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען, ס'איז אים אפשר געווען אַנגעזאָלצן אויפן געמיט. ער איז דאָך אַן איינזאַמער מענטש, וווינט אין אַ קליין צימערל בײַ יענעם. אַן אַלטער בחור, נישט געהאַט קיין מאָל קיין געדולד חתונה צו האָבן. פאַרטאָן געווען דאָס גאַנצע לעבן מיט אויסבילדן זײַן שטים, אַ לירישן טענאָר האָט ער. איצט, ווען ער האָט אים שוין, דעם טענאָר זײַנעם, געבראַכט צו אַ הויכער מדרגה, איז ער דערווײַל נאָך עלטער געוואָרן, שוין נישט מיט אַלעמען, און דער גוט אַנטוויקלטער טענאָר גיט אים זייער ווייניק פּרנסה. און אפשר — טראַכט איך — איז ער ספּעציעל פאַרבײַגעגאַנגען, ווײַל ער נייטיקט זיך אין עפּעס וואָס צו כאַפּן אין מויל אַרײַן, מען קאָן גאָרנישט וויסן.

— זיצט — זאָג איך צו אים — וואָס שטייט איר?

— געקומען נאָר אויף אַ פּאָר מינוט. אַרײַנגעכאַפּט זיך זאָגן אַ גוטן־אָוונט. נישט מער ווי זאָגן אײַך אַ גוטן־אָוונט.

— זייער גוט געטאָן. אָבער דערווײַל קאָנט איר דאָך זיצן.

— אַ שיינעם דאַנק, וואָס מאַכט איר? וואָס הערט זיך? לאָמיר הערן וואָס ס'הערט זיך.

— דאַנקען גאָט. מיר לעבן אין אַזאַ צײַט... נו... איר ווייסט דאָך...

— צי איך ווייס?! מען האָט דאָך שוין אויפגעהערט אין גאַנצן צו זינגען. מען קרייעט. מען קוויטשעט ווי אָפּגעבריטע קעץ. און מיט כּוח דאַרף מען איבערשרײַען די טרומייטערס און די פּויקן. אַוועק די ראָמאַנ־

טישע צײַט פֿון מענדעלסאָן, שוּבערט, און די צײַט פֿון בעטהאָווען, היידען, מאָצאַרט. טרויעריק. זייער טרויעריק.

— יאָ, איר זענט גערעכט, אויסער דעם איז די לאַגע אונדזערע אַזאַ אַנגעצויגענע, אַ געשפּאַנטע. אַ שאָד, ווען איר קומט אַ ביסעלע פֿריִער, וואָלט איר מיט אונדז מיטגעהאַלטן אָוונטברויט.

— איך? חלילה! איך האָב זיך צו אײַך אַרײַנגעכאַפּט זאָגן אַ גוטן־אָוונט. נישט מער ווי זאָגן אײַך אַ גוטן־אָוונט און הערן וואָס ס'הערט זיך.

— אָבער אַ גלעזל טיי וועט איר דאָך מן־הסתּם יאָ טרינקען?

— גאָאָרנישט! ווען איך וואָלט געהאַלטן בײַ טרינקען אָדער בײַ עסן, וואָלט איך מיך נישט גערדאַרפֿט לאַנג בעטן. איר ווייסט דאָך אַז איך בין נישט קיין שעמעוודיקער. ס'מאַכט זיך אַ מאָל, אַ מענטש, כאָטש ער איז זאַט, גיט אים טייל מאָל אַ נאָג בײַם האַרצן, דעמאָלט איז גוט צו געבן אַ כאַפּ אַ באַהאַרצטע זאַך, אַ ציבעלע, אַ זויערע אוגערקע. איר זעט, אַזוי ווי איך האָב מיך צערעדט וועגן אַ ציבעלע, האָט מיר שוין אָנגעהויבן צו וואַסערן דאָס מויל. איר האָט אפשר אַ ציבעלע? אַ פּשוט שטיקל ציבעלע.

— פֿאַר וואָס עפּעס אַ פּשוט שטיקל ציבעלע? וואָס קאָן עס שאַטן אַז מען וועט עס מאַכן מיט אַ ביסעלע בוימל?

— איר זענט גערעכט, עס קאָן גאָרנישט שאַטן.

— און פֿאַר וואָס עפּעס בלויז בוימל? וואָס פֿאַר אַן אומגליק וואָלט געשען ווען מען לייגט צו אַ שטיקל מאַטיאַס־הערינג? אַ פּאָר רעפּטעלעך טאָמאַטן, און אַ ביסעלע גרינס פֿון פּעטרושקע?

— דאָס שוין נישט! אויסגעשלאָסן! פּרוּווט מיך נישט איבעררעדן, ווײַל עס וועט אײַך גאָרנישט העלפֿן. צוריקגעשמועסט, קאָן עס טאַקע גאָרנישט שאַטן. אָבער איך וויל נישט, ווײַל דאָס איז שוין פֿאַרבונדן מיט אַרבעט.

— אַ וואָזשנע אַרבעט. מײַן פֿרוי מאַכט עס שוין דאָרט. איידער מען קוקט זיך אום, איז דאָס שוין פֿאַרטיק.

— מיט אַזאַ אויסגעשולטע שטים ווי איך האָב, איז גוט צו דער־שײַנען פֿאַר אַ מוזיקאַלישן עולם, נישט פֿאַר די, כ'בעט אײַך איבער... זעטס נאָר זעטס! ווי שנעל אײַער פֿרוי האָט דאָס געמאַכט, און ווי באַ־טעמט, גאָלדענע הענט האָט זי. אַז מען דערשײַנט פֿאַר אַזאַ עולם מיט אַ שטיקעלע „טאָסקאַ" פֿון פּוטשיני.

— לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן מוזיק. עסט, עסט.

— איר זענט גערעכט. גיט זשע מיר, זײַט מוחל, נאָך אַ שטיקעלע ברויט, זי האָט געשניטן אַזעלכע דינע פֿענעצלעך. די ציבעלע מיט דעם

הערינג דערמאָנט מיר די אַמאָליקע יאָרן, ווי מען האָט אַרײַנגעוואָרפן צו דעם צו, אַ גלעזל וואָדקע.

— דווקא וואָדקע? און אַזאַ וויסקי ווי דער? גיט אַ קוק, סקאָטש וויסקי איז שלעכט?

— אַזאַ יאָר אויף מיר, איז... לחיים! דער אייבערשטער זאָל העלפן אַז מיר זאָלן זײַן געהאָלפן. איך וויל אײַך נאָך אַ זאַך באַמערקן, אַז אַ טענאָר אַליין איז נאָך נישט אַלץ...

— לאָזט שוין אָפּ מיט דעם טענאָר. נאָך אַ מאָל טענאָר און נאָך אַ מאָל טענאָר. נישט בלויז זינגען, נאָר אויך עסן דאַרף מען מיט כּוונה.

— איר זענט גערעכט. לחיים! גיט מיר, זײַט מוחל, נאָך אַ שטיקל ברויט, זי האָט געשניטן אַזעלכע דינע פּענעצלעך.

— איצט האָב איך פֿאַר אײַך אַ זופּ, האָט איר נאָך אַזעלכעס אין אײַער לעבן נישט געגעסן.

— אָ, נײַן! דאָס שוין נישט! ווען איר גיט מיר גאָלד און ברילאַנטן.

— אַזאַ זופּ האָט לגמרי נישט קיין שײַכות צום עסן, נאָר צום וועטער. אַ רעגן, ס'ציט אין די בײַנער.

— וואָס ווייסט איר, וואָס איך לײַד פֿון דעם רעוומאַטיזם, די קני און דער רוקן.

— אָט אַ דאָס טאַקע מיין איך! די בעסטע רפֿואה צו דעם, איז אַ טעלער הייסע זופּ!

— מיט דעם זענט איר אפשר גערעכט, כ'האָב ערגעץ גלייענט וועגן דעם... אַך מײַן גאָט, וואָס פֿאַר אַ זופּ! דאָס איז דאָך אַ סימפֿאָניע נישט קיין זופּ, די זופּ איז ממש בגדי־מלכות! יאָ, וויל איך אײַך טאַקע זאָגן וועגן דעם, אַז איך האָב באַשלאָסן... שפּעטער וועל איך אײַך זאָגן וואָס איך האָב באַשלאָסן, ווײַל ס'איז מיר אַ שאָד אַז די זופּ זאָל קאַלט ווערן. איר האָט אַזעלכע אַלטמאָדישע לעפֿל. די הײַנטיקע לעפֿל זענען ברייטערע און טיפֿערע. גיט מיר אַ שטיקל ברויט! וואָס זשאַלעוועט איר אַ שטיקל ברויט? וואָס האָט איר מיר דאָ אַוועקגעשטעלט? וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

— קלאָפּס!

— ווער וועט איצט עסן קלאָפּס? איך בין אַרויס פֿון שטוב — ווי כ'האָב אײַך געזאָגט — אָן אָנגעגעסענער, אַ זאַטער, נעמט איר און שטעלט מיר אַוועק אַ קלאָפּס, און איר פֿרעגט מיך נישט פֿריִער צי איך וויל, צי איך קען.

— עס שטייט דאָך שוין, איז פֿאַרזוכט, אפשר וועט עס אײַך שמעקן.

— ס'איז זייער וויכטיק דאָס וואָס איך האָב אײַך פֿריִער געוואָלט זאָגן, איז ווו האַלטן מיר איצט?

— ביַים קלאַפּס.

— איך מיין איַיך צו זאָגן, אַז אַ לירישער טענאָר...

— מישט נישט אויס צוויי באַזונדערע זאַכן, ווי קומט אַ טענאָר צו קלאַפּס ?

— גוואַלד, וואָס פאַר אַ קלאַפּס דאָס איז ! איז מיַין נאָמען נישט מאָטל צי עס וועט בליַיבן אַ זכר פון אים. אַז מען האָט אַ פּרוי וואָס קאָן מאַכן אַזעלכע מאכלים, איז שוין נישט וויכטיק צי זי איז שיין, צי זי איז קלוג, דערלאַנגט מיר, זיַיט מוחל, נאָך אַ שטיקל ברויט.

— שוין, מער וועל איך איַיך שוין נישט צורעדן צום עסן, נאָר אויב איר זענט מסכּים צו אַ קאָמפּאָט ? אַ פלוימען־קאָמפּאָט !

— דאָס יאָ ! דאָס, זעט איר, וועל איך יאָ עסן !

— נאָכדעם, אַ קאַווע מיט קוכן ?

— איך מוז איַיך זאָגן, אַז איר האָט אַ גוואַלדיקן טאַלאַנט, צו באַאיַינפלוסן מענטשן.

קבר־אָבות...

די אויסגעשטעלטע מצבות פון דעם ייִדישן בית־עולם אין מאָנטרעאָל קוקן פאַרטראַכטע אַרויף צום הימל, ווי חוצפּהדיקע עראָפּלאַנען רײַסן אָפּט אַדורך זייער שטילקייט.

ערב יום־כּיפּור, דער גרויסער עולם וואָס איז געקומען צו די קברים פון זייערע נאָענטע אויסבעטן אַ גוט יאָר, איז זיך שוין כּמעט פונאַנדער־געגאַנגען, איבערלאָזנדיק די טרערן. ביסלעך זענען געבליבן, און ביסלעך קומען נאָך אָן.

אַ גוי אין גומענע שטיוול, אַ באַגרעבער, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים און געגעסן פעטע שטיקער פון אַ פּלאַסטיק־בײַטל, האָט אויפגעהערט קײַען, און מיט ברייטע צעעפנטע אויגן געקוקט אויף די הויכע פיס פון אַ יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ מצבה און געבעטן אַ חתימה טובה אויף ענגליש.

אויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן די מצבות האָט אַ פרוי מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ און מיט אַ מיידל בײַ דער זײַט, וואָס האָלט שוין בײַם ווערן ראוי לחופּה, פאַרהאַלטן אַ דורכגייער און געזאָגט צו אים:

— איך בין געקומען דאָ צו מײַן מאַן, זע איך נישט קיינעם וואָס זאָל מיר קענען עפּעס זאָגן בײַם קבר, עפּעס... ווי הייסט דאָס?

— אַן אל־מלא־רחמים מיינט איר?

— יאָ, יאָ, ס'איז ערב יום־כּיפּור... און...

— זאָרגט נישט — ענטפערט איר דער דורכגייער, אַן עלטערער, כּמעט אַ זקן — איך וועל אײַך מאַכן אַן אל־מלא־רחמים.

— צוויי! צוויי דאַרף איך! איינעם פאַר מיר און איינעם פאַר מײַן טאָכטער, און נישט אויף ענגליש. נאָר פריִער וויל איך וויסן וויפל איר וועט מיר רעכענען דערפאַר?

— גאָרנישט, איך נעם נישט קיין געלט. דערנאָך וועט איר געבן עפּעס צדקה. פאַרן טויער, ווען איר וועט אַרויסגיין, שטייען חב״דער פרויען, ליובאַוויטשער, וועט איר דאָרט אַרײַנוואַרפן אין דער פּושקע וויפל איר ווילט.

— פאַר די ליובאַוויטשער? קיין איין סענט נישט! מײַן מאַן דאָרט וועט דאָס איבערקרענקען. ער האָט דאָך געהערט צו די פּראָגרעסיווע! פאַרלאָזט אײַך אויף מיר, איך וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן.

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען אַ סידורל פֿונעם טאַש, צעשאָקלט זיך און אויסגעשריגן מיט אַ וויינענדיק קול, אל־מלא־רחמים! און דעם נאָמען פֿון דעם נפֿטר שהלך לעולמו, צו דער וויליקייט פֿון דער אַלמנה מיט דער טאָכטער.

— איר זענט געקומען אַהער מיט אײַערס אַ קאַר? — פֿרעגט אים די אַלמנה גייענדיק צוריק פֿונעם קבֿר.

— יאָ, מיט מײַן קאַר.

— ווען איר וואָלט געוווינט אין מײַן געגנט, וואָלט איר אונדז מיט־גענומען מיט אײַער קאַר, — און זי האָט אים גלײַך געזאָגט אין וועלכער געגנט זי וווינט.

— איך וווין אין אַן אַנדערע געגנט, אָבער איך וועל אײַך אָפּפֿירן אין אײַער היים.

— איך ווינטש אײַך איר זאָלט זײַן געזונט. איר זענט אַ גוטער מענטש. מײַן מאַן „אַלעמעשאָלעם" האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין קאַר, ער האָט אַפֿילו נישט געקאָנט דרייוון. אַ שנײַדער געווען, תּמיד געאַרבעט בײַ יענעם. און וואָס איז אײַער טוען? כ'מיין, מיט וואָס פֿאַרנעמט איר זיך?

— איך האָב אַ פֿאַבריק פֿון זאַמשענע מאַנטלען.

— וואָס איר זאָגט?! זענט איר דאָך מיר אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ מלאך פֿון הימל! שוין יאָרן ווי איך חלום מיר צו קויפֿן אַ זאַמשענעם מאַנטל. מײַן מאַן „אַלעמעשאָלעם" האָט מיך אָפּגערעדט, ווײַל מיט זאַמש, האָט ער געזאָגט, מוז מען זײַן פּאַרזיכטיק, מען נאַרט אָפּ, מען גיט נישט קיין ריכטיקן זאַמש. אַזאַ מענטש ווי איר וועט דאָך מיך נישט אָפּנאַרן.

— חס־ושלום, איך האָב נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

— בײַ וויפֿל געלט האַלט אַ שטייגער אַזאַ זאַמשענער מאַנטל?

— עס זענען דאָ פֿאַרשידענע, און פֿאַרשידענע פּרײַזן.

— איר וועט דאָך אָבער מיר רעכענען עפּעס ביליקער? ניין?

— איך פֿאַרקויף נאָר אין אַנגראָ, וועל איך אײַך רעכענען דעם זעלבן פּרײַז וואָס עס צאָלן מיר די קרעמערס.

— איר זאָלט זײַן געזונט! איר זענט אַ גוטער מענטש.

*

עס האָט גענומען אַ סך צײַט ביז זי האָט געפֿונען פֿאַר זיך דעם ריכטיקן מאַנטל. עס האָט גענומען אַ סך צײַט ביז מען האָט אַרײַנגענומען, אַרויסגעלאָזט, איבערגעשטעלט די קנעפּ, און עס האָט גענומען אַ סך צײַט ביז זי האָט נאָך עפּעס אַראָפּגעדונגען פֿונעם פּרײַז, און זי איז אַוועק

אין אַ מזלדיקער שעה מיט אַ מאַנטל. אַן אויסגעחלומטער זאַמשענער מאַנטל.

נאָך אַ צײַט איז זי געקומען צו דעם מאַנטל־פֿאַרבריקאַנט און גע־רעדט צו אים מיט אַ געדריקט קול:

— פֿאַר וואָס, האָט זי אים געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, — האָט איר מיר אַזעלכעס געטאָן? מײַן מאַן „אַלעמעשאָלעם" איז זײַן גאַנץ לעבן געווען אַ מענטש בײַ יענעם. דאָס געלט וואָס איך האָב אײַך באַצאָלט פֿאַר דעם מאַנטל, איז פֿון זײַנע אויסגעהאָרעוועטע ביינער. איך בין געבליבן אַן אלמנה מיט אַ טאָכטער. איך האָב אײַך געטרויט, ווײַל איך האָב אײַך געהאַלטן פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטש. און...

— וואָס האָב איך אײַך געטאָן אַזעלכעס? האָט ער איר איבערגע־ריסן. לאָמיר שוין הערן וואָס איך האָב אײַך אַזעלכעס געטאָן.

— נאָט, זעט — האָט זי אים אונטערגעטראָגן דעם מאַנטל אונטער דער נאָז — דאָ אין ווינקל אונטערן קאָלנער, אויסגעריבן. נאָך אַ ביסל וועט דאָ ווערן אַ לאָך. איר האָט געמיינט אַז איך וועל דאָס נישט דערזען. האַ?

— באַרויִקט אײַך, וועל איך אײַך דערקלערן וואָס דאָס איז. זאַמש גייט אַזוי, אַז אויף דעם אָרט ווו עס ווערט אײַנגעבויגן, לויפֿט די באַרווע אײַן זײַט אַראָפּ, און איין זײַט אַרויף, באַקומען זיך אַזעלכע ניואַנסן, וואָס מען קאָן מיינען אַז דאָס איז אויסגעריבן.

— לויפֿט אַראָפּ, לויפֿט אַרויף, וואָס בין איך אַ קינד, וואָס איר גייט מיר אײַנרעדן? און וואָס עפּעס ניואַנסן? מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן זאַמש, ריינעם זאַמש!

— דערקלער איך דאָך אײַך. פֿאַרשטייט וואָס מען רעדט צו אײַך. זאַמש איז נישט אַזוי איינהייטלעך, ווי שטאָף. זאַמש, דאָס זענען פֿעלעכ־לעך פֿון אַ חיה. און אַ חיה גיט זיך אַ מאָל אַ קראַץ.

— בין איך שולדיק אַז אַ חיה קראַצט זיך?

— איך זע דאָך אַז איר פֿאַרשטייט זיך נישט אויף די זאַכן. איז דאָס בעסטע צו פֿרעגן אַ מענטשן, אַ פֿרעמדן מענטשן.

— איך האָב שוין געפֿרעגט מײַנס אַ שכנטע האָב איך געפֿרעגט, האָט זי מיר געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איך זאָג.

— אַז איר פֿרעגט סתּם אַ שכנטע.

— דאָס איז נישט סתּם אַ שכנטע. דער מאַן אירער איז אַ בוכהאַל־טער אין אַ בעקערײַ.

— וועל איך אײַך געבן אַ שריפֿטלעכע גאַראַנטיע, אַז אויב אויף דעם אָרט וועט ווערן אַ לאָך, באַקומט איר צוריק אײַער געלט.

— אויף צו באַקומען צוריק מײַן געלט מוז איך וואַרטן אַזוי לאַנג ביז עס וועט ווערן אַ לאָך?

— האָב איך פאַר אײַך נאָך אַ פאָרשלאַג, מיר האָבן דאָ אַן אָפּטײלונג פון קאָסטיומען, וועל איך אײַך צוגעבן אַ קאָסטיום פון ענגלישן שטאָף, אָן געלט.

— אויב ס'וועט מיר געפעלן.

— אויב עס וועט אײַך נישט געפעלן, וועל איך צוריקגעבן אײַער געלט, און פּטור ווערן פון דעם עסק.

דער קאָסטיום איז איר יאָ געפעלן. און זי איז דאָס מאָל אַוועק, קאָן זײַן, שוין אַ צופרידענע.

נאָך דער מעשׂה האָט דער מאַנטל־פאַבריקאַנט באַשלאָסן, אַז ערב יום־כּיפּור גייט ער נישט מער אויף קבר־אָבות.

אַ ישׂראלדיקער טוריסט אין אַמעריקע

איך קאָן אײַך אָפּגעבן אַ גרוס פון אײַער קאָנסול, פון אַמעריקאַנער קאָנסול. כ׳קום דאָך פון ישׂראל, בין איך געווען בײַ אײַער קאָנסול. ער האָט זייער אַ שיינע דירה. איך אויף זײַן אָרט, וואָלט נישט אַרײַנגעשטעלט אַזאַ מעבל, נאָר... גאָרנישט... דאָס איז דאָך אַ געשמאַקזאַך.

ער איז זייער אַ פײַנער מענטש, רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער. פּרנסה, ווײַזט אויס, פּעלט אים אויך נישט. נאָר איידער איך האָב אַרויסבאַקומען פון אים דאָס וויזעלע, האָט זיך מיר שׁיִער די גאַל איבערגעקערט. עפּעס האָט ער אַזוי מורא געהאַט צו געבן מיר די וויזע, גלײַך ווי איך וואָלט געפאָרן קיין אַמעריקע גנבענען וואָלקן־קראַצערס. איך פאָר דאָך ווי אַ טוריסט, וויל ער זײַן זיכער אַז איך וועל נישט בלײַבן דאָרט אויף שטענדיק.

האָב איך אים געזאָגט:

— מיסטער קאָנסול, ווען איר גיט מיר אַוועק אײַער טײַמס־סקווער, מיט די וואַשינגטאָן־בריק צוזאַמען, וועל איך אויך דאָרט נישט בלײַבן. כ׳זאָג נישט, ס׳איז זייער אַ שיין לאַנד אַמעריקע, אַזאַ יאָר אויף מיר, נאָר איך בין אַ ישׂראלדיקער בירגער. מײַן פּרעזידענט איז אַ היימישער ייִד. כ׳האָב מיר מײַנע אייגענע בערג, מײַנע ימען, מײַנע שיפן, מײַנע עראָפּלאַנען, וועל איך מיך גיין אַוועקזעצן אין אַ פרעמד לאַנד און קוקן ווי ייִדיש גייט אונטער? משוגע דאַרף איך זײַן.

אַ שליח פון דער סוכנות, וואָס קומט צו פאָרן מיט אַ ווײַב, מיט קינדער, מוז ער שוין דאָרט בלײַבן אויף שטענדיק, ווײַל ער מוז דאָך שוין איבערוואַרטן ביז דער זון וועט ענדיקן דאָס שטודירן, ביז די טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט אַ מיליאָנער, און ביז די אייניקלעך וועלן ווערן בר־מיצווה. איך בין נישט קיין שליח, כ׳האָב נישט קיין ווײַב, קיין קינדער, כ׳וועל דאָ אָפּזיצן אַ שטיקל צײַט, אַרומקוקן זיך, און ווען איך וועל דערפילן אַז איך ווער שוין פאַרנודיעט, פּאַק איך מיר אײַן דעם טשעמאָדאַן און כ׳פאָר מיר גלײַך אַוועק... קיין קאַנאַדע.

דער קאָנסול וויל וויסן פון וואַנעט איך וועל נעמען געלט אויף צום לעבן אין אַמעריקע, ווײַל אונדזער רעגירונג לאָזט דאָך נישט אַרויספירן קיין אַמעריקאַנער דאָלאַרן. און ווען זי לאָזט יאָ, גלייבט איר אַז איך וואָלט אַרויסגעפירט דאָלאַרן פון ישׂראל, און אַרײַנגעפירט עס קיין אַמעריקע? ס׳פעלט זיי אויס דאָלאַרן? אַ רחמנות אויף זיי?

פון וואַנעט — פרעגט מיך דער קאָנסול — וועל איך דאָרט האָבן אויף צום לעבן.

האָב איך אים געענטפערט:

— מיַין טאַטע שטאַמט פון קאָלאָמיי, מיַין מאַמע פון לובלין, דער זיידע איז פון וואַרשע. וועל איך נישט געפינען אַן אָנקל אין ניו־יאָרק, וואָס וועט מיך לאָזן איבערנעכטיקן די ערשטע פּאָר חדשים?

האָט ער מיך פאַרשטאַנען, דער קאָנסול, און ער האָט מיר געגעבן די וויזע. פאַר וואָס זאָל ער מיר נישט געבן? אַז עס קומט אַריַין אַן אַמעריקאַנער אין אונדזער קאָנסולאַט, גיט מען אים נישט קיין וויזע? פרעגט מען אים אויך פון וואַנעט ער וועט דאָרט האָבן אויף צום לעבן? און טאַמער זאָגט ער נאָך אַז ער וויל זיך דאָרט באַזעצן אויף שטענדיק, וועט מען אים גלײַך צוזאָגן אַ שיינע גרויסע דירה, וועט ער זיך אַוועקזעצן וואַרטן אויף דער דירה, וועט מען שוין דעמאָלט זײַן זיכער אַז ער וועט אַ ישׂראלדיקער תּושב אויפן גאַנצן לעבן אַרויס.

אויסער דעם זענען מיר דאָך מיט אַמעריקע אין פרײַנדלעכע באַציִונ־גען, מיר האָבן דאָך מיט זיי אַן אָפּמאַך אַז מיר וועלן אויף זיי קיין מאָל נישט אָנפאַלן. וואָס זשע האָבן זיי אַזוי מורא?

שוין! דער עיקר, כ'בין דאָ. כ'בין שוין געוועזן אין גאַס, כ'האָב געט־ראָפן זייער אַ סך ייִדן, אַלע פון ישׂראל. ס'האָט גענומען זייער לאַנג ביז איך האָב אויך געטראָפן אַן אַמעריקאַנער ייִד, אַן אמתן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס האָט אַ מאָל געהאַט אַ רעסטאָראַן אין תּל־אָביב.

איצט וועל איך אײַך זאָגן וועגן וואָס איך בין געקומען. ראשית־כּל, ביזנעס. איך האָב אַ גוט אײַנגעפירט געשעפט אין תּל־אָביב. אַ קיאָסק, אַ גזוז־בודע, בײַ מיר באַקומט איר אָראַנזשאַדע, לעמאָנאַדע און מיץ, דאָס הייסט דזשוס פון מאַראַנצן. בין איך געקומען אַהער זוכן שותּפים. ווען איך קאָן געפינען דאָ צוויי שותּפים, איינער זאָל אַרײַנלייגן דאָס געלט, און דער צווייטער זאָל מיר פירן דאָס געשעפט, וואָלט איך מיך שוין מיט דער רעשט אַליין אַן עצה געגעבן.

איר מיינט אַז אַ גזוז־בודע אין תּל־אָביב איז אַ פּשוטע זאַך? איר ווייסט וויפל יאָרן עס האָט געדויערט ביז איך האָב אַרויסבאַקומען אַ רשיון, דאָס הייסט אַ לײַסנס אויף צו האָבן דעם קיאָסק? איר מיינט אַז יעדן איינעם גיט מען אַ לײַסנס? דאָס באַקומען נאָר אינוואַלידן, קאַלי־קעס. ווען איך בין אַ ביסל בלינד אויף די אויגן, באַקום איך אַ לײַסנס צו פירן אַ טעקסי, ווען מיר פעלט אַ קאָפּ, ווער איך אַ דירעקטאָר אין האַנדלס־מיניסטעריום, ווען מיר פעלט חלילה אַ האַנט, דאָס וואָלט שוין געווען זייער ביטער, אַן אַ האַנט קאָן מען בײַ אונדז אויסגיין פון הונגער...

דאָס גאַנצע אומגליק איז וואָס איך האָב נאָך אַ ביסעלע שׂכל, ווען איך וואָלט דאָס ביסעלע שׂכל אויך נישט געהאַט, וואָלט איך דאָך געמאַכט אַ גאָר גרויסע קאַריערע. אָבער נישט צום פאַרזינדיקן, פּרנסה איז דאָ פּיל־ווייניק, מער־ווייניק ווי פּיל. אָבער ס׳איז גאַנץ גוט.

תּל־אָביב איז אַ שטאָט ווו עס ליגט גאָלד אין די גאַסן. איך רעד דאָך נישט סתּם, איך בין דאָך אַ מענטש וואָס זע. איך קאָן זען. ווען איר ווייסט און ווען איר הערט וואָס איך זע, וואָלט איר גלייַך געוואָרן אַן עושר.

אויף דער אַלענבי־גאַס איז דאָ אַ געשעפט ווו פון אין דער פרי ביז בײַ נאַכט פרעגלט מען דאָרט פאַלאַפעל און שאַשליק אויף אייל, האָט איינער געעפנט דערנעבן אַ געשעפט פון גאַזמאַסקעס און איז געוואָרן אַ מיליאָנער.

טאָמער ווייסט איר עפּעס פון אַזעלכע צוויי שותּפים, ווי איך האָב אײַך פריִער געזאָגט, וואָלט איר אויך עפּעס פאַרדינט דערבײַ.

אַ גוט געשעפט אַ גאַזאָז־בודע, אַ גאַנצן טאָג נעמט מען געלט און מען קוועטשט מאַראַנצן. איך האָב דאָ אַ קוזינע, דווקא נישט קיין מיאוסע, וויל זי קומען קיין ישׂראל, און זיך לאָזן אויסקוועטשן אַ פּאָר גלעזלעך מיט מיץ פון מאַראַנצן.

כ׳האָב שוין געהאַנדלט דאָרט מיט פאַרשידענע זאַכן, נאָר קיין בעסערס פון מײַן קיאָסק איז נישטאָ. כ׳האָב געהאַנדלט אַ מאָל מיט זאַקן, איז געקומען אַ ייִד קויפן אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס. זאָג איך צו אים: הערט מיר, רב ייִד, און קויפט אַ גאַנצן טוץ, וועט עס אײַך קאָסטן אַ סך ביליקער, און איר וועט זיך אײַנשפּאָרן געלט. פון וואַנעט ווייסט איר — זאָגט דער ייִד — אַז איך וועל נאָך לעבן צוועלף יאָר?

איצט, אַז איך בין שוין אין אַמעריקע, וויל איך זאַמלען געלט אויף צו קויפן אַן אונטערוואַסער־שיף, אַז איך וועל אַהיימפאָרן צוריק קיין ישׂראל, וויל איך מיטברענגען אַ מתּנה אַן אונטערוואַסער־שיף, אַ מאָדער־נע, פון די וואָס מען האָט איצט דערפונדן אין אַמעריקע, ס׳קאָסט טאַקע אַ סך געלט, און אויפן פליפּאָרט קאָן מען זיך דאָרט הייסן באַצאָלן מכס, צאָל, מער וויפל עס קאָסטן צוויי אונטערוואַסער־שיפן, אָבער ס׳איז ווערט.

איר מיינט אַז עס פעלט אונדז אונטערוואַסער־שיפן? דער גאַנצער ברעג ים אין תּל־אָביב איז באַשטעלט מיט אונטערוואַסער־שיפן. איר האָט זיי אין תּל־אָביב נישט געזען? דאָס איז דערפאַר ווײַל זיי שטייען אונטערן וואַסער. די צרה איז וואָס זיי ווערן פאַרעלטערט. אַן אונטער־

וואַסער־שיף איז פונקט ווי אַ ווייַב, דערפאַר וויל איך ברענגען אַ נייַע, אַ מאָדערנע.

די צרה איז אויך, וואָס אַמעריקע האָט אַ שווערע וואַלוטע. פּרוווט אַרויסקריגן פון אַן אַמעריקאַנער ייִד אַ פּאָר דאָלאַר, וועט איר זען ווי שווער די וואַלוטע איז.

אַ ניו־יאָרקער ייִד, אַ גרויסער קאַרגער, און אַ גרויסער וויצלער, האָט געזאָגט אַז עס לוינט שוין בעסער צו קויפן אַ בעזעם. ווייַל אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם אויך.

די געהאָרכזאַמע עלזאַ

פּיליפּ איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ענדע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. קיין ישׂראל האָט ער נישט געוואָלט פאָרן, ווײַל מען האָט אים געזאָגט אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד ווו מען קאָן אויפטון, און מען קאָן זיך דאָרט גוט אַרויפאַרבעטן, און ער איז אַ גוטער אויפטוער. אויסער דעם האָט ישׂראל נישט געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי זײַן היים, ווײַל די פרוי זײַנע איז נישט קיין ייִדישע און דער ראַבינאַט דאָרט האַלט זיך שטרענג בײַ די דינים פון שולחן־ערוך, און וועט נישט אָנערקענען דאָס כּשרות פון אַזאַ פרומער קאַטוילעריין ווי זײַן ווײַב איז.

עלזאַ הייסט זי, דאָס ווײַב זײַנס. זי איז אַ בערלינער געבוירענע. דער פאָטער אירער, אַ פליישהענדלער פון בערלין, אַן איבערגעצײַגטער אַז „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איז איבער אַלעס אין דער וועלט" איז געווען געטרײַ און איבערגעגעבן דעם פירער, וואָס פאַר זײַן יעדער וואָרט איז ער גרייט געווען געהרגעט צו ווערן, און ער איז געהרגעט געוואָרן ערגעץ ווו אין רוסלאַנד. און די מאַמע אירע איז אומגעקומען בעת אַ באָמבאַרדירונג. איז זי, אַ דערוואַקסן מיידל, געבליבן איינע אַליין.

האָט פּיליפּ, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון איר, גענומען זי אונטער זײַן השגחה, אויסגעהאַלטן זי מיט אַלעמען, און זי איז געבליבן אויף אייביק זײַנע, זײַן פרוי.

זי האָט אַ קינדעריש תּמימותדיק פּנים און אַ הויכע גראַציעזע פיגור, און איז זייער אַ געהאָרכזאַמע. מען קאָן זי לײַכט איבערצײַגן און איבעררעדן צו יעדער זאַך, אָבער אַז זי זאָל זיך מגייר זײַן, צו דעם האָט ער זי נישט געקאָנט איבעררעדן. און זי איז געבליבן אַ פרומע קאַטוילעריין אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. אָבער אים, פּיליפּן, מוז זי ליב האָבן, כאָטש ער איז אַ ייִד, ווײַל ער האָט אַלע רעכט דערויף.

אַז דער פירער איז נישט געווען גערעכט מיט זײַן גרויסע שׂינאה צו ייִדן, אין דעם האָט זי זיך שוין גוט איבערגעצײַגט. דער בעסטער באַווײַז איז טאַקע איר פּיליפּ. טאָג־טעגלעך נעמט ער זי אַרויס אין רעסטאָראַן עסן לאָבסטערס מיט ביר, און צו דעם געבוירן־טאָג אירן האָט ער איר געקויפט אַן אויטאָמאַטישן קרײַזלער־אויטאָ. מיליאָנען דײַטשישע פרויען וואָלטן געווען גליקלעך צו האָבן אַזאַ מאַן ווי איר פּיליפּ, כאָטש ער איז אַ ייִד און אַ געראַטעוועטער פון אַ לאַגער.

זי זעט נישט אין יידן קיין שלעכטס, נאָר דאָס וואָס זיי האָבן דער־הרגעט יעזוסן, און דאָס וואָס זיי באַקן מצות מיט קריסטלעך בלוט, דאָס קאָן מען זיי נישט מוחל זײַן.

דער פּאַסטאָר אירער האָט אַ מאָל געזאָגט: אַז ווען די יידן וואָלטן נישט געהרגעט יעזוסן וואָלט ער נאָך הײַנט געלעבט, און מענטשן וואָלטן געווען גליקלעך אויף דער וועלט. אַזוי האָט דער פּאַסטאָר, דער הייליקער האַנס ווילדערמאַיער געזאָגט.

שוין וויפל מאָל האָט איר פיליפּ געפּרוווט איבערצײַגן, אַז די מעשׂה מיט יעזוסן און קריסטלעך בלוט אויף מצות, איז אַ געמיינער ליגן. אַן אויסגעטראַכטער אַנטיסעמיטישער בילבול וואָס האָט געבראַנגט פּאָגראָ־מען אויף יידן.

עס קאָן זײַן — האָט זי געטראַכט — אָבער זי מוז דאָך גלייבן דעם פּאַסטאָר אירן, דעם הייליקן האַנס ווילדערמאַיער פון בערלין.

זיי וווינען אין אַ קליינע שטאָט אין אַמעריקע. און אין דער קליינער שטאָט מאַכט פיליפּ גרויסע געשעפטן. ער פּאַרנעמט זיך מיט „ריעל־עסטעיט”, דאָס הייסט באָדן, לאַנד. דאָס גרויסע אַמעריקע איז אַפילו אין די קליינע שטעטלעך אויך רײַך.

יעדער זונטיק גייט עלזאַ אין דער קירכע אַרײַן. און יעדער יום־כּיפּור גייט פיליפּ אין שול אַרײַן.

ווען עס איז זיי געבוירן געוואָרן אַ זון, האָבן זיי באַשלאָסן צו וואַרטן ביז ער וועט אויפוואַקסן און קומען צום שׂכל, און דעמאָלט וועט ער אַליין באַשליסן וועמעס גלויבן אָנצונעמען, דער מאַמעס, אָדער דעם טאַטנס.

איז ער אויפגעוואַקסן, געקומען צום שׂכל, האָט מען אים דערקלערט: איצט איז שוין געקומען דײַן צײַט צו באַטראַכטן און באַשליסן וועמענס גלויבן דו ביסט גרייט איבערצונעמען.

— איך האָב נישט וואָס צו באַטראַכטן — האָט ער געענטפערט — איך האָב שוין באַשלאָסן צו ווערן אַ בעיסבאָל־שפּילער. און אַזעלכער איז ער געוואָרן.

פיליפּ איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אים אַרײַנגעלייגט אין אַ גרויסן פּרײַוועט־צימער אין אַ באַרימטן שפּיטאָל, צו גלײַך מיט אַלע רײַכע מענטשן וואָס ווילן זיך ראַטעווען דאָס לעבן.

מען דערציילט אַז אין דעם זעלבן צימער איז אַ מאָל געלעגן אַ קראַנקער פּרעזידענט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. דאָקטוירים האָבן — פּאַר גוט באַצאָלט — געסטאַרעט זיך און באַמיט זיך געזונט צו מאַכן אַ רײַכן אָרנטלעכן פּרעזידענט פון אַ „ריעל־עסטעיט קאָמפּאַני”.

עלזאַ, זײַן געטרײַע פרוי, האָט יעדן טאָג געוואַכט בײַ זײַן בעט לאַנגע שעהען. האָט איר אַ דאָקטאָר מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים געזאָגט, אַז די לאַגע איז נישט קיין גוטע, און ווער ווייסט... בײַ די ווערטער, האָט ער אויפגעהויבן צוויי אָפענע הענט צום הימל. דאָס איינציקע וואָס אונדז איז געבליבן צו טאָן — האָט ער צוגעגעבן מיט פאַרגלאָצטע אויגן, איז בעטן גאָט.

איז זי אַוועק אין אַ קירכע קניִען פאַרן אַלטאַר, און בעטן גאָט אַ רפואה־שלמה פאַר איר טײַערן פיליפּ, וואָס האָט איר פאַרזאָרגט דאָס גאַנצע לעבן מיט לאָבסטערס און ביר.

זי האָט אײַן מאָל געזען אין שפּיטאָל אַ גלח וואָס איז געקומען באַזוכן אַ שווער קראַנקן. האָט זי געטראַכט אַז עס וואָלט גלײַך געווען ברענגען דעם גלח אויך צו איר פיליפּן. מען דאַרף פּרווון רעדן מיט אים און געבן אים צו פאַרשטיין אַז אויף צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן, און אויך דאָס לעבן פון יענער־וועלט, דאַרף מען אַלץ אויספּרובירן. האָט ער נישט דערלויבט.

— איך בין אַ ייִד — האָט ער געזאָגט — און איך וואָלט געווען גליקלעך צו וויסן אַז נאָך מײַן טויט וועסטו אויף זיכער אויספירן דאָס וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן.

— איך זאָג עס דיר צו, און איך בין דערויף גרייט צו שווערן — האָט זי אים געזאָגט מיט אַ האַנט אויפן האַרץ.

— דאַרפסט נישט שווערן. איך בין זיכער אין דעם. איך קאָן דיך דורכויס. דו ביסט אַ געהאָרכזאַמער מענטש. געהאָרכזאַמקייט איז דײַן געוויסן, און אויך דײַן כאַראַקטער. דו געהערסט צו דעם פאָלק וואָס האָט מיט אַ פאַרטעמפּטער געהאָרכזאַמקייט אויסגעפירט די באַפעלן פון זייער פירער. פאַרשרײַב דיר גענוי וואָס איך זאָג דיר, איך הייס פישל מאיר בן רב־מענדל מאָרגענשטערן ז״ל. דאָס איז מײַן ריכטיקער נאָמען, און אַזוי דאַרף זײַן אויפגעשריבן אויף מײַן מצבה. דער נאָמען פיליפּ זאָל נישט דערמאָנט ווערן. צו קבר־ישׂראל וויל איך קומען אויפן הר־הזיתים אין ירושלים. און זאָלסט פאַרזאָרגן אַן ערלעכן פרומען ייִד, וואָס זאָל נאָך מיר זאָגן קדיש. פאַרשרײַב דיר גענוי, קדיש הייסט עס. דו וועסט נישט פאַרשטיין וואָס דאָס באַדײַט, אָבער דער ייִד וועט שוין וויסן וואָס דאָס מיינט.

— אַ האַלב פון מײַן פאַרמעגן שענק איך פאַר ישׂראל, און פון דער אַנדערער העלפט וועסטו און אונדזער זון, דער בעיסבאָל־שפּילער, וואָס האָט זיך אָפּראַזירט דעם קאָפּ — ווער ווייסט צי ער געהערט שוין נישט צו די וואָס שענדן סינאַגאָגעס און בית־עולמס — פון דער אַנדערער

העלפט פון מײַן פֿאַרמעגן וועט איר האָבן גענוג אויך אויף לאַבסטערס און ביר. און דעם פֿאַסטאָר דײַנעם, דעם הייליקן האַנס ווילדערמאַיער פֿון בערלין זאָלסטו נישט גלייבן קיין וואָרט, ער איז אַ ליגנער, אַ רשע און אַן אַנטיסעמיט.

צו מאָרגנס איז זי געזעסן אין זייער אַן עלעגאַנטן פֿיונעראַל־ביוראָ. אַ יונגער מענטש מיט טרויעריקע וואַנסעלעך האָט איר דערלאַנגט אַ חשבון אויף אַ גרויסער סומע און איר דערקלערט, אַז די סומע איז אַזאַ גרויסע דערפֿאַר, ווײַל זי האָט פֿאַרלאַנגט אַן ערשטקלאַסיקע קאָמפּאַרט־לוויה. און בעסערס פֿון דעם וואָס ער האָט געטון איז שוין נישט מעגלעך. אַ קבר נעבן משה רבינו, תּכריכים גענייט פֿון אַן ערשטקלאַסיקן שנײַדער, אַן אָרון פֿון אַליוונהאָלץ באַצירט מיט אילת־שטיינער, אַ קדיש־זאָגער, אַ דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט, אַ לוקסוס־טראַנספּאָרטאַציע, דירעקט מיט אַ זיבן־הונדערט־זיבן־אַל־על־דזשעט. דערפֿאַר קאָסט עס אַזוי פֿיל געלט.

ער האָט איר מיטגעגעבן אַ הויכן טונקל־רויטן בעכער מיט אַ גאָל־דענעם מגן־דוד, און מיט אַ קנויט אין דער סאַמער מיט, וואָס זי דאַרף אָנצינדן באַלד נאָך יציאת־נשמה.

זיצט זי לעבן זײַן בעט און וואַרט מיט די שוועבעלעך אין טאַש...

אין אַ פֿאַרנאַכט האָט דער דאָקטאָר איר אָנגערופֿן אין טעלעפֿאָן און געזאָגט, אַז מען זעט אין אים אַ פֿאַרבעסערונג, אַ קאָלאָסאַלע פֿאַר־בעסערונג. „עס איז מיר געלונגען! איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט זײַן לעבן!״ — האָט ער אויסגערופֿן מיט אַ קלינגענדיק שטימעלע.

דעם קראַנקן האָט זי שוין באַגעגנט זיצנדיק אין אַ פּאָטעל מיט אַ לײַכט שמייכעלע אויפֿן פּנים. און אין אַ קורצער צײַט איז ער אַרויס פֿון שפּיטאָל אַ געזונטער.

דער מענטש פֿון דעם פֿיונעראַל איז גרייט צו טאָן פֿאַר איר אַלצדינג, נאָר קיין געלט קאָן ער איר נישט צוריקגעבן, ווײַל דאָס וואָס ער איז פּלוצעם געזונט געוואָרן, איז עס דאָך נישט אין זײַן שולד — האָט ער איר רויִק דערקלערט מיט זײַנע נאָך מער טרויעריקע וואָנסעלעך.

זײַן עצה איז: אַז זי זאָל אפשר געבן אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג, לויט דעם טעקסט וואָס ער האָט איר פֿאָרגעשריבן: אַז ס׳איז דאָ געלעגנ־הייטלעך איבערצוגעבן אַ לוקסוס־אויסשטאַטונג פֿון אַ לוויה פֿון בעסטן קוואַליטעט פֿאַר אַ זייער ביליקן פּרײַז. וואָס זאָל מען טאָן? אין לעבן פּאַסירט אַזעלכעס אויך.

זי, עליזאַ, וועט דאָס זיכער טאָן, זי איז זייער אַ געהאָרכזאַמער מענטש.

אַן עצה

איך האָב באַשלאָסן, און אַפּילו געטאָן אַ נדר, נישט צו הערן מײַן װײַבס עצות. זי איז נישט קײן נאַרישע פּרוי, זי האָט געלײיענט טאָלס־טאָיען װען זי איז נאָך געװען אַ מײדל, נאָר יעדער מאָל װען איך האָב איר געפּאָלגט, איז מיר אַרויסגעקומען מיט די פּוטער אַראָפּ.

דאָס מאָל, אַז זי האָט מיר געזאָגט איך זאָל גײן צו אײַך, און הערן װאָס איר זאָגט צו דעם אַלעם, װאָס איך זאָג, האָב איך אײַנגעזען אַז זי איז גערעכט. איר זענט דאָך פּאַרט אַ שרײַבער, אַ בעל־שׂכל. מײַן װײַב האַלט פון אײַך אַ װעלט. זי פאַרגלײַכט אײַך צו דעם באַרימטן שרײַבער... כ׳האָב פאַרגעסן זײַן נאָמען. אויף מײַן װײַבס מבינות קאָן מען זיך אָבער נישט פאַרלאָזן.

פון דעסטװעגן — זעט איר — בין איך צו אײַך געקומען. כ׳האָב מיר געטראַכט אַזוי: װעט איר מיר געבן אַ קלוגע עצה, װאָס װעט מיר געפעלן, װעל איך זיך אָװעקזעצן טראַכטן װאָס כ׳האָב צו טאָן, און אויב נישט, װעל איך טאָן פּונקט פאַרקערט, און כ׳װעל שוין דעמאָלט װיסן װאָס פאַר אַ חכם איר זענט, און װאָס פאַר אַ בהמה מײַן װײַב איז.

לויט דעם װי אײַער דירה קוקט אויס, דאַרפט איר מאַכן זײער גוט בײַ דעם שרײַבערײַ. װײַל נישט יעדער אײנער קאָן זיך דערלויבן צו װױנען אין אַזאַ דירה. אָבער װאָס גײט עס מיך אָן? איך בין דאָך געקו־מען צו אײַך װעגן אַן עצה, איז לאָמיר נישט רעדן קײן אַנדערע זאַכן, און הערן אײַער עצה. װאָס פאַר אַן עצה האָט איר פאַר מיר?

— װעגן װאָס?

— איר זעט װי דער קאָפּ אַרבעט בײַ מיר? גערעדט און גערעדט, און נישט גערעדט דאָס װאָס איך דאַרף רעדן. מיר װילן פאָרן זיך באַזעצן אין ישׂראל, האַלטן מיר זיך צוריק, װײַל איך בין שוין נישט בײַ די כּוחות צו גײן אין מלחמה אַרײַן, און מײַן װײַב איז אַלערגיש אויף שיסן. ס׳קאָן דאָך אָבער פּלוצעם אויסברעכן אַ שלום, װעלן אַ סך כאַפּן ס׳פּעקל און פאָרן, װעט װערן אַ יקרות אויף דירות, דאַרף מען זײַן קלוג און קומען אַ ביסל פריִער. האָט מען דאָך אָבער מורא טאָמער יאָ און טאָמער נישט, טאָמער גיט מען צוריק דאָס װאָס די אַראַבער װילן, איז דאָך ביטער, און טאָמער גיט מען נישט צוריק, איז דאָך נישט גוט.

איך פרעג אײַך, גלײַך ווי איר וואָלט געווען דער סאַמאַראַדנער גאון, כאָטש דער גאון אַליין ווייסט אויך פון זײַנע הענט און פיס. געלינגט אים, איז ער אַ מי יודע וואָס, געלינגט אים נישט, מוז מען אויך פאַר אים דרך־ארץ האָבן, ווײַל ער איז אַ גאון.

איצט וועט איר דאָך מיך אַוודאי פרעגן, פאַר וואָס איך בין געקו־מען צו אײַך נאָך אַן עצה, אין דער צײַט ווען איך ווייס שוין אַז איר ווייסט גאָרנישט? טאָקע דערפאַר, ווײַל מײַן ווײַב האַלט פון אײַך, זי זאָגט, אַז אויב איר זענט נישט געוואָרן פּרעזידענט פון אַמעריקע, איז עס דער־פאַר ווײַל איר האָט נישט געוואָלט, ווײַל איר זענט אַ חכם, ווײַל איר ווייסט אַז אַ פּרעזידענט איז אײַנגעשטעלט מיטן לעבן. אין אַמעריקע טרעפט עס זעלטן, אָבער אין די אַראַבישע לענדער, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן. מען האָט דערהרגעט דעם פּרעזידענט סאַדאַט ווײַל ער האָט געמאַכט שלום. וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן? ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. אַ מענטש קאָן זיך דאָך נישט אַרומדרייען דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאַנאַל... און דער מלך אַבדאַללאַ פון טראַנסיאַרדאַניען? ער איז געגאַנגען דאַווענען, האָט מען אים אויפן וועג אַזוי צעטראַנסיאַרדאַניעט, אַז מען האָט אים שוין נישט געקאָנט אָפּעראַטעווען. און אַזאַ מלך ווי פײַזל, דער פון סעוד־אַראַביע, קיין מענטש לעבט טאָקע נישט אייביק. עס קומט דער טאָג, די שעה, און ער ווערט דערשאָסן. ער האָט דאָך אָבער איבערגעלאָזט הונדערט און פערציק אַלמנות! צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן זיך געגרייט אין קימפּעט אַרײַן, און איבער דרײַ הונדערט יתומים דרייען זיך אַרום אָן אַ טאַטן. די ווײַבער האָבן דאָך אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן, נײַערהייט וואָלט מען נאָך אפשר געקאָנט עפּעס אָפּראַטעווען. הײַנט זענען דאָ ווייניק בעלנים אויף דעם אַרטיקל. איך בין געזעסן דעם ווינטער אין מיאַמי, ווייס איך דאָך וואָס איך רעד. זיי זענען זיך אַליין שולדיק די ווײַבער, אַז מען זעט בײַ זיי אַלץ וואָס ס'איז צוגעדעקט. צײַט מײַן מאַמע האָט מיר אַנטוויינט פון זייגן האָב איך נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

— דאָס אַלץ גייט מיך נישט אָן. דער עיקר וואָס איך וויל, איז הערן אײַער עצה.

— וועגן וואָס? איך ווייס נאָך אַלץ נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— וועגן דעם, צי אין דער צײַט איז אַ סכנה צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, צי נישט?

— ניין. קיין שום סכנה.

— אַוודאי, אויף יענעמס חשבון איז לײַכט צו זאָגן. וואָס שאַדט עס אײַך? איר ריזיקירט דאָך מיט גאָרנישט, קענט איר זיך דערלויבן צו

געבן עצות. וואָס וועל איך אָבער טאָן אַז אַ צען־יאָריק אַראָבערל וועט זיך פּאַרגלוסטן צו מאַכן אויף מיר אַן אינטיפאַדע?

— פאַר דעם דאַרפט איר גאָרנישט זאָרגן. ס'איז דאָרט דאָ ווער עס זאָל אײַך באַשיצן.

— מיט גומענע קוילן? מײַן עצה איז אַז איר טאָרט נישט געבן קיין עצות. ס'איז נישט פאַר אײַער קאָפּ, און נישט פאַר אײַער שׂכל.

— איז ווער האָט אײַך געצוווּנגען קומען צו מיר נאָך עצות?

— מײַן ווײַב. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם וואָס אירס אַ ברודער פון רוסלאַנד, אַ קאָמוניסט, אַ לעניניסט, וויל זיך איצט באַזעצן אין ישׂראל. פריִער האָט ער געוואָלט לעבן נאָר אין רוסלאַנד, ווײַל זיי האָבן אים אָפּגעהיטן פון קאַפּיטאַליזם. הײַנט וויל ער לעבן נאָר אין ישׂראל, וואָס וועט אים אָפּהיטן פון אַנטיסעמיטיזם. אַ דירה — זאָגט ער — וועט ער נישט פאַרלאַנגען דווקא אין תּל־אָביב, ס'קאָן אויך זײַן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

— קעגן וואָס דערציילט איר מיר דאָס אַלץ?

— קעגן דער זעלבער זאַך, צו הערן פון אײַך אַ מיינונג, אַן עצה.

— איצט דאַרף איך אַז איר זאָלט מיר געבן אַן עצה. האָט רחמנות און גיט מיר אַן עצה ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון אַזאַ אָנשיקעניש ווי איר זענט.

שיינע פיס

ער איז אַ מענטש וואָס אינעם לויף פון זײַן לעבן האָט ער זיך תּמיד באַמיט נישט איבערצושטרענגען. דאָס ביסל פאַרמעגן זײַנס איז דורך אים דעראָבערט געוואָרן אויף אַ שטילן, געלאַסענעם און דיסקרעטן אופן. קיין מאָל נישט צוגעלאָזט צו זיך פאַרדרוסן. אַז דאָס ווײַב איז אים געשטאָרבן, האָט ער אויפגעהאַנגען אירס אַ פאָטאָגראַפיע אויף דער וואַנט און באַשעפטיקט אַ פרוי וואָס קומט אָפּט ווישן, רוימען, אויף דער שעה. און דאָס לעבן גייט בײַ אים ווײַטער, ווי פריִער. שטיל, געלאַסן, קיין מאָל נישט טרויעריק, קיין מאָל נישט פריילעך. דאָס לעבן וואָס ער פירט, אויף דעם אייבערשטן שטאָק פון דעם גרויסן הויז, גליטשט זיך בײַ אים גלאַט און ווייך, ווי אויף פּוטער.

אויף דעם מיטלסטן שטאָק פון דעם גרויסן הויז וווינט אַ פרוי וואָס קיינער ווייסט נישט ווער זי איז. אַפילו די לאָדזשעריין, וואָס דערציילט יעדן בסוד וואָס עס טוט זיך אין די שטובן בײַ יעדן איינעם פון די אײַנ־וווינערס פון דעם הויז, איז אויסער דאָס וואָס זי איז אַ גרושה, ווייסט זי פון איר מער גאָרנישט. ס'איז דאָ אַן אַנדערע פרוי וואָס זאָגט אויף זיכער אַז זי איז אַן אַלמנה. גענוי קאָן מען נישט וויסן, ווײַל די פרוי רעדט נישט מיט קיינעם, באַגריסט זיך נישט מיט קיינעם, קוקט אַפילו נישט אויף קיינעם, און ווען זי גייט דורך דער לאָבי, באַגלייטן זי די אויגן פון די אַלע וואָס געפינען זיך דאָרט. אַפילו פון די פרויען. מען קוקט אויף אירע פיס. זי האָט אויסערגעוויינלעך שיינע פיס. מבינים זאָגן אַז אַזעלכע פיס איז אַ זעלטנהייט צו זען. און טאַקע צוליב דעם טראָגט זי קורצע קליידער.

די שיינע פיס אירע באַאומרויִקן די מענער און צעפלאַקערן די קינאה פון די פרויען.

אָט אַ די פיס אירע האָבן שטאַרק געווירקט אויף דעם אַלמן, דער איינוווינער פון דעם אייבערשטן שטאָק, און צעשטערט זײַן ביזאיצטיקע אײַנגעהאַלטענע רויִקייט.

מיט אַ מאָל איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע, אַז די פרוי מיט די שיינע פיס לעבט שוין צוזאַמען מיט אים, מיט דעם אַלמן פון דעם אייבערשטן שטאָק. און יעדער איינער וווּנדערט זיך, און פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי קאָן אַ פרוי וואָס איז געבענטשט מיט אַזעלכע פאַנ־

טאַסטישע פּיס, מסכּים זײַן צו לעבן מיט אַזאַ ייִד, אַן אַלמן מיט אַן אײַנ־געבויגענער פּלייצע און מיט ברילן? וואָס האָט זי געזען אין אים?

די לאָדזשערין, וואָס ווייסט געוויי וואָס עס טוט זיך בײַ יעדן איינעם, זאָגט אַז דער אַלמן איז — אַזוי שטילערהייט — אַ מולטימיליאָנער. און די מענער זאָגן אַז מיט אַזעלכע פּיס קאָן מען חתונה האָבן מיט אַ גראַף.

וועגן דער דאָזיקער געשעעניש האָבן די שטענדיקע זיצערס אויף די באַקוועמע סאָפעס אין דער לאָבי זייער אָפּט געשמועסט. און די לאָדזשערין האָט זיך געשווירן, אַז דער שלום־בית וועט דאָרט לאַנג נישט אָנהאַלטן. זי האָט דאָס פּאַרזיכערט אויף הונדערט פּראָצענט. און זי ווייסט פּאַר וואָס, נאָר זי וויל עס קיינעם נישט זאָגן.

דאָס לעבן איז זיך דאָרט דערווײַל געגאַנגען מיט די שיינע פּיס נאָך שטילער און נאָך דיסקרעטער ווי פּריִער. ביז זי האָט זיך איין מאָל, אַרויסגייענדיק פונעם עלעוויטער, באַוויזן שטופּנדיק אַן אינוואַלידן־שטול, אויף וועלכן עס איז געזעסן איר מאַן מיט צוויי געליימטע הענט און שטאַרע אויגן. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מענטשן האָבן נישט געקוקט אויף אירע פּיס, נאָר אויף דעם געליימטן פון דעם אינוואַלידן־שטול, וואָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ גאַווער פונעם מויל.

די לאָדזשערין זאָגט אַז ער איז שוין גאַרנישט ווערט און אַז זי האָט אים פאַרסמט. איר, אַלע מענער, — זאָגט זי — האַלטן זיך פאַר גאַנצע חכמים. צום סוף זענט איר אַ סטאַדע אָקסן. קוקט אים אָן. איר האָט געזען ווי ער זעט אויס? שיינע פּיס האָט זיך אים פאַרגלוסט.

צום סוף האָט דער פּאַראַליזירטער אין דעם אינוואַלידן־שטול אויפ־געהערט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. און די בליקן פון אַלעמען האָבן זיך געצויגן צוריק צו די שיינע פּיס.

די שיינע פּיס האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן איבערגעצויגענע מיט שוואַרצע זאָקן, שוואַרצע הענטשקעס און אַ שוואַרץ קלייד. דאָס שוואַרצ־קייט האָט אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשׂורה.

די לאָדזשערין זאָגט אַז די לוויה איז שוין געווען מיט אַ וואָך צוריק. און אַז פון ערגעץ ווו האָט זיך געיאַוועט אַ טאָכטער מיט אַ צוואה, אַ באַשטעטיקטע פון אַ נאָטאַר, און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דעם גאַנצן פאַרמעגן.

טייל מענטשן האָבן געזאָגט אַז דאָס איז נישט יושרדיק און נישט געזעצלעך. אַז איר קומט אויך אַ חלק. און די לאָדזשערין איז אונטער־געשפּרונגען מיט ניצחון און געוויזן מיט אַ פּאָר פאַרדרייטע פינגער אַ פײַג, אַז נאָך אַזאַ צוואה וועט זי אַ פײַג באַקומען.

עס איז געווען אַ נעקראָלאָג ערגעץ אין אַ צײַטונג, ווו אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעדריקט באַדויערונג, און דערציילט אַז דער פֿאַרשטאָרבענער האָט געגעבן פֿאַר ישׂראל.

דאָס אומגליק האָט — ווײַזט אויס — גאָרנישט געווירקט אויף די צוויי שיינע פּיס. זיי האָבן ווידער געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט. ביז זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך דעם בוכהאַלטער, אַן עלטערער בחור פֿון די אונטערשטע שטאָקן פֿונעם גרויסן הויז. אָבער אין אַ קורצער צײַט האָט עפּעס פּאַסירט און דער בחור איז פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן.

די סיבה דערפֿון ווייסט נאָר די לאַדזשעריןְ, ווײַל זי איז באַפֿרײַנדעט מיט דער מאַמע פֿון דעם אַלטן בחור, און זי, די מאַמע, האָט איר אַלץ געגנוי דערציילט.

עס האָט זיך געהאַנדלט — זאָגט זי — וועגן אַ מינקפּעלץ. זי האָט אײַנגעצאָלט אַן אַדערויף אויף אַ מינקפּעלץ, און כּדי אים אויסצולייזן דאַרף מען צוצאָלן צוויי טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט האָט זי געזאָלט באַקו־מען פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם מאַן אירן. ער האָט דאָס איר פֿײַערלעך צוגעזאָגט און געהייסן איר געבן דעם אַדערויף. איז ער פֿאַראַליזירט געוואָרן און נישט געוואָלט האַלטן זײַן צוזאָג. ער האָט אויסגענוצט זײַן מחלה, און ווען זי האָט גערעדט צו אים וועגן פּעלץ, האָט ער נישט געהערט און נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים. ער איז טאַקע געווען ערנסט קראַנק, אָבער אין געלט־זאַכן האָט ער גוט געוווּסט ווי אַזוי צו האַנדלען. ער האָט נאָך אַפֿילו פֿאַרשטאַנען איבערצולאָזן אַ צוואה, ווו ער האָט איר, זײַן פֿרוי, אין גאַנצן אויסגעמיטן. נאָך אַזעלכע דערפֿאַרונגען — האָט זי געזאָגט צום בוכהאַלטער — וויל זי נישט מער אָפּלייגן אויף שפּעטער. נאָר טאַקע באַלד, שוין, מוז מען אויסקויפֿן דעם מינק־מאַנטל.

דער אַלטער בחור, דער בוכהאַלטער, האָט זיך אָפּגעבעטן בײַ איר אַז זי זאָל צוּוואַרטן אַ פּאָר טעג. און אין משך פֿון די פּאָר טעג האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פֿון דער דירה. אַוועק פֿונעם הויז. און קיינער ווייסט נישט ווו ער געפֿינט זיך.

אַזוי האָט דערציילט די לאַדזשעריןְ. און מען מעג איר גלייבן.

ער האָט געוואָלט וויסן: יאָ אָדער ניין

דעמאָלט, נאָך דעם ווען איך האָב זיך אַרײַנגעצויגן אין מײַן נײַער וווינונג אין תּל־אָביב, נישט בלויז די וווינונג, נאָר דאָס גאַנצע פינף־שטאָקיקע הויז איז געווען נײַ און עס האָט געהעלט מיט אַ פרילינגדיקער פרישקייט. גראָד איז עס אויך געווען פרילינגצײַט.

אַ שמייכלדיקער מענטש באַגעגנט מיך בײַם הויז און פרעגט מיך:

— ווי פילט איר זיך אין אײַער נײַער וווינונג?

— זייער גוט, ממש גוט.

דעם מענטש קען איך נישט. ס'קאָן זײַן אַז ער איז איינער פון די באַוווינערס פון דעם הויז.

— איר זעט — זאָגט ער — דאָ אויבן? עס געפעלט אײַך?

— איך ווייס נישט וואָס איר מיינט אויבן — ענטפער איך אים.

— איך מיין אויבן, די טעראַסע, דעם באַלקאָן. מען האָט געמאַכט דאָרט אַזעלכע לאָדנס, טריסאָלן, וואָס רוקן זיך אויף, און רוקן זיך צו. זומער אין די גרויסע היצן פאַרשטעלן זיי די ברענענדיקע זון. ווינטער פאַרהאַלטן זיי די גרויסע ווינטן און די שטורמישע רעגנס. וואָס זאָגט איר צו דעם?

— נישט שלעכט. גאָרנישט שלעכט.

— כ'האָב געוווּסט אַז עס וועט אײַך געפעלן. איר האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין אַ מזלדיקער שעה אין אַ נײַער דירה, דאַרפט איר זיך אויך לאָזן מאַכן אַזאַ זאַך. איך קאָן אײַך אַרײַנשיקן דעם בעל־מלאָכה, אַ גוטער פאַכמאַן און אַ פײַנער מענטש.

— מען דאַרף פריִער וויסן וויפל עס קאָסט.

— וויפל עס קאָסט, איז עס ווערט. דאָס געזונט איז וויכטיקער ווי דאָס געלט. איר דאַרפט מיר נאָר זאָגן, יאָ אָדער ניין. אויב יאָ, שיק איך אים גלײַך אַרײַן.

— כ'וועל טראַכטן וועגן דעם.

— אַז מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אײַער טראַכטן וועט מען שיין אויסזען, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָרף טוענדיק די האַנט מיט אַ ביטול.

אַ פּאָר טעג שפּעטער קלאַפּט מען אין דער טיר און אַ קאָפּ שטעקט זיך אַרײַן אין דער האַלב־אָפענער טיר.

— איר זענט דאָס דער, כ׳האָב פאַרגעסן אײַער נאָמען. נו, דער פון דער דירה?

— יאָ, איך בין עס.

— מאַכט אויף די טיר אַ ביסל ברייטער, האָט נישט קיין מורא, כ׳וועל זיך נישט אַרײַנרײַסן מיט כּוח.

— וואָס ווילט איר? וועגן וואָס דאַרפט איר מיך?

— אַלץ ווילט איר וויסן דאָ? בײַ דער טיר?

— איך גרייט זיך אַוועקצוגיין.

— אָבער פינף מינוט האָט איר צײַט?

— פינף מינוט יאָ.

— קאָן מען דאָך רעדן אַ האַלבע שעה. סוף־סוף האָט איר באַשלאָסן מיך אַרײַנצולאָזן? וואָדען? איר וועט דאָך נישט לאָזן שטיין אַ מענטש אונטער דער טיר. זעצט אײַך, טוט מיר צוליב און זעצט אײַך, איך קאָן נישט זיצן און רעדן צו אַ מענטש וואָס שטייט. איר זענט אַ מבין אויף דער הײַנטיקער היץ? אין אַזאַ היץ הייסן די דאָקטוירים טרינקען. נאָר טרינקען!

— איר ווילט אַ קאַלטן טרונק?

— יאָ. אָבער נישט די געפּאָנטשטע זאַכן. די געפּאַרבטע לימאָנאַדעס, אַ פּשוט ביסל סאָדע־וואַסער מיט וויסקי. איר רייכערט?

— ניין.

— אויפגעהערט?! זייער גוט געטאָן. איך האָב אויך אויפגעהערט, טייל מאָל אָבער, מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... איז אפשר פאַרוואַלגערט זיך נאָך בײַ אײַך אַ סיגאַרעטל? אַ שיינעם דאַנק. דאָס סיגאַרעטל איז מיר איצט ווערט אַ מיליאָן. לייגט אַוועק דאָס שאַכטל אויפן טיש, האָט נישט קיין מורא, אַלע מיט איין מאָל וועל איך נישט אויסרייכערן.

— זייער גוט, אָבער מאַכט עס בקיצור, איך דאַרף אַוועקגיין.

— איר הייבט מיך שוין אָן צו יאָגן? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט אַז פינף מינוט האָט איר צײַט, און אַז עס מאַכט זיך אין גאַס אַ שווערע טראַפיק, קאָן עס נעמען נאָך צוואַנציק מינוט, און צען מינוט קאָן יעדער איינער פאַרשפּעטיקן, האָבן מיר דאָך שוין אַ האַלבע שעה צו אונדזער רשות, איז וואָס זשע איז דער געאײַל בײַ אײַך אַזוי גרויס?

— איך האָב נישט קיין צײַט. אַז איר וועט עס נישט מאַכן בקיצור, לאָז איך אײַך דאָ איבער און איך גיי אַוועק.

— לויט מײַן מיינונג, טאָרט איר דאָס נישט טאָן. עס וואָלט געווען אַ לײַכטזיניקייט פון אײַך צו לאָזן אַ פרעמדן מענטשן אַליין אין אַ דירה.

עס קאָן דאָך מעגלעך זײַן... פון וואַנעט ווייסט איר ווער איך בין?...

— איז ווער זענט איר? וואָס ווילט איר?

— איך בין געקומען אײַך מאַכן אַ טריסאַל, לאַדנס אויף דער טעראַסע. איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט וואָס איך רעד צו אײַך?

— איך פאַרשטיי. אָבער איך האָב דאָך אַזעלכעס בײַ אײַך נישט באַשטעלט. איר קאָנט דאָך נישט מאַכן אָן מײַן באַשטעטיקונג.

— פאַר וואָס ניט? וואָס איז? איר וועט מיר נישט באַצאָלן? וואָס זענט איר, אַ יינגל פון דער גאַס?

— בײַ מיר, מוז יעדער זאַך פריִער ווערן באַשטעטיקט. איר פאַר־שטייט?

— ווער שטערט אײַך? דאָ האָט איר אַ פּאַפּיר, שרײַבט אונטער און באַשטעטיקט. מײַן שותּף האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז ער האָט שוין מיט אײַך גערעדט און געזאָגט אַז איר האָט שוין באַשטעטיקט.

— וועט איר זאָגן אײַער שותּף, אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל זיך איבערלייגן. אַזאַ זאַך קאָסט דאָך געלט.

— איר האָט אפשר געוואָלט אַז איך זאָל עס אײַך מאַכן אָן געלט? גוט! איך וועל עס אײַך מאַכן אין גאַנצן אומזיסט. איר וועט מיר בלויז באַצאָלן פאַרן מאַטעריאַל און פאַר דער אַרבעט.

— אָן געלט, מיט געלט, כ׳וויל נישט בכלל אַז איר זאָלט מיר מאַכן. כ׳וויל נישט!

— אַזוי, הערט מען קלאָרע דיבורים. איך בין נישט געקומען אײַך אײַנרעדן. איר דאַרפט מיר נאָר ענטפערן איין וואָרט: יאָ אָדער ניין. איז וואָס ענטפערט איר?

— ניין!

— דאָס הייסט, אַז איר ווילט נישט?

— יאָ! דאָס הייסט אַז ניין, אַז כ׳וויל נישט.

— אָט אַ דאָס האָב איך געוואָלט הערן, מער נישט. איצט דערקלערט מיר געלאַסן: פאַר וואָס ווילט איר נישט? ווי קאָן מען לעבן בײַ אַן אָפענער טעראַסע? ווינטער זאָל אַרײַן דער רעגן, זומער זאָל ברענען די זון? כ׳בין נישט גערעכט?

— איר זענט גערעכט. אָבער איך וויל זיך פריִער איבערטראַכטן.

— וואָס פאַר אַן איבערטראַכטן? איר דאַרפט נאָר זאָגן איין וואָרט. יאָ, אָדער ניין?

— זאָג איך דאָך אײַך. ניין!

— איז לויט אײַער רעדן, קאָן מען פאַרשטיין, אַז איר ווילט נישט קיין לאַדנס אויף דער טעראַסע

— אַזוי איז עס! כ'וויל נישט!

— אפשר איז עס דערפאַר ווײַל ס'איז פון אַזבעסט? קאָן מען עס אויך מאַכן פון אַלומיניום.

— כ'וויל נישט קיין אַלומיניום.

— קאָן מען עס אויך מאַכן פון פלאַסטיק, און פון פיבערגלאַז.

— איך וויל נישט קיין לאַדנס אויף דער טעראַסע! איר פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אײַך?

— איר דאַרפט זיך נישט אויפרעגן. איך וויל נאָר פון אײַך הערן איין וואָרט: יאָ, אָדער ניין!

— איך האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט טויזנט מאָל ניין!

— גוט! זײַט זשע געזונט. אָבער אַ מאָס קאָן מען דאָך דערווײַל נעמען. דאָס קאָסט דאָך נישט קיין געלט. מען מוז דאָס מאַכן שנעלער, ווײַל די אַרבעטערס גייען שוין...

— — —

צום סוף האָב איך געמוזט צוצאָלן אַ גרויסן דיפערענץ. ווײַל דער בעל־מלאָכה האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט שלעכט קאַלקולירט.

— אַז אײַך — האָט ער געזאָגט — האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן טריסאָלן אויף דער טעראַסע, אַז איר ווילט זיך לעבן אין אַ באַקוועמען לוקסוס, מוז מען באַצאָלן דערפאַר. איר קאָנט דאָך דאָס נישט מאַכן אויפן חשבון פונעם אַרבעטער!

הינט

אין מאָנטרעאָל לעבט אַ ייִד וואָס הייסט מאָטל. זײַן גאַנץ לעבן איז דער מאָטל געווען אַ שנײַדער. הײַנט איז ער אַ בעל-תּשובה.

זײַן ווײַב, עליה-השלום, האָט נישט דערלעבט צו דעם. זי איז צו פרי געשטאָרבן. ווען זי באַווײַזט אויפצוהאַלטן איר לעבן נאָך אַ ביסל, וואָלט זי דערלעבט צו שטאַרבן אַ בעלת-תּשובה און זי וואָלט נאָך באַוויזן צו זײַן אַ גליקלעכע און אַן אַנגעזעטיקטע מיט נחת פאַרן טויט.

אַ ייִד ווי ער, אַ פרומער, באָרד און פאות, האָט נישט געוואָלט לעבן איינער אַליין. האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה, זייער אַ רײַכע און זייער אַ דיקע.

די אַלמנה האָט געלעבט אַ פּאָר יאָר איינע אַליין, ווײַל זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען חתונה צו האָבן.

אין דער צײַט וואָס זי איז געווען אַליין, האָט זי — כּדי צו מאַכן לעבעדיקער דאָס לעבן — אַרײַנגענומען צו זיך אין הויז אַ הינטל.

צוליב דעם הינטל איז איר שידוך מיט מאָטלען שיער נישט בטול געוואָרן און עס האָט שוין געהאַלטן אַז מען זאָל זיך פונאַנדערגיין. ווײַל ער האָט טאַקע מסכּים געווען אַז זי זאָל ווערן זײַן ווײַב, אָבער אַן אַ הינטל. פאַר אַ פרומען ייִד איז געווען בלויז חופּה-וקידושין. און מען דאַרף נישט קיין הינטל. און זי, די אַלמנה, האָט טאַקע מסכּים געווען חתונה צו האָבן מיט אַ פרומען מאַן און פירן אַ ייִדיש פרום לעבן, אָבער מיט דעם הינטל, ווײַל זי איז שוין אַזוי צוגעבונדן צו דעם הינטל און זי האָט אים שוין אַזוי ליב באַקומען, אַז עס קאָן גאָר קיין רייד נישט זײַן וועגן שיידן זיך מיט אים.

בלית-ברירה האָט מאָטל געמוזט נאָכקומען איר פאַרלאַנג, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן די אַלמנה. ס׳קען זײַן אַז דאָס איז געווען אויס ליבע. ווײַל זי איז דאָך זייער אַ רײַכע פרוי.

זיי האָבן זיך געלעבט אַ רויִק און אַ פרום שיין לעבן. מאָטל איז געווען פאַרטאָן גאַנצע טעג אין זײַנע תשובה-זאַכן, ער האָט געהאַט אויף אַזוי פיל תשובה צו טאָן, אַז די צײַט האָט אים נישט געסטײַעט דערויף. דאָס ווײַב זײַנס, די אַלמנה, איז געווען פאַרטאָן מיט איר ליבע צו איר פּיזשי, אַזוי האָט געהייסן דאָס הינטל אירס פונעם שיינעם ווייבערישן מין.

פּיזשי איז געווען אַ נערוועזע און אַ שטאַרק אייפערזיכטיקע. זי האָט

געוואַכט און געהיטן איר באַלעבאָסטע ביי טאָג און ביי נאַכט. און זי איז גרייט געווען צו צערייסן אויף שטיקער דעם וואָס האָט געוואַגט אַרויפֿ־לייגן אַ פינגער אויף איר.

דאָס איז געווען אַ גרויסע שטערונג פאַר זייער צוזאַמענלעבן, ווייל דער הונט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער געזעצלעכקייט פון אַ יידישע כתובה.

האָט פאַסירט אַז דאָס ווייב זיינס, די רייכע אַלמנה, איז קראַנק געוואָרן און געמוזט ליגן אין בעט, האָט ער, מאַטל, איר באַדינט, דער־לאַנגט איר צו דער צייט די רפואות, און די מאַלצייטן. און יעדער טאָג אין אַ באַשטימטער שעה זעט מען רב מאַטלען, מיט דער אויסגעהאַפט־טענער יאַרמלקע, און מיט די ציצית פונעם אַרבע־כנפות, גיין איבער דער גאַס האַלטנדיק אַ הינטל ביי אַ צוים, וואָס שלעפט אים צו יעדער בוים, כדי אים צו באַשמעקן פון אַלע זייטן, ביז ער געפינט ענדלעך דעם ריכטיקן ווו ער באַשליסט אים צו באַשענקען מיט דער גרויסער זכיה...

ער ווייסט אַז דאָס מטפל זיין זיך מיט אַ הונט, פאַסט זיך נישט פאַר אַזאַ ייד ווי מאַטל. וואָס קאָן ער אָבער טאָן? אַז זי איז קראַנק, און דער הונט איז ביי איר ווי אַן אויג אין קאָפ. זי זאָגט אַז דאָס איז אַ הונט מיט אַ סך מענטשלעכקייט. אויסער דעם, אַ באַשעפעניש, אַ שטומע צונג, אַ צער־בעלי־חיים, מוז ער דאָך עס טאָן.

נישט ווייט פון אים, אין אַ קליין הייזל, וווינט דאָרט נאָגעט. דאָס איז אַ בלאָנדער, דעליקאַטער און גוט דערצויגענער הונט. אויך די פרוי, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, איז אַ דעליקאַטע און גוט דערצויגענע איטאַליענערין.

די איטאַליענערין איז זייער טיף באַליידיקט געוואָרן און טראָגט זיך אַרום מיט אַ שינאה צו איר יידישן שכן מיט דער יאַרמלקע.

יעדער טאָג ווען די שכנה אירע פלעגט אַרויספירן איר פיזשי אויפן שפּאַציר, איז זי אויך אַריינגעקומען אין איר הויז שמועסן, און אין דער צייט, האָט אין אַנדערן צימער נאָגעט פאַרברענגט מיט איר פיזשי. און ער, דער נייער מאַן מיט דער יאַרמלקע, טוט דאָס נישט.

איז זי אַריינגעקומען צו אים אין הויז און דערציילט אים, אַז צייט די וויזיטן ביי איר זענען איבערגעריסן געוואָרן, ווייל זיין פרוי איז קראַנק, איז איר נאָגעט געוואָרן זייער טרויעריק און אויפגעהערט עסן. דאָס איז פון גרויס בענקשאַפט צו אייער פיזשי, בעט זי אים, אַז ער זאָל געדענ־קען, אַז ביים שפּאַצירן מיט פיזשי אַריינקומען אויך אין איר הויז, ביז די פרוי זיינע וועט געזונט ווערן.

זי האָט גערעדט צו אים זייער העפלעך און זייער רירנדיק, און ער

האָט זיך גשאָקלט בײַ דער וואַנט און נישט געענטפערט קיין וואָרט, נישט אויסגערייט דעם קאָפּ אַפילו.

אַ מענטש וואָס קאָן האַנדלען אַזוי קעגן אַ פרוי, איז פאַרדאָרבן, בעסטיאַליש. און ווײַזט אויס אַז עס איז גערעכט געווען דער וואָס האָט איר אַ מאָל דערציילט שלעכטע זאַכן וועגן ייִדן.

די דאָזיקע העסלעכע אויפפירונג זײַנע איז געוואָרן באַקאַנט אין דער סביבה. און ער, מאָטל, האָט געהאַט פון דעם גרויס צער. און נישט געקאָנט זיך מיט גאָרנישט העלפן.

ער האָט כּסדר געטראַכט:

ווי אַזוי גיט מען צו פאַרשטיין אַ קריסטלעכע איטאַליענישע פרוי, אַז איך האָב צו איר נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט אין מיטן שמונה־עשׂרה?

משוגעים

דער אינסטאַלאַטאָר האָט געאַרבעט בײַם פאַרריכטן אַ צעבראָכענעם וואַסערקראַן. דאָס איז געווען אין אַ שפּיטאָל פאַר גײַסטיק קראַנקע, אין אַ צימער וווּ עס האָבן זיך געפונען בלויז אַ טיש, צוויי שטולן, אַ פאַרקראַטעטע פענצטער און אַ צעבראָכענער קראַן.

קומט אַרײַן אײנער מיט נישט פאַרקעמטע האָר און מיט אַ נאַרישן שמייכל און זאָגט צו אים, אַז דאָ, אין דעם צימער, דאַרף מען נישט קלאַפּן, ווײַל עס שטערט די קראַנקע. דאָ איז אַ שפּיטאָל. איך בין דאָ דער הויפּט־דאָקטאָר, און איך דערלויב אײַך נישט דאָ צו קלאַפּן.

— איך מוז דאָך אָבער פאַרריכטן דעם קראַן.

— אַ שאָד אײַער אַרבעט, מען וועט אים ווידער צעברעכן.

— דאַרף מען אַכטונג געבן.

— אויף משוגעים קען מען אַכטונג געבן?

— וואָס קאָן איך טאָן? מען האָט מיך געהייסן פאַרריכטן...

— ווער האָט אײַך געהייסן? שמואליק?

— איך ווייס נישט ווי ער הייסט.

— אַ הויכער? מיט קליינע וואָנסעלעך?

— יאָ.

— אַ משוגענער.

— ער? אַ משוגענער? וואָס רעדט איר?

— דאָס וואָס איר הערט. איך ווייס דאָך וואָס איך רעד, איך בין דאָך דאָ דער הויפּט־דאָקטאָר.

פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ קול וואָס האָט גערופן אײנעם אַ בלײַפּיש.

— איר הערט? דאָס רופט מען מיך, גאַנצע טעג אַזוי. מען לאָזט מיך נישט אָפּאָטעמען, אַ וווּנדער וואָס מען ווערט משוגע? איך בין דאָך דאָ דער איינציקער וואָס מאַכט די אָפּעראַציעס.

אַ דיקער, אין אַ ווײַס רעקל, איז אַרײַנגעקומען, אײַנגערוימט דעם אײנעם עפּעס אין אויער און יענער איז שנעל אַוועק.

— עס וועט נאָך נעמען אַ סך צײַט אײַער אַרבעט דאָ? — האָט געפרעגט דער מיט דעם ווײַסן רעקל.

— נישט לאַנג, ווער זענט איר?

— איך בין דער דאָקטאָר.

— און דער בלײַפּיש, דער וואָס איז דאָ געווען, ער איז דער הויפּט־דאָקטאָר ?

— ניין, ער איז אַ קראַנקער, אַ גײַסטיק קראַנקער.

— ער זאָגט דאָך אָבער אַז ער איז דער הויפּט־דאָקטאָר.

— ווײַל ער איז אַ משוגענער.

דער אינסטאַלאַטאָר איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און געטראַכט: גיי און ווייס ווער עס איז דאָ דער דאָקטאָר, און ווער דער משוגענער, און ווער עס איז סתּם אַן אינסטאַלאַטאָר.

די לעצטע אַרבעט זײַנע, אויך איבער אַ צעבראָכענעם קראַן, האָט ער געמאַכט אין גאָרטן, אונטער אַ בוים. דערזעט ער פון דער ווײַטנס, ווי איינער אין טונקעלע מלבושים, מיט אַ רער אין דער האַנט, שאַרט זיך אַרויס פונעם בנין, קוקט זיך אַרום אין בײדע זײַטן, און לאָזט זיך גיין.

ווײַזט אויס — האָט ער געטראַכט — אַז אַ משוגענער האָט זיך אַרויסגעגנבעט, און עס קאָן זײַן אַז זײַן פליכט איז איצט צו אַלאַרמירן דעם פּערסאָנאַל. אַזאַ מענטש קאָן דאָך זײַן געפערלעך.

ווען דער מענטש מיט דער רער אין האַנט האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער דערזען אַז דאָס איז יאָסקע, אַ גוטער חבר זײַנער, אַן עלעקטריקער. איז אים די גאַנצע מעשׂה גלײַך קלאָר געוואָרן, און ער פאַרשטייט שוין איצט אַלץ וואָס דאָ איז געשען:

דער יאָסקע האָט זיך געקויפט אַ דירה, פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ, געהאַט גרויסע צרות פון די בעלי־חובות. ער אַליין איז אים אויך דערגאַנגען די יאָרן צוליב אַ חוב וואָס ער איז אים שולדיק געבליבן. לעצטנס האָט ער זיך פאַרקלאָגט פאַר אים און געזאָגט: איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, איך וועל פון זינען אַראָפּ. ווײַזט אויס אַז אַזוי איז טאַקע געשען, און איצט וויל ער נעבעך אַנטלויפן פון שפּיטאָל.

ווען יאָסקע האָט דערזען אַז דער וואָס שטייט אונטערן בוים איז זײַן גוטער חבר איציק, דער אינסטאַלאַטאָר, איז אים קלאָר געוואָרן די גאַנצע מעשׂה:

איצט נישט לאַנג איז ער געווען בײַ מיר אין שטוב און פאַרלאַנגט איך זאָל אים צוריקגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט אים געבאָרגט אויף דער דירה, ווײַל זײַן פרוי דאַרף גיין אויף אַן אָפּעראַציע. „די נערוון מײַנע וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן" — האָט ער דעמאָלט געזאָגט — ווײַזט אויס אַז די נערוון זײַנע האָבן טאַקע נישט אויסגעהאַלטן, און איצט... אַזאַ אומגליק...

דאָס געוויסן האָט אים אָנגעהויבן פּײַניקן, ווײַל — האָט ער געטראַכט

— אַז ער האָט אים גלײַך אויפן אָרט באַדאַרפט צוריקגעבן זײַן געלט, און צוליב דעם, קאָן זײַן, איז ער שולדיק אין זײַן מחלה.

— איציק! דאָס ביסטו! — האָט ער זיך דערנענטערט מיט דער רער אין דער האַנט.

— יאָ, דאָס בין איך — האָט דער אינסטאַלאַטאָר געענטפערט,

— דערוויַיטערנדיק זיך מיט אַ פאַרבאָרגענער זאַך וואָס ער האָט געהאַלטן פון הינטן.

— וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן? וואָס דערוויַיטערסטו זיך אַזוי פון מיר?

— אַז דו קומסט צו מיר מיט אַן אײַזערנער רער...

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן? איך שעם זיך פון דיר אַזעל־כעס צו הערן. וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע זאַך האַלטסטו דאָרט אונטער זיך?

— וואַרף דו קודם אַוועק די רער, וועל איך אַוועקוואַרפן דאָס וואָס איך האַלט אונטער זיך.

יאָסקע האָט אַוועקגעוואָרפן די רער, און באַלד נאָך אים האָט איציק אַוועקגעוואָרפן אַ שווערן פראַנצייזישן שליסל און ביידע האָבן זיך דער־נענטערט איינער צום צווייטן.

— וואָס מאַכסטו, איציק?

— גאַנץ גוט.

— איך מיין אין געזונט.

— גאַנץ גוט, און דו?

— זייער גוט.

— איך מיין אין געזונט.

— הלוואי מײַן גאַנץ לעבן נישט ערגער. אַ מענטש דאַרף דער עיקר שוינען זײַנע נערוון. האָסט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב דיר געזאָגט?

— אָט אָט דאָס טאָקע האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. די אַלע וואָס דו זעסט דאָ אין שפּיטאָל זענען מענטשן מיט צעריסענע נערוון, מען נעמט זיך צו פיל איבער מיט די געלטזאַכן. מאָרגן וועל איך דיר אומקערן דאָס געלט וואָס איך בין דיר שולדיק, וועסטו זיך פילן אַ ביסל לײַכטער.

— חלילה! זאָלסט דאָס נישט דערוועגן צו טאָן. דו ביסט דאָך פאַרשולדיקט פאַר דײַן דירה איבערן קאָפּ. פאַרקערט, איך וועל זיך באַמיִען דיר באָרגן נאָך געלט. מען מוז דאָך דיר העלפן אין אַן עת־צרה.

— איך בין נישט אין קיין עת־צרה. דו קענסט האַלטן דאָס געלט ווי לאַנג דו ווילסט. אַז דו וועסט געזונט ווערן...

— איך בין דען קראַנק?

— ביסטו נערוועז.

איך בין נערוועז?

— וואָס זשע דען טוסטו דאָ אין שפּיטאָל?

— איך אַרבעט דאָ. איך מאַך דאָ אַן עלעקטרישע אײַנריכטונג. זאָרג נישט איציק, איך פֿאַרזיכער דיר אַז דו וועסט געזונט ווערן. איך וועל כאַפּן אַ שמועס מיטן דאָקטאָר, ער איז מײַנער אַ באַקאַנטער.

— וואָס רעדסטו פֿאַר אַ נאַרישקייטן. איך אַרבעט דאָך דאָ אַלס אַן אינסטאַלאַטאָר.

— אַ־אַ־אַ־זוי! איך שעם זיך דיר צו דערציילן, אַז כ׳האָב זיך דערשראָקן פֿאַר דיר.

— איך פֿאַר דיר נאָך מער. אויב אַזוי, יאַסקע, וועסטו מיר מאָרגן אומקערן מײַן געלט, אַזוי ווי דו האָסט צוגעזאָגט. מײַן פֿרוי איז קראַנק, אַן אָפּעראַציע. מײַנע נערוון וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן.

— פֿון וואַנעט וועל איך נעמען מאָרגן געלט? איך בין דאָך פֿאַר־שולדיקט איבערן קאָפּ. איך קאָן דאָך חלילה פֿון זינען אַראָפּ.

— דאָס זעסטו, איז נישט שיין. איצטער אָ האָסטו מיר צוגעזאָגט אַז מאָרגן...

— מיינסט טאַקע אַז איך בין משוגע?!

איר זאָלט אַזוי טרעפן אויף דער לאָטעריע!

די וואָך איז געווען אַ ציִונג פון דער לאָטעריע, און איך האָב געהאַט עלף צעטלען. עלף גוטע יאָר זאָל איך אַזוי האָבן, ווי איך זאָג אײַך נישט קיין ליגנט. טרעפט וויפל איך האָב געוווּנען!

— וואָס הייסט טרעפט? וואָס בין איך, אַ טרעפער?

— איר זענט טאַקע נישט קיין טרעפער. אָבער דאָך. נאָפּשיקלאָד — למשל. וויפל מיינט איר האָב איך געוווּנען?

— גאָרנישט.

— איר זאָלט אַזוי טרעפן אויף דער לאָטעריע! האָב איך באַשלאָסן, און צו מיר אַליין געזאָגט: שוין! גענוג! מער אויף דער לאָטעריע שפּיל איך נישט! איך זאָל אַרײַנבראָקן כּסדר געלט אין לאָטעריע־צעטלען, אַז עמעצער דאָרט פון אונטער די הרי־חושך זאָל אויפגעריכט ווערן מיט אַ מיליאָן? אָ, ניין! און אַז איך זאָג ניין, קענט איר שוין שטעלן דערויף אַ בעטאָנענע געבײַדע. אַ וואָרט בײַ מיר איז נאָך מער פון אַ נדר. נאָר וואָדען? כ׳האָב הײַנט אָנגעטאָן אַ פּאָר הויזן, וואָס איך האָב זיי אַרויס־גענומען פון דער פּראַלניע, ס׳הייסט פון דער וועשערײַ. האָב איך געפונען אין אַ קעשענע אַ צענער־דאָלאַר. אַן אויסגעוואַשענעם און אַן אויסגע־פּרעסטן צענער־דאָלאַר. האָב איך געזען דערין אַ גורל־זאַך. ווײַל ווען די וואָס וואַשן די הויזן וואָלטן דאָס דערטאַפּט, וואָלטן זיי אים צוגענומען און קיין האָן וואָלט קיין קריי נישט געטאָן. אויסער דעם וואַשן זיי נישט פּאַר בחינם. זיי נעמען דערפאַר גוט באַצאָלט. בין איך מחויב פּאַר מײַן געלט צו וואַשן אַמעריקאַנער דאָלאַרן?

אין דעם אַלעם האָב איך אָבער געזען אַ באַשערטע זאַך. אַ ווונק פון ערגעץ, אַז מען דאַרף פאַר די צען דאָלאַר קויפן נײַע צעטלען.

וויל איך — האָב איך געזאָגט דעם צעטל־פאַרקויפער — אַז דאָס מאָל זאָל ער אַליין אויסזוכן פאַר מיר צעטעלער מיט גוטע נומערן. ווײַל עס איז שוין די העכסטע צײַט אַז איך זאָל דערפילן דעם טעם פון זײַן אַ גביר. כאָטש איך בין זיי גאָרנישט מקנא די גבירים. וואָס האָבן זיי, מישטיינס געזאָגט, פון זייער גאַנצער גבירשאַפט? אָבער ס׳איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט. זוכט זשע טאַקע אויס אַ פּאָר גוטע נומערן פאַר מיר.

— ווען איך ווייס — זאָגט ער — וועלכע נומערן זענען די גוטע, וואָלט איך זיי קודם גענומען פאַר מיר.

— איך שטעל זיך פֿאָר אַז איר אַליין ווייסט אויך נישט. פֿון דעסט־וועגן... איר מיסחרט דאָך דערמיט... און אפשר וועט איר סתּם זײַן מזלדיק פֿאַר מיר.

— גוט, אירווילט דווקא... אָט האָט איר שוין די נומערן, און זאָל אײַך זײַן מיט הצלחה.

— און איר זאָלט זײַן געזונט. דאָס געזונט איז בילכער פֿון דער גאַנצער לאָטעריע מיט די מיליאָנען צוזאַמען.

— דאָס וואָס איך זאָג שטענדיק! אַז איידער צו זײַן אָרעם און קראַנק, איז שוין בעסער געזונט און רײַך.

— איר זענט גערעכט, אָבער די נומערן וואָס איר האָט פֿאַר מיר אַרויסגעצויגן, געפֿעלן מיר נישט. פֿילט זיך נישט באַליידיקט, און זײַט נישט בייז אויף מיר. דאָס זענען נישט קיין נומערן. אַזעלכע נומערן וועלן קיין מאָל נישט געווינען. שלימזלדיקע נומערן.

— ס׳איז גאָרנישט געשען. קלויבט אײַך אַליין אויס וואָס פֿאַר אַ נומערן איר ווילט, און האָט נישט צו מיר קיין טענות.

— זאָל עך אַזוי לעבן, ווי איר זענט גערעכט. מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿײַער צו שאַרן. די צעטלען וואָס איך וועל מיר אַליין אויסקלויבן, די וועל איך נעמען. כאָטש מען קאָן מיט זיי אויך נישט זיכער זײַן.

— טוט וואָס איר ווילט, אָבער אַ סוף זאָל עס נעמען! אַ פֿרוי שטייט שוין דאָ אַזוי לאַנג...

— איך באַוווּנדער אײַערע נערוון — זאָגט די פֿרוי — אַזאַ איינעם דאַרף מען זאָגן: גייט געזונטערהייט צו אַל די טײַוול.

— צעדרייט מיר נישט די געדאַנקען, ווײַל איך טראַכט אַז אפשר איז טאַקע כדאי צו נעמען די פֿריִערדיקע צעטלען, וואָס איר האָט פֿאַר מיר אַרויסגעצויגן. פּונקט קאָן אײַנפֿאַלן דעם פֿון דער לאָטעריע, אַז דווקא די צעטלען זאָלן געווינען. דאָס ווײַבל האָט מיר אַזוי צעמישט דעם קאָפּ. איר אײַלט זיך? וועל איך אײַך איבערוואַרטן. איך האָב פֿײַנט כאָפּ לאָפּ.

— גיט מיר אויך אַזאַ צעטעלע — האָט די פֿרוי געזאָגט צום פֿאַר־קויפֿער — געזאָלט האָב איך קויפֿן עפּעס אַנדערש. האָב איך זיך מישב געווען. מײַן נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע. איך פֿאַרשטיי זיך אָבער אין גאַנצן נישט אויף די זאַכן. וויל איך אײַך בעטן אַן עצה, זאָל זיך אײַך דאַכטן אַז איר זענט מײַן טאַטע.

— אײַער טאַטע? איר זענט דאָך שוין „קאַנעהאָרע״...

— כ׳מיין צו זאָגן אַז איר זאָלט מיר ראַטן ווי אַן אייגענער טאַטע.

— איר האָט אַ מאַן?

— אַן אַלמנה, נישט פאַר אײַך געדאַכט.

— ראַט איך אײַך אַז איר זאָלט חתונה האָבן.

— ווי געפינט מען אַ מענטש מיט געלט, וואָס זוכט אַ פרוי וואָס קען קאָכן? קודם וויל איך איר זאָלט מיר ענטפערן וועגן צעטל. וואָס טוט מען אַז עס גייט גאָרנישט אַרויס? ס'קאָן דאָך אַזעלכעס אויך געשען, באַקום איך כאָטש צוריק מײַן געלט? אָדער אַ חלק? גאָרנישט זאָגט איר? איז עס דאָך אַ ראַבונעק.

— קויפט זשע נישט קיין צעטלען.

— וועל איך דערנאָך לייענען אין צײַטונג אַז איינער אַ פריזירער האָט געוווּנען אַ מיליאָן, און איינער אַ שמש פון אַ שול האָט געוווּנען אַ האַלבן מיליאָן. אָט גייט מײַנער אַ שכן, אַ ייִד אַ חכם, אַ ליטוואַק, וועט מען הערן וואָס ער זאָגט דערצו.

— איר קויפט לאָטעריע־צעטלען, רב שכן?

— קיין מאָל נישט.

— פאַר וואָס? מען קאָן דאָך נתעשר ווערן.

— איר ווילט וויסן פאַר וואָס? וועל איך אײַך געבן צו פאַרשטיין: אַז איר נעמט למשל אַ מיליאָן מענטשן, און יעדער איינער גיט אײַך אַוועק זײַן רינגל פונעם פינגער. און איר לייגט אויס די אַלע רינגלעך, אַ מיליאָן רינגלעך אויף אַ פעלד. אין דער הייך פליט אַדורך אַ פייגעלע מיט אַ לויזן מאָגן, פליִענדיק באַפרײַט זיך בײַם פייגעלע דער מאָגן, ווילט איר מיר אײַנרעדן אַז דאָס וועט אַרײַנפאַלן אין מײַן רינגעלע אַרײַן? איצט פאַרשטייט איר שוין פאַר וואָס?

— שוין! רופט אויס דער ערשטער קויפער, איך האָב באַשלאָסן נעמען די ערשטע צעטלען, די וואָס איר האָט פאַר מיר אַרויסגעצויגן.

— עס טוט מיר זייער לײַד ווײַל די ערשטע צעטלען — ענטפערט דער פאַרקויפער — זענען שוין פאַרקויפט געוואָרן דעם ליטוואַק, וואָס האָט געגעבן דעם משל מיט די רינגעלעך.

אַ רפואה צו עצבות

דער דאָקטאָר, אַ באַקאַנטער פסיכיאַטאָר, איז געזעסן אין זײַן פאָטעל און שווײַגנדיק באַטראַכט דעם אָריגינעלן פּאַציענט זײַנעם, וואָס איז געזעסן קעגן אים אויף דער צווייטער זײַט פון זײַן גרויסן טיש.

אַ זעלטענער פּאַציענט איז דער געווען, אַ ייִד וואָס איז שוין אַריבער די מיטלע יאָרן, באָרד און פאות, אַ שוואַרצע זשופּיצע, אַ פּאָר האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אונטער גראָבע ברילנגלעזער, וואָס קוקן צו דער ערד.

— נו — האָט ער אָנגעהויבן, דער דאָקטאָר, מיט זײַן ערשטער שאלה — וואָס האָט איר צו זאָגן? וואָס האָט אײַך צו מיר געבראַכט?

— מײַן אויגן־דאָקטאָר האָט מיך געהייסן גיין צו אײַך.

— ווער איז דאָס דער אויגן־דאָקטאָר אײַערער?

— ער איז אויסער אַ דאָקטאָר, אויך אַ בן־תורה. אַן אָפּגעהיטענער ייִד. פון צײַט צו צײַט, קום איך צו אים, ער זאָרגט אַז די ראיה מײַנע זאָל חס־ושלום... לעצטנס, ווען איך בין בײַ אים געוועזן, האָב איך אים געזאָגט אַז איך לײַד פון עצבות, מרה־שחורה, ס'האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן דאָס חדוות־החיים. האָט ער געזאָגט אַז איך זאָל גיין צו אײַך. ער איז אַ ייִד אַ ירא־שמים, מיט זעלטענע מידות, און דערצו איז ער אויך אַ דאָקטאָר, און אַז ער האָט מיך געהייסן גיין צו אײַך, איז עס דאָך נישט געווען סתם גערעדט. האָב איך אים געהאָרכט און בין צו אײַך געקומען.

— וועגן אײַער עצבות און מרה־שחורה?

— רעיונות, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן. השם־יתברך זאָל העלפן. קיין מענטש לעבט דאָך נישט אייביק, ער בין דאָך נישט קיין יוצא־מן־הכלל... גייט מען צום דאָקטאָר, ער זאָל העלפן ממשיך זײַן ביז משיח וועט קומען. און דערנאָך וועט מען זיך שוין אַליין אַן עצה געבן.

— בײַ דערוואַקסענע מענטשן טרעפן זיך אָפט אַזעלכע זאַכן ווי עצבות. על־פי רוב איז עס צײַטווײַליק. מען ראַנגלט זיך מיט שוועריקייטן. מען ווערט פאַרביטערט. ווי קוקט עס בײַ אײַך אויס מיט פּרנסה?

— מיט די זאַכן פאַרנעמט זיך מײַן ווײַב.

— ווי איז עס טאַקע מיט אײַער ווײַב? זי דערקוטשעט אײַך? נודיעט? דערגייט אײַך די יאָרן? איר קריגט זיך אַרום?

— חס־ושלום! איך רעד מיט איר בכלל נישט.

— פאַר וואָס רעדט איר נישט מיט איר? דעם דאָקטאָר מוז מען דערציילן דעם אמת, אויב איר ווילט אַז איך זאָל אײַך העלפן, טאָרט איר נישט באַהאַלטן פאַר מיר קיין שום זאַך.

— איך באַהאַלט פאַר אײַך גאָרנישט.

— דערקלערט זשע מיר, וואָס הייסט דאָס אַזעלכעס „איך רעד נישט מיט איר"?

— וואָס איז דאָ צו רעדן מיט אַן אשה? שבת, צווישן די זמירות, רעד איך צו איר, איך זאָג איר: לאָמען אַרײַנגעבן די פיש, לאָמען אַרײַנגעבן דאָס פלייש, דעם קאָמפּאָט, טוט זי וואָס מען הייסט איר. עס שטייט געשריבן: אעשה לו עזר כנגדו. איר האָט דאָך אַ מאָל געלערנט אַ פּרשה חומש, דאַרפט איר דאָך דאָס געדענקען. זי איז מײַן עזר כנגדי.

— ווי לאַנג איז שוין נאָך אײַער חתונה?

— זעכצן יאָר בין איך אַלט געווען ווען מען האָט מיך חתונה געמאַכט. דאָס איז שוין אַ קימא־לן פון אַ... דאָס וואָלט גלײַכער געווען צו פרעגן מײַן ווײַב. זי געדענקט גענוי.

— קודם־כל דאַרפט איר אָנהייבן מאַכן ספּאָרט, גימנאַסטיק יעדן טאָג.

— ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

— פּשוט און פּראָסט, לויפן, יעדן טאָג לויפן צען קילאָמעטער.

— אַזאַ זאַך וועל איך קיין מאָל נישט טון. עס וואָלט דאָך געווען אַ חרפּה און אַ בושה. מענטשן וואָלטן געזען דערין אַ בפירושן קלות־דעת.

— איר מוזט דאָך אָבער טאָן דאָס וואָס דער דאָקטאָר הייסט אײַך.

— ווו שטייט דאָס געשריבן? איר מיינט אַז דאָס וואָס דער דאָקטאָר זאָגט, איז תּורת־משה? חוק ולא יעבור?

— אויב איר האַלט אַז מען מוז נישט פאָלגן קיין דאָקטאָר, איז נאָך וואָס זענט איר צו מיר געקומען?

— ווײַל דער אויגן־דאָקטאָר האָט מיך געהייסן.

— אויב איר פאָלגט נאָר דעם אויגן־דאָקטאָר... באַלד! כ'האָב נאָך אַ רפואה פאַר אײַך! און דאָס, מיין איך, איז די פּאַסיקסטע רפואה פאַר אַזאַ פרומען ייִד ווי איר זענט. ס'איז דאָ בײַ אונדז אַ טשעפּלינער רבי, וואָס האַלט אַז מען דאַרף דינען דעם רבונו־של־עולם נאָר מתּוך שׂימחה. אין זײַן בית־המדרש איז תּמיד פריילעך, חסידים טאַנצן, זינגען און זענען פול מיט פרייד. שׂימחת־חיים, ווי איר רופט עס. הייבט אָן גיין יעדן טאָג אין דעם בית־המדרש אַרײַן, ווערט אַ טשעפּלינער חסיד, און דאָס עצבות וועט אַוועק. איר פאַרשטייט וואָס איך רעד צו אײַך?

— איך פאַרשטיי, אָבער איך בין דאָך דאָס דער טשעפּלינער רבי.

ווען נישט ער, גדליה!...

אין די אַמאָליקע יאָרן, אין ירושלים, זענען אויך געווען האָטעלן. נישט אַזעלכע האָטעלן ווי היינט, וואָס האָבן אַ לאָבי, עלעווייטאָרס, און אונטער אַ פּאַלירטער באַריערע בײַ אַ לאַנגן טיש שטייט אַ פלינקער יונגער־מאַנטשיק וואָס רעדט אַ סך שפּראַכן.

פּשוטע פּאַלקסהאָטעלן זענען דעמאָלט געווען. אַ ייִד האָט געהאַט צו זײַן רשות אַ פּאָר צימערן, האָט ער אַרײַנגעשטעלט בעטן, אַרויסגע־האַנגען אַ שילד „האָטעל קלמן", ווײַל דער באַלעבאָס האָט געהייסן קלמן, און געסט זענען געקומען איבערנעכטיקן אַ נאַכט, אַ מאָל אויך טוריסטן. אָבער על־פּי רוב זענען די געסט געווען פון תּל־אָביב און פון אַנדערע ערטער אין לאַנד.

בײַ נאַכט איז דעמאָלט נישט געווען קיין קאָמוניקאַציע מיט תּל־אָביב, אויטאָבוסן, טעקסיס, האָבן בײַ נאַכט נישט קורסירט. ס'קען זײַן אַז דאָס איז געווען דערפאַר ווײַל דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, אַ שמאָלער כּביש וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרום די הויכע קאַסטעל־בערג, און די טיפע טאָלן האָבן אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פּאַסאַזשירן. געווען פאַלן פון פרויען, וואָס האָבן זיך ספּאַזמאַטיש צעשריגן פון שרעק, און מענער האָבן פאַרמאַכט די אויגן פון שווינדלעניש, ווען דער אויטאָ איז געפאָרן בײַם ברעג פון אַ טיפן תּהום. בײַ נאַכט איז דער כּביש נישט באַלויכטן — דעריבער האָבן די מענטשן, וואָס האָבן נישט באַוויזן געווען צוריקפאָרן צו דער צײַט, געמוזט איבערנעכטיקן אין איינעם פון די האָטעלן.

אין דער דעמאָלטיקער צײַט בין איך געווען אין ירושלים, פאַר־ברענגט ביזן שפּעטן אָוונט אין דעם קאַפע־הויז „עטרה". דערנאָך אַוועק אין האָטעל איבערשלאָפן די נאַכט.

דער פּאָרטיער פונעם האָטעל, דאָס איז געווען דער אייגנטימער אַליין, אַן עלטערער מיט אַ יאַרמלקע און אַ גראָ צוגעשוירן בערדל, איז געזעסן בײַ אַ רונד טישעלע אונטער הרב קוקס אַ בילד און דער־זעענדיק מיך אַרײַנקומען, האָט ער געשאָקלט מיט דעם קאָפּ אין דער ברייט. דאָס מיינט צו זאָגן אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ. נישט איז נישט, גייט מען אין אַ צווייטן האָטעל.

אין דעם צווייטן האָטעל האָב איך געמוזט לאַנג קלינגען. די טיר

איז געווען פאַרמאַכט. דער אינעווייניק איז געווען קוים באַלויכטן. האָב איך געקלונגען זייער לאַנג, ביז עס האָט זיך דערהערט אַ שווער הוסטן און איינער אַ פאַרשלאָפענער אין אַ שלאָפראָק האָט געעפנט די טיר און האָט מיר געזאָגט מיט זייער אַ הייזעריקער שטים אַז עס איז בײַ אים איבערגעפולט, אַז ער אַליין שלאָפט אין קאָרידאָר, ווײַל ער האָט אָפּ־געטרעטן זײַן בעט פאַר איינעם אַ שטענדיקן גאַסט. פּרוווט — זאָגט ער — גיין אין אַנדערן האָטעל, אפשר וועט אײַך געלינגען. עס איז אָבער שווער צו גלייבן, ווײַל הײַנט — זאָגט ער — איז אַ קאָנפערענץ אין ירושלים, הונדערטער דעלעגאַטן. און צו דעם איז נאָך הײַנט אַ פאַר־שטעלונג פון דעם „הבימה״־טעאַטער. די שפּילערס און די אַנדערע זייערע מענטשן שלאָפן דאָך אויך נישט אויף דער גאַס, זענען די האָ־טעלן איבערגעפולט, שווער צו גלייבן אַז איר וועט ערגעץ באַקומען אַ פלאַץ. הערט זשע מײַן עצה, גייט אַרײַן אין דעם האָטעל „גדליה״. דער אייגנטימער פון דעם האָטעל הייסט משה גדליה, זייער אַ גוטער מענטש, זאָגט אים אַז איך האָב אײַך געשיקט, און ער וועט פאַר אײַך אויסגעפינען אַן אָרט איבערצונעכטיקן.

משה גדליה איז טאַקע אַ וווילער מענטש, שוין געשלאָפן אין זײַן האָטעל אַ סך מאָל. איך גלייב אַז ער וועט מיך דערקענען. ער איז תּמיד אַ צעשמייכלטער, אַ דיקלעכער.

ווײַזט אויס אַז ער האָט מיך דערקענט. דאָס פּנים איז בײַ אים גלײַך געוואָרן זייער ערנסט און פאַרזאָרגט.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — אין ירושלים — דערקלערט ער מיר — איז הײַנט...

— כ׳האָב שוין געהערט — האָב איך אים גלײַך געענטפערט — אַ קאָנפערענץ, און דער „הבימה״־טעאַטער... און דער האָטעל איז בײַ אײַך איבערגעפולט, און איר האָט נישט קיין פלאַץ. כ׳ווייס אַלצדינג. וועט איר מיר מוזן דערלויבן צו זיצן דאָ אויף אַ שטול איבער נאַכט. גיין איצט זוכן אַן אַנדערן האָטעל, האָט דאָך שוין נישט קיין זין.

— איר וועט נישט דאַרפן זיצן אויף קיין שטול, איר זענט נישט אין סדום. איך געדענק אײַך און איך ווייס ווער איר זענט... איך קאָן זיך נישט דערמאָנען. אָבער איך קען אײַך זייער גוט. איר וועט איבער־נעכטיקן אין אַ בעט. עס דאַרף נאָר נעמען נאָך אַ צען מינוט, ווײַל... איך וועל אײַך דערקלערן, נאָר עס זאָל בלײַבן צווישן אונדז: בײַ מיר שלאָפט איינער וואָס איז אַ שאָפער און אַרבעט נאָר בײַ נאַכט. יעדער נאַכט פאָרט ער אַוועק מיט אַ טראַק, און אַרום צען אין דער פרי קומט

ער צוריק שלאָפֿן. אָט באַלד וועט ער אַרויסגיין צו דער אַרבעט, וועט איר האָבן זײַן בעט, און איר וועט זיך גוט אויסשלאָפֿן.

פּלוצעם איז ער שטיל געוואָרן, אַרויפֿגעלייגט אַ פֿינגער אויפֿן מויל. אַ יונגער מענטש אין אַ לעדערן רעקל איז פֿאַרבײַ, געזאָגט שלום און אַוועק.

— אָט אַ דאָס איז ער, דער וואָס איך האָב אײַך געזאָגט. איצט קומט מיט מיר.

גייענדיק אויף די טרעפּ האָט ער מיר געזאָגט: אין דעם צימער שטייען פֿיר בעטן און עס איז שוין שפּעט בײַ נאַכט, זאָל איך נישט אָנצינדן די עלעקטריע, גיין אויף די שפּיץ נעגל, נישט אויפֿוועקן קיינעם. אַוועקלייגן זיך שטיל און שלאָפֿן.

אין דער פֿינצטער האָט ער מיך צוגעפֿירט צו דעם ליידיקן בעט. אָנשטאָט צו זאָגן מיר „אַ גוטע נאַכט״, האָט ער מיך אַ גלעט געטון איבער דער פּלייצע און אַוועק.

נאָכן דרייען זיך נערוועז אין דעם האַלב-וואַרעמען געלעגער, האָב איך געזען אַז איך וועל בשום-אופֿן נישט קאָנען אײַנשלאָפֿן. נישט דער־פֿאַר ווײַל עמעצער אין דעם פֿינצטערן צימער האָט זיך אומברחמנותדיק צעשנאָרכט, נאָר צוליב אַ פּשוטע ריין מענטשלעכע סיבה, וואָס זי ווערט וואָס אַ מאָל מער דרינגלעכער. בין איך אַראָפּ פֿון בעט, קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען. אין דער פֿינצטער האָב איך קוים געפֿונען דעם שטול מיט מײַן אָנטועכץ און געלאָזט זיך גיין זייער אײַליק צום ענד פֿון דעם קאָרידאָר, צום צימער פֿון די באַקוועמלעכקייטן.

ווען איך בין אַ באַרויִקטער שוין געגאַנגען צוריק געלאָסן, בין איך געבליבן שטיין אַ פֿאַרטראַכטער, ווײַל איך האָב נישט געדענקט פֿון וועלכע טיר איך בין אַרויס. אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט טירן, אויף יעדער טיר איז דאָ אַ נומער, און מיר איז נישט אײַנגעפֿאַלן אַ קוק צו טאָן פֿריִער וואָס פֿאַר אַ נומער עס האָט מײַן צימער.

בין איך געשטאַנען אַ באַרועסער און אַ בייזער אויף די קאַלטע באַלאַטעס און געטראַכט; וועלכע, צו אַלע רוחות, קאָן דאָס זײַן די ריכ־טיקע טיר פֿון מײַן צימער? ווען דער שכן מײַנער פֿון צימער וואָלט נישט אויפֿגעהערט שנאָרכן, וואָלט דאָך די גאַנצע פּראָבלעם זייער לײַכט גע־לייזט געוואָרן. האָט ער — ווי מעשׂה שׂטן — אויפֿגעהערט שנאָרכן, איז גיי און טרעף...

עס ציט אין די פֿיס פֿון די קאַלטע באַלאַטעס און איך צאַפּל פֿון קעלט. אין דעם אײַנציקן לעמפּעלע פֿון דעם קאָרידאָר האָט אויך אָנגע־הויבן צאַפּלען דאָס ליכט, אפֿשר אויך פֿון קעלט.

פון ערגעץ הערט זיך עפּעס אַ קול, ווי פון אַ פאַרשטאָפּטן שופר, ס'רעדט ווער אַזוי פון שלאָף. איך שטעק אַרײַן די האַנט אין דער הויזן־קעשענע און נעם אַרויס אַ לעדערן טעשל אָנגעשטאָפּט מיט באַנקנאָטן. דעמאָלטיקע ענגלישע פונטן. אין מײַן לעבן האָב איך אַזוי פיל געלט נישט געהאַט. ווײַזט אויס אַז אין דער פינצטער האָב איך אָנגעטאָן אַ פּאָר פרעמדע הויזן.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן אַרײַנצוגיין אין אַ טיר, ווײַל די טיר איז געווען נישט אין גאַנצן פאַרמאַכט. דערפאַר איז דאָס נישט פאַרמאַכט — האָב איך געטראַכט — ווײַל איך בין פון איר אַרויס אין אײַלעניש.

אינעווייניק האָב איך גענומען פאַרזיכטיק טאַפּן מיט איין האַנט, אויסגעפינען דאָס ליידיקע בעט מײַנס. בײַם ערשטן באַריר מיט דער האַנט האָב איך אָנגעטראָפן אויף עפּעס אַ ווייכע וואַרעמקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון אַ פרוי וואָס האָט נישט אויפגעהערט שרײַען מיט יאָמערלעכע קולות. אַ קלאַפּערײַ פון טירן. אַ ליכטיקייט צעשטראָמט פון אַלע זײַטן.

איך לויף שנעל אַרויס אינעם קאָרידאָר. נאָך מיר אַ מענגע מענטשן. כאַפּט אים! אַ פאַרגוואַלדיקער! אײַנגעבראָכן זיך אין פרויען־צימער!

— גוואַלד! מײַנע הויזן! שרײַט אַ צווייטער — מײַן געלט! אַ גנב! פּאָליציי! פריִער דאַרף מען אים צעברעכן די ביינער, שרײַט אַן אַנדערער, און איז מיך גלײַך מכבד מיט דעם ערשטן פּליק.

ווען נישט דער באַלעבאָס משה גדליה, וואָס איז געקומען אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַ פולער פּיזשאַמע בויך, אַרויסגעריסן מיך פון זייערע הענט, געשווירן אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש, און עס קאָן נישט געמאָלט זײַן... ווען נישט ער, גדליה, איז ווער ווייסט וואָס עס וואָלט מיט מיר דעמאָלט געשען.

די געשיכטע פון אַ ייִדישן מיליאָנער

ר׳איז געבוירן געוואָרן אין אַ פינצטער געסל, אַ פינצטערע שטוב, ביי אַן אָרעמען שוסטער, אין אַ שטעטל אין פוילן. און ער איז אַזוי דערצויגן געוואָרן, ביי שוסטערייַ.

האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ בעקערס אַ טאָכטער. דער בעקער האָט געהאַט זעקס טעכטער. אַלע קליינע, דיקע און מיאוסע, און איינע פון זיי אַ געשטופלטע. מיט דער געשטופלטער האָט ער חתונה געהאַט.

גערעדט האָט ער דעמאָלט בלויז ייִדיש. דאָס לשון האָט ער נישט אַזוי גוט געקענט, אָבער מען האָט אים פאַרשטאַנען. זי האָט דעמאָלט גערעדט בלויז פויליש. זי האָט דאָס לשון אויך נישט געקענט, אָבער מען האָט זי פאַרשטאַנען.

בייַם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען זיי ביידע אַוועק קיין רוסלאַנד, דאָרט האָבן זיי גערעדט רוסיש, דאָס לשון האָבן זיי נישט געקענט, אָבער מען האָט זיי פאַרשטאַנען.

אין רוסלאַנד האָט ער געאַרבעט ביי זייַן פאַך, שוסטערייַ. זי האָט געאַרבעט ביי איר פאַך, אין אַ בעקערייַ. האָבן זיי געמאַכט אַ לעבן פון טוישן, זיי האָבן זיך געטוישט מיט איינעם אַ רוס, וואָס האָט געאַרבעט ביי קעז און פוטער, און מיט אַן אַנדערן וואָס האָט געאַרבעט ביי וווּרשט. האָבן זיי געהאַט ברויט, פוטער, לעדער, פלייש, פאַר זיך און צום פאַרקויפן. און עס איז זיי גוט געגאַנגען. זייער גוט.

דערנאָך, ווען זיי זענען צוריקגעקומען קיין פוילן, זענען זיי שוין געווען הויך קוואַליפיצירטע געלט־פאַרדינערס. האָבן זיי שוין נישט געהאַט קיין צייַט צו אַרבעטן, און עס איז זיי געגאַנגען נישט שלעכט. דעמאָלט האָבן שוין ביידע גערעדט פויליש. דאָס לשון האָבן זיי נישט געקענט, אָבער מען האָט זיי פאַרשטאַנען.

שפּעטער, אין דייַטשלאַנד, אין אַ פּליטים־לאַגער, זענען זיי אַרייַן אין דער קאַווע־בראַנזשע, זיי האָבן געהאַנדלט מיט אַמעריקאַנער קאַווע און אַמעריקאַנער ציגאַרעטן. פון דאָרט זענען זיי אַוועק, צוזאַמען שוין מיט צוויי קינדער, קיין ישׂראל.

עס איז געווען קורץ נאָך דער באַפרייַונגס־מלחמה. יפו איז נאָך געשטאַנען האַלב פּוסט און פאַרלאָזן, האָט מען זיי דאָרט אייַנגעאָרדנט אין אַ דירה און מיט אַ געשעפט אויף אַ געוועזענער הויפּט־גאַס, דערפאַר

ווײַל ער האָט פאַרשטאַנען צו פאַרזאָרגן זיך מיט אַ פּאַפּיר, אַז ער איז אַן אינוואַליד.

זיי האָבן זיך אײַנגעלעבט אין דער יפוער סביבה, און זיי האָבן דאָרט גערעדט נאָר דײַטש, ווײַל זיי זענען געקומען פון דײַטשלאַנד. דאָס דאָזיקע לשון האָבן זיי אַליין נישט פאַרשטאַנען, טראָץ דעם, האָט מען זיי פאַר־שטאַנען, און עס איז זיי געגאַנגען גאַנץ גוט.

זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. פאַר וואָס? ווײַל ס'האָט אים אויפגעהערט צו געפעלן די מדינה. אין צײַט פון זײַנע וואַנדערונגען, ז'ער געוואָרן אַ גרויסער מבין אויף מדינות. און די מדינה געפעלט אים נישט. ווען די מדינה הערט אים, און טוט דאָס וואָס ער פאַרשטייט, וואָלט עס אים אפשר... אויך ניט געפעלן.

אין אַמעריקע האָט ער זיך פאַרנומען מיט „ריעל עסטעיט" און עס איז אים געגאַנגען... וואָס הייסט גוט? אויסערגעוויינלעך!ביידע האָבן זיי דאָרט גערעדט ענגליש. דאָס לשון האָבן זיי נישט געקאָנט אָבער — מען האָט זיי טאַקע נישט פאַרשטאַנען.

דאָרט, אין אַמעריקע, איז ער געוואָרן אַ פלאַם־פײַערדיקער ציוניסט. איז ער דאָרט געזעסן און געוואָרנט אַז מען זאָל נישט צוריקגעבן די אַראַבער קיין איין סענטימעטער. און ער איז גרייט געווען זיך לאָזן קאָס־טן דערפאַר וויפל עס זאָל נישט זײַן, אָבער נישט צו פיל, כאָטש קיין געלט פעלט אים נישט.

די זין זײַנע, איינער אַ דאָקטאָר, לעבט אין טשיקאַגאָ מיט אַ פרוי אַ יאַפּאַנעריו, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן ווי אַזוי די ייִדן באַגייען זיך מיט די אַראַבער. דער אַנדערער זון, אַ דאָקטאָר אין פלאָרידאַ, און זײַן פרוי אַ מעקסיקאַנישע דיפּלאָמאַטין, דערלויבט נישט אַז איר מאַן זאָל פאַר־בעטן זײַנע עלטערן אויף אַ באַזוך, ווײַל זי קאָן נישט קוקן ווי אַזוי זיי קושן דאָס אייניקל.

געשעט אַן אומגליק און דאָס ווײַב זײַנס ווערט קראַנק און מען קאָן זי נישט אָפּעריִרן... האָט ער אַנגעטרויערט נאָך איר אַזוי פיל וויפל עס האָט אים געסטײַעט. דערנאָך האָט ער אײַנגעפּאַקט צוויי וואַליזעס מיט כּל־טוב, באַהאַנגען זיך מיט צוויי אַפּאַראַטן, איינעם צום פאָטאָגראַ־פירן און דעם צווייטן צום פילמירן, צוויי רינגען מיט בריליאַנטן, צוויי סעטס שפּאָגל נײַע ציין, און איז אַוועק קיין ישראל חתונה האָבן מיט אַ שיינהייטס־קעניגין, וואָס אין ישׂראל דרייען זיך אַרום גענוג אַזעלכע און וואַרטן אויף אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער.

צוויי מאָנאַטן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט מיט די אַנגעהאַנגענע אַפּאַראַטן אונטער אַ ברענענדיקער זון, און נישט געפונען דעם זיווג

זיינעם. אַפּילו דאָס תּימנער מיידל פון טבריה, וואָס האָט אַ בלינדן טאַטן מיט צען קינדער, האָט אויך נישט מסכּים געווען אויפן שידוך.

האָט אים שוין אָנגעהויבן נימאס ווערן, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן אַז דער ציוניזם איז נאָך נישט דאָס וואָס ער האָט געמיינט.

זיצנדיק אין רעסטאָראַן פונעם האָטעל, האָט ער זיך פונאַנדער־געשמועסט מיט אַ פרוי פון ברוקלין, זײַן געגנט, אויך אַ טוריסטקע, אַ יונגע אלמנה אין די עלטערע יאָרן, מיט אַ גרויס פּאַרמעגן, און מיט אַ פּנים וואָס שײַנט מיט אַ פרישקייט פון פאַרשידענע שמירעכצער.

האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז לגמרי נישט באַגײַסטערט פון ישׂראל. זי איז געקומען חתונה האָבן מיט אַ ישׂראלדיקן גענעראַל. זי האָט נישט געוווּסט — זאָגט זי — אַז ישׂראל האָט אַזעלכע שלעכטע גענעראַלן.

ביידע האָבן זיי זיך אויסגערעדט זייערע הערצער, און ביידע האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו פאַרליבן.

זיי זענען שוין לאַנג צוריק אין אַמעריקע. מען האַלט זיי דאָרט פאַר גרויסע מיליאָנערן.

האָט ער ענדלעך מסכּים געווען צו ווערן אַ טוער בײַ ייִדישער קולטור. מען האָט אים באַשאָנקען מיט מער כּבוד וויפל ער האָט דערוואַרט. און ער ווידער האָט זיי באַשאָנקען מיט ווייניקער געלט וויפל זיי האָבן דער־וואַרט. ביז ער האָט געקריגן — ווי מענטשן זאָגן — אַ „נעהאָרע״ און געשטאָרבן.

האָט זי, די אלמנה, אים געשטעלט אַ גלאַנציקע מצבה, אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות, אַז דאָ ליגט דער קולטור־טוער, רעדנער און שרײַבער.

זי אַליין איז גלײַך אַוועק קיין ישׂראל. זי וווינט אין דעם זעלבן האָטעל, און זי האָפט נאָך נתפּעל צו ווערן פון דער ישׂראלדיקער שיינקייט.

דאָס מסופּנדיקע הויז...

דער קאָרידאָר איז זייער אַ לאַנגער, מיט צוויי רייען טירן. דער טעפּעך פאַרטויבט די טריט און העלפט אויפהיטן די שטרענגע שטילקייט. די מענטשן וואָס וווינען דאָרט טוישן די וווינונגען אַזוי ווי אין געהיים, מען ווייסט קיין מאָל נישט ווען מען האָט זיך אַרויסגעצויגן, און ווער עס האָט זיך אַרײַנגעצויגן. צוואַנציק שטאָק מיט צוואַנציק אַזעלכע קאָרידאָרן.

אין דער לאָבי פון דעם הויז האָב איך געפונען אַ טעשעלע, אין דעם טעשל איז געווען אַ מאַנאַטלעכער פּאַס פאַר די שטאָטישע אויטאָבוסן, אַ פּאָר באַקנאָטן, און אַ קאַרטע מיט דעם נאָמען פון דעם בעל־הטעשעלע, זײַן אַדרעס און טעלעפאָן־נומער.

— איר הייסט פליגענפעלד? — פרעג איך אים אָן אין טעלעפאָן.

— יאָ, וואָס ווילט איר? ווער זענט איר?

— איך האָב געפונען אײַערס אַ טעשעלע.

— יאָ, מען האָט עס מיר אַרויסגעגנבעט. איך ווייס אַפילו ווער דער גנב איז.

— ס'קען זײַן אַז איר האָט עס פאַרלוירן.

— נישט איך. דער וואָס האָט עס אַרויסגעגנבעט האָט עס פאַר־לוירן.

— איך האָב עס געפונען, איך וווין אין דער דירה נומער 1924.

— זענען מיר דאָך שכנים. איך וווין צוויי טירן ווײַטער. איך קום שוין צו אײַך.

אַרײַנגעקומען איז אַ הויכער מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, וואָס איז געווען זייער צופרידן וואָס איך רעד ייִדיש, גיך גענומען דאָס טעשל, איבערגעציילט די באַנקנאָטן און געזאָגט צו זיך אַליין: עס שטימט. איך בין זייער צופרידן וואָס איר האָט געפונען דאָס טעשל. אַזוי אַרום האָב איך אויך באַקענט אַ שכן וואָס רעדט ייִדיש. איך וווין שוין דאָ דרײַ וואָכן, נאָך מיט קיין מענטש קיין וואָרט אויסגערעדט. די שכנים דאָ זענען אַזעלכע שווײַגנדיקע. איר וווינט שוין דאָ לאַנג?

— זייער לאַנג.

— און איר זענט צופרידן?

— נישט שלעכט.

— איך בין נישט צופרידן. באַלד אין ערשטן טאָג, ווען איך האָב זיך

אַרײַנגעצויגן, בין איך געפֿאַלן און צעקלאַפּט זיך אַ קני. דערנאָך אַ פֿאַרקילונג מיט אַ ווירוס. איר ווייסט דאָך וואָס אַ ווירוס איז? אַ ווערעמל אַזאָס, אַ קלײנטשיקס, קלענער נאָך פֿון דעם פֿינגער. דערנאָך האָט זיך מיר פֿאַרשטאָפּט די שיסל פֿון קלאָזעט. ס'איז דאָרט אַרײַנגעפֿאַלן אַ וואַלע־נער זאָק. פּופּצן דאָלאַר האָט מיר געקאָסט אויפֿשטאָפּן די שיסל. און איצט האָט מען מיר אַרויסגעגנבֿעט דאָס טעשעלע מיט זעכציק דאָלאַר, אַ נס וואָס איר האָט דאָס געפֿונען.

— דערפֿאַר זענט איר נישט צופֿרידן פֿון דער וווינונג?

— אַוודאי! אַכט יאָר האָב איך געוווינט אין מײַן פֿריִערדיקער וווינונג און אַזעלכע זאַכן האָבן מיר דאָרט נישט פּאַסירט. איך האָב נישט קיין טענה צו אײַך, איר זענט דאָך זיכער נישט שולדיק. זאָגט מיר, פֿון וואַנעט זענט איר?

— אַ וואַרשעווער.

— אַרום וואַרשע זענען געווען קלײנע שטעטעלעך און דערפֿער, מענטשן פֿון דאָרט, האָבן ליב זיך אָנצוגעבן אַלס וואַרשעווער.

— איך בין אַ געבוירענער אין וואַרשע, אויף דער דזשיקע־גאַס.

— און איך בין אַ לובלינער. אַז איר וועט וויסן ווער איך בין, וועט איר זען אַז ס'איז כּדאַי מיט מיר אָנצוהאַלטן אַ פֿרײַנדשאַפֿט. אויף דער גאַס אין לובלין — איר וועט נישט גלייבן — בין איך געווען דער אײנ־ציקער דאַמען־שנײַדער. איר מעגט מיר גלייבן, איך גיי זיך נישט באַרי־מען פֿאַר אײַך. איך קאָן שוין אַרויפֿרופֿן אײנעם פֿון דריטן שטאָק, ער האָט געוווינט אויף אונדזער גאַס, וועט ער אײַך דערציילן ווער איך בין.

— מען דאַרף נישט רופֿן, נאָך וואָס דאַרפֿט איר רופֿן?

— ווײַל איך וויל נישט איר זאָלט טראַכטן אַז איך גיי זיך באַרימען. איך בין נישט פֿון די מענטשן וואָס האָבן ליב צו בלאָזן פֿון זיך. הײַנט בין איך אַליין. מײַן ווײַב איז געשטאָרבן. אַ מאָדנע פֿאָלק די ווײַבער, ווען מען ווערט אַלט, אַ ווײַב קאָן שוין אָנהייבן ברענגען אַ נוצן, מען הייבט זיך שוין אָן נייטיקן אין אַ ווײַב, טוט זי דיר אָפּ אויף טערקיש, שטאַרבט אַוועק, און מען בלײַבט אַליין. אַקעגן דעם, אַז מען האָט אַזאַ שכן ווי איר, איז מען שוין נישט אין גאַנצן אַליין. איר, ווײַזט אויס, האַנדלט מיט ביכער.

— וואָס איז אײַך עפּעס אײַנגעפֿאַלן?

— ווײַל איר האָט אַזעלכע פֿולע שענק מיט ביכער.

— עס האָט זיך אָנגעזאַמלט פֿון יאָרן.

— אַז עס זאַמלט זיך אָן איז טאַקע שווער פּטור צו ווערן. איר ווייסט וואָס איך טראַכט? איך טראַכט אַז איצט, אַז מיר קענען זיך שוין, און

מיר זענען שוין באַפריינדעט, איז כּדאי צו הערן אײַערס אַ מיינונג, אַן עצה. אין יעדער זאַך האָב איך קודם ליב צו הערן יענעמס אַ מיינונג. אַז איך האָב געהערט יענעמס מיינונג, קאָן איך שוין דערנאָך טאָן ווי איך פאַרשטיי.

קודם וויל איך אײַך דערציילן וועגן מײַן חלום, מײַן זיידע איז מיר געקומען צו חלום, און האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל אַרויסגיין מאָרגן פרי און קויפן אַ לאָטעריע־צעטל. באַלד אין דער פרי בין איך אַרויס אין גאַס, כ׳האָב שוין געהאַלטן דעם צעטל אין דער האַנט, גיב איך אַ קוק, מען האָט מיר אַרויסגעגנבעט דאָס טעשעלע. ווען נישט דאָס, וואָלט איך שוין הײַנט געווען אַ מיליאָנער און נישט באַדאַרפט אײַער מיינונג.

אָבער וועגן דעם וואָלט איך יאָ געוואָלט הערן אײַער מיינונג. מען רעדט מיר אַ שידוך אַ גרושה. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַזוי פאַר־ליבט אין מיר אַז זי קאָן אָן מיר נישט לעבן. און איך קען מיך נישט דעצידירן צי איך בין אויך פאַרליבט אין איר, צי נישט. ווײַל זי וויל, אַז איך זאָל איר קודם אָפּשרײַבן... ווײַל — זאָגט זי — צוויי מענטשן, טאָמער חלילה... איינער פון אונדז... לאָמיך כאָטש בלײַבן בײַ עפּעס. וויל איך הערן אײַער מיינונג.

— דאָס דאַרפט איר אַליין פעסטשטעלן.

— כ׳וואָלט שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, וויל זי דאָך אַז איך זאָל איר אָפּשרײַבן...

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר? פון וואַנעט זאָל איך נעמען עצות פאַר אײַערט וועגן?

— ווען איך ווייס פון וואַנעט, וואָלט איך דאָך אײַך נישט געפרעגט. שוין. לאָמיר דאָס שוין אויך אָפּלאָזן. דערציילט מיר עפּעס וועגן ישׂראל. איך וויל הערן וואָס ס׳הערט זיך.

— ישׂראל איז אַ לאַנד וואָס האָט אַ סך פּראָבלעמען.

— אָבער קיין נאַפט האָט זי דאָך נישט!

— איר ווייסט וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איר זענט אַ שווערער מענטש. מען קאָן זיך מיט אײַך נישט אויסשמועסן. איך האָב מורא אַז מיר וועלן שוין נישט לעבן בשלום. איך האָב נישט קיין מזל צו שכנים.

ער איז אַוועק אַ בייזער, און פון דעמאָלט אָן מער זיך נישט געוויזן, אַז ער פלעגט מיך ווען ס׳איז באַגעגענען, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געוואָלט מיך אָנקוקן.

לעצטנס איז ער אַרײַנגעקומען, אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר בייזע אויגן און געפרעגט:

— איר ווייסט נאָך וואָס איך בין צו אײַך געקומען?

— אַז איר וועט מיר זאָגן וועל איך וויסן.

— וויסן, זאָגן, מאַכט אײַך נישט תּמעוואַטע. מען האָט דאָך מיר ווידער אַרויסגעגנבעט דאָס טעשעלע.

— וועגן דעם זענט איר געקומען צו מיר?

— אַוודאי! כ'האָב געזען אַז איר טעלעפאָנירט מיר נישט, אַז איר האָט עס געפונען, האָב איך געטראַכט: וואָס וועל איך וואַרטן? כ'על אַרײַנגיין און פאַרטיק. ווי זאָגט מען? אַז מאַהאָמעד גייט נישט צום באַרג, גייט דער באַרג... ס'הייסט פאַרקערט, אַז דער באַרג... איר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט דאָס.

— דאָס מאָל האָב איך אײַער טעשעלע נישט געפונען.

— איך האָב געוווּסט אַז איר וועט מיר אַזוי ענטפערן. מאָרגן צי איך זיך אַרויס פון דאַנעט, און כ'וועל מער אײַער פּנים נישט אָנקוקן. אין אַזאַ הויז איז אַ סכּנה צו וווינען.

פון אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג

זי האָט אַ שם פון אַ שנײַדערין מיט אַ גוואַלדיקן שנײַדערישן געשמאַק. די רײַכסטע פרויען פון תּל־אָביב, אויך פרויען פון דיפּלאָמאַטן נייען זיך בײַ איר קליידער.

זי האָט אַ ניימאַשין, אַן אייגענע וווינונג, אַ גאַר גרויסן ביוסט און צוויי גאָלדענע פּאַכמעניִשע, אָבער זייער דיקע הענט.

זי וויל חתונה האָבן, שוין יאָרן ווי זי דרייט זיך אַרום מיט אַ שטאַרקן ווילן חתונה צו האָבן. האַלט זי אין איין קלויבן חתנים, און ביז איצט האָט נאָך קיין איינער פון די אַלע חתנים איר נישט אויסגעקליבן.

זי האָט שוין געקאָנט האָבן חתונה געהאַט נאָך מיט אַ צײַט צוריק, האָט זי אָפּגעלאָזט דעם שידוך, ווײַל זי האָט נישט געוואָלט האָבן אַ מאַן אַ בייגל־בעקער. זי וויל האָבן אַ מאַן מיט אַן אינטעליגענט פּאַר, אַ טאַפּעצירער, אַ בריוטרעגער, אָדער אַ פריזירער.

אירע קרובים און פרײַנד האָבן זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן איר חתונה צו מאַכן, ווײַל מען האָט באַשלאָסן אַז ס'איז שוין די העכסטע צײַט... מען האָט געגעבן אַנאָנסן אין צײַטונגען, אַז אַ מיידל מיט אַ גרייטער פּרנסה וויל באַקענען אַן אינטעליגענטן מענטש, בלויז אויף חתונה צו האָבן. אויסער דעם האָט מען געזוכט, און ווי מען האָט דער־שנאַפּט אַ זכר, אַ נישט פאַרהייראַטן, אַן אַלמן אָדער אַ גרוש, האָט מען אים גלײַך באַזאָרגט מיט איר אַדרעס און אײַנגערוימט אים אין אויער, אַז ס'איז אַ גליק־שידוך.

אויף אַ גליק־שידוך זענען דאָ אַ סך בעלנים, האָבן זיי זיך אָנגע־הויבן באַווײַזן אין איר וווינונג.

אַ שעמעוודיקער יונגער־מאַן מיט דינע וואָנסעלעך, וואָס האָט קוים אויסגעשטאַמלט עפּעס אונטער דער נאָז, איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

— יאָ, יאָ — האָט זי אים איבערגעריסן דאָס שטאַמלען — קומט אַרײַן.

זי האָט אים געלאָזט אַ מינוט אַליין, ווײַל זי איז אַוועק איבערשמירן די צוויי האַלבע לבנות פון די דיקע פליישיקע ליפּן און אַרויפכאַפּן אויף זיך דאָס רויטע בלוזקעלע מיטן גרויסן דעקאָלט, און שוין! זי שטייט שוין פאַר אים אַ צעשײַנטע און אַ צעשמייכלטע מיט אַלע שפּאָגל נײַע ציין.

זיצט מען און מען רעדט דערווײַל וועגן וועטער, און ער כאַפּט פון

ציַיט צו ציַיט אַ זיַיטיקן בליק אויף איר, און ער הייבט שוין אָן טראַכטן ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם גליק־שידוך.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון דער פראָנט־טיר, און עס איז געבליבן דאָרט שטיין איינער אַ דיקלעבער מיט אַ זאַט צעשמייכלט פּנים, קליינע שטיפערישע אייגעלער, און אַ ראָזער גלאַנציקער פּליך.

פלינק האָט ער איר דערלאַנגט די האַנט, אויסגערופן זיַין נאָמען, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין איַינלאַדונג, דריַיסט אַריַין אין צווייטן צימער, גליַיך ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן אַלטער איַינגייער. פאַר־געשטעלט זיך פאַר דעם מיט די וואַנסעלער און געשיקט די שניַידערין זי זאָל אים עפּעס מאַכן, וויַיל ס׳חלשט אים דאָס האַרץ.

ביידע מענער האָבן זיך גיך באַפריַינדעט, ביידע זענען זיי פון זעלבן פאַך, שטריקערס. ביידע רייכערן זייער ענערגיש און רעדן פון וואָל, גאָרן און שטריקמאַשינען אָן איבעררײַס! און מיט זייער פיל אינטערעס. און זי, די שניַידערין, איז באַשעפטיקט אין דער קיך, וויַיל דעם מיט דעם פּליך חלשט דאָס האַרץ.

ווידער אַ קלונג, און אין דער טיר שטייט איינער מיט אַ בלאַס פּנים, גרויסע אויגן און אַ פּירקאַנטיק בערדעלע.

זי וואָלט אים זיכער באַשטימט אויף אַ צווייטן טאָג, אָבער דאָס פּנים זיינס האָט איר זייער איבערראַשט און זי האָט נישט געקענט פועלן ביַי זיך אים אָוועקצולאָזן.

— זיַיט באַקאַנט!

צו די צוויי מענער האָט זיך צוגעזעצט אַ דריטער, מיט אַ בערדעלע.

נאָך אַ קורצן אויפהאַלט זענען ביידע מענער, די שטריקערס, אָוועק־געגאַנגען און איבערגעלאָזט אַליין דעם בלאַסן מיט דעם בערדעלע. אויפן וועג האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער שמועס און זיי ביידע האָבן געמאַכט שותּפות אַ פאַבריקל פון טריקאָטאַזש.

דער בלאַסער מיט דעם בערדעלע איז געבליבן דער איינציקער וואָס איז כּסדר געקומען צו דער שניַידערין און געהאַלטן זיך אין איין דער־קלערן אין ליבע צו איר. זי האָט אים דערפאַר געקאָכט קרעפּטיקע יויכעלער מיט הינערשע קאָטלעטן.

דער מיט דעם בערדעלע איז אַ ראַביי פון קאַנאַדע, וואָס דאָס וויַיב זיַינס איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, זי האָט זיך געסמט.

עס איז שוין געוואָרן באַשטימט צו שטעלן אַ חופּה און איבערפירן זיך און זיַינע אַלע זאַכן אין איר דירה אַריַין. האָט ער אָבער באַקענט דאָרט אַ פרוי וואָס איז געקומען אָפּט פּאַסן אַ קאָסטיום. האָבן זיי ביידע

חתונה געהאַט און זענען אַוועק קיין קאַנאַדע און לעבן דאָרט זייער גוט.

ווען מען פרעגט אים:

— ווי אַזוי האָסטו דיר אויסגעפונען אַזאַ שיינע און עלעגאַנטע פרוי?

— פון אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג, — ענטפערט ער גלײַך.

— — —

אַ דאַנק דעם אַנאָנס אין דער צײַטונג, האָט זיך אויך געעפנט אַ פראָספערירנדיקע פאַבריק פון טריקאָטאַזש.

פון דעם קאָן מען טאַקע זען, ווי נוצלעך דאָס איז אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג.

יאַנקעלע פון פוילישן מאַרק...

איך הייב נישט אָן צו וויסן, נאָך וואָס און נאָך ווען זיי דרייען זיך דאָ אַרום. ווען עס קומט מיר אויס פאַרבײַצוגיין דאָס שטיקל טראָטואַר, לעבן דעם רעסטאָראַן אין דעם שאָפּינג־צענטער אין מאָנטרעאָל, זע איך זיי, די מענטשן, שטיין, שמועסן, אָדער גיין מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן הין און צוריק.

— איר הייסט יאַנקעלע, — האָב איך געזאָגט צו איינעם פון זיי, וואָס איך האָב אים דערקענט לויט דער פלאַטשיקער נאָז זײַנער.

— איך הייס דזשעק — האָט ער געענטפערט — נאָר אַ מאָל האָט מען מיך גערופן יאַנקעלע.

— איך רעד דאָך טאַקע פון אַ מאָל, פון תּל־אָביב, פון פוילישן מאַרק.

— אַ־אַ! פון תּל־אָביב! זעסט, ער האָט מיך דערקענט. שוין לאַנג אין מאָנטרעאָל? געמאַכט שוין אַ פּאָר דאָלער? איך האָב פאַר אײַך אַ גאָלדן געשעפט, אַ רעסטאָראַן וואָס אַרבעט בײַ טאָג און בײַ נאַכט. בײַ נאַכט איז דאָרט איבערגעפולט, נישט צו באַקומען קיין פּלאַץ. ווײַל בײַ נאַכט אַרבעטן די קעלנערינס אָן די בלוזקעס. ווען איר נעמט איבער דעם רעסטאָראַן, זענט איר אַ געמאַכטער מענטש, און איר קענט פאָרן ווינטער קיין מיאַמי, און לעבן ווי גאָט אין אָדעס.

איך האָב אויך צו פאַרקויפן אַ בופעט מיט אַ גרויסן שפּיגל און אַכט שופלאָדן, טיקהאָלץ, פון „סקאַנדאַלנאַוויע״, אַ ווילדע מציאה, איך פאַר־קויף עס ווײַל איך גיי זיך גטן מיט מײַן ווײַב. וואָרפט אַרײַן אַ פּאָר דאָלער אָן אַדערויף, איז עס שוין אײַערס. ווען איר וועט דאָס וועלן פאַרקויפן, וועל איך אײַך געבן אַ קונה וואָס וועט אײַך געבן ריווח צוויי מאָל אַזוי פיל. שווער איך אײַך בײַ דעם געזונט פון מײַן טאַטן עליו־השלום. פאַרשרײַבט אײַך מײַן נומער טעלעפאָן און לאָזט מיר וויסן נאָך הײַנט בײַ נאַכט.

— — —

דעם יאַנקעלע האָב איך באַקענט מיט יאָרן צוריק אויף דעם פוילישן מאַרק אין תּל־אָביב. דער מאַרק איז געווען אין אַ קליין געסעלע, אויף דער אַלענבי־גאַס הינטער דער פּאָסט. דאָרט האָט מען געקאָנט קויפן דאָלאַרן, אויסלענדישע אַרײַנגעשמוגלטע אַרטיקלען. אין ישׂראל איז

דעמאָלט געווען אַ שטרענגע באַגרענעצונג אויף פרעמדער וואַלוטע און אימפּאָרטירטע סחורות.

אויף דעם מאַרק האָט מיך איינער פאַרהאַלטן און מיר פּאָרגע־לייגט צו קויפן אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט וואָס האָט זייער אַ סך מעלות און האָט מיר גלייך גענומען אויסרעכענען די מעלות. ווען איך האָב זיך ענדלעך באַפרייט פון אים און געגאַנגען מיין וועג, איז מיר אונטער־געלאָפן אַן אַנדערער, אַ קליינער מיט אַ פלאַטשיקער נאָז, אַנגענומען פאַר דער האַנט און געפרעגט:

— יענער האָט אייך געוואָלט פאַרקויפן אַ ראַדיאָ?

— יאָ.

— און איר האָט נישט געקויפט?

— ניין.

— איר האָט גוט געטאָן. איר זענט אַ מענטש מיט שׂכל. אַ ראַדיאָ קאָן מען נישט קויפן אין גאַס ביי אַ ליאַדע ווען. אַ ראַדיאָ מוז מען קויפן ביי אַ מענטש צו וועמען מען האָט צוטרוי. כ׳בין נישט גערעכט?

— הונדערט פּראָצענט.

— אָט אַזוי! אַ מענטש וואָס פאַרשטייט, אַ מענטש מיט אַן אָפענעם קאָפּ, קאָן מען מיט אים רעדן. איך הייס יאַנקעלע. — האָט ער געזאָגט — איר האָט געהערט פון איינעם יאַנקעלע? שעמט אייך נישט! זאָגט! גייט אַריין אין וואָרשטן־געשעפט, דאָרט זיצט איינער כאַסקל, דער כאַסקל וועט אייך זאָגן ווער יאַנקעלע איז. יאַנקעלען קאָן מען אַנטרויען אַ גאַנצע שטוב מיט בריליאַנטן, קאָן מען זיין זיכער אַז עס וועט כמעט גאָרנישט פעלן. איך האָב פאַר אייך אַ ראַדיאָ, אַ נייעם, אין גאַנצן אַ נייער. זאָל איך קרענקען צי מען האָט אויף אים געשפּילט. אַן אָריגינעלער „שמעטער־לינג״. איר האָט געהערט פון דער פירמע „שמעטערלינג״? גייט אַריין אין דעם וואָרשטן־געשעפט, דאָרט זיצט איינער בעריש, דער בעריש וועט אייך זאָגן וואָס פאַר אַ ראַדיאָ דאָס איז „שמעטערלינג״, בעסער פון אַ פּאַרטעפּיאַן. מיינע נירן זאָלן אַזוי אַרבעטן ווי דער ראַדיאָ אַרבעט. יאַנ־קעלע וועט נישט זאָגן קיין ליגן. ווען איך דאַרף נישט קיין געלט, איך מאַך אַ בר־מיצווה פאַר מיין זון, אַן איין און איינציק יינגעלע, כ׳האָב שוין געדונגען אַ זאַל, ווען נישט דאָס, וואָלט איך אים פאַר קיין מיליאָן אויך נישט פאַרקויפט. איך וועל אים אייך אָוועקגעבן פאַר נאָך ביליקער ווי איר מיינט. איר מוזט אָבער באַשליסן איצט, אויפן אָרט, ווייל מאָרגן ווער איך אַ האָז. איך פאָר אַוועק קיין דייטשלאַנד. דאָס איז נישט קיין לאַנד פאַר יאַנקעלעס ווען.

נאָך אַ לאַנגער צייט בין איך ווידער פאַרביייגעגאַנגען דעם מאַרק,

און דער זעלבער יאַנקעלע האָט מיך ווידער פֿאַרהאַלטן און האָט מיר ווידער געזאָגט דאָס זעלבע וואָס אַ מאָל, ווײַזט אויס אַז ער האָט מיך נישט דערקאַנט. אַ ראַדיאָ, האָט ער געזאָגט, אַ „שמעטערלינג", נאָר אַנשטאָט אַ בר־מיצווה, מאַכט ער דאָס מאָל אַ בת־מיצווה, אַן איין און איינציק מיידעלע, שוין געדונגען אַ זאַל, איר מוזט באַשליסן שוין, איצט, ווײַל מאָרגן בין איך אַ האָז, איך פֿאָר אַוועק קיין דײַטשלאַנד.

פֿון דעמאָלט אָן, אַ סך אַ סך יאָרן פֿאַרבײַ, און יאַנקעלען מער נישט געזען. איצט האָב איך אים געטראָפֿן דאָ, אין מאָנטרעאָל, אויף דעם טראָטואַר, לעבן דעם רעסטאָראַן. ער האָט זיך אַ סך געענדערט. אַ ייִד מיט אַ בויך, אַ האַלב־גראָ בערדל. אָבער איך האָב אים דערקענט לויט דער שטים און לויט דער פּלאַטשיקער נאָז זײַנער.

ער רעדט מיך שטאַרק צו אַז איך זאָל איבערנעמען דעם רעסטאָראַן. בײַ דעם רעסטאָראַן — זאָגט ער — וועט אײַך דער רבונו־של־עולם מאַכן פֿאַר אַ גביר. ווען איך בין נישט פֿאַרבונדן מיט מײַן פֿאַך, וואָלט איך עס אַליין איבערגענומען. מײַן פֿאַך האָט מיר געבונדן די הענט מיט די פֿיס. איך בין אַ חזן אין דער סינאַגאָגע „שומר פּתאים". יאָ, יאָ, אַז יאַנקעלע דערלאַנגט זיי אַ מוסף, מעג זיך דער פּראָפֿעסאָר אײַנשטיין באַהאַלטן. איך בין אָבער געשטראָפֿט געוואָרן וואָס איך קען נישט קיין ענגליש. בעליוו מי, ווען איך קאָן אַ ביסעלע ענגליש, וואָלט איך שוין הײַנט געווען אַ ראַביי אויך, זאָל דער קאָפּ אַזוי לעבן.

אַן אײַנפֿאַל

— שטייט אַ מינוט, אײַלט אײַך נישט, איר וועט גאָרנישט פֿאַרשפּעטי־קן. עס איז מיר טשיקאַווע צו וויסן, פֿון וואַנעט קאָן דער מענטש, וואָס איז איצט אָנגעקומען מיט זײַן אויטאָ, אויסהאַלטן אַ ווײַב מיט דרײַ קינדער און פֿאָרן מיט אַ נײַעם „שווראָלעט״? פֿון וואַנעט? ער אַרבעט בײַ דער רעגירונג, פֿאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, איז פֿון וואַנעט נעמט ער אויף דעם אַלעם?

אַדרבא, זאָגט מיר, איר זענט דאָך נישט קיין נאַרישער מענטש, איר קוקט דאָך נישט אויס צו זײַן קיין אידיאָט, און אפשר... וואָס קאָן מען וויסן? איר פֿאַרשטייט וואָס איך רעד צו אײַך?

אין דער צײַט קומען זיי אַלע אָן, די שכנים, מיט זייערע מאַשינען. און אין דער זעלבער צײַט קום איך אויך אָן איינער אַליין מיט צוויי אויסגעדעפּטשעטע פֿיס. און איך שעם זיך נישט צו זאָגן אַז איך שעם זיך.

זיי קוקן דאָך אויף מיר מיט אַזעלכע רחמנותדיקע שמייכעלער. מען דערלאַנגט מיר אַזאַ מצומצמדיקן שלום, ווי צו אַ געשלאָגענעם וואָס האָט אַפֿילו נישט קיין מאַשין.

אַז איך דאַרף אָפּמשלען אַ מענטשן ווו איך ווין, זאָג איך אים בלויז דעם נאָמען פֿון דער גאַס. אַז איר וועט קומען אויף דער גאַס, וועט איר זיך פֿרעגן ווו עס ווינט דער מיט די ברילן, וואָס האָט נישט קיין מאַשין, וועט אײַך שוין אַפֿילו אַ קליין קינד אויך ווײַזן.

איך שפּיל אויף דער לאָטעריע. פֿיס רופֿט מען עס בײַ אונדז, און אַז דער אייבערשטער זאָל שוין אַפֿילו העלפֿן און עס זאָל אַרויס אויף מײַן צעטל אַ געווינס, קאָן איך מיר אויך נישט קויפֿן קיין מאַשין, ווײַל איך וועל זי שוין נישט האָבן ווו אָװעקצושטעלן. זיי האָבן שוין פֿאַרנומעןביידע טראָטואַרן, און אַ גאַנץ שטיק פֿונעם כּביש.

עס איז מיר אינטערעסאַנט צו הערן וואָס איר זאָגט צו דעם. איר זענט דאָך נישט קיין נאַר, אויב איך האָב נישט קיין טעות.

דאָס אַלץ, מיין איך, קעגן מיר אַליין. אַזאַ מענטש ווי איך, אַ ותיק אין לאַנד. מײַנע פֿאַרדינסטן סטײַען קוים אויף מײַן ערשטן געברויך. דאָס זענען די הוצאות פֿון מײַן ווײַבס פֿריזירער און דער שנײַדערין. מיט אַ פֿאַסטן איז מען הײַנט אויך נישט זיכער, ווײַל סוף־סוף כאַפּט מען בײַ דער האַנט. וויל איך עפּעס מאַכן. איר פֿאַרשטייט? מאַכן עפּעס וואָס... אויפֿטאָן עפּעס.

— וואָס זשע ווילט איר מאַכן?

— זעסט, ער פרעגט גאָר מיך. ווען איך ווייס וואָס צו מאַכן, וואָלט איך דאָך איצט נישט געשטאַנען און מיט אײַך גערעדט. איך רעד מיט אײַך ווײַל... לאָמיר זאָגן אַז איר זענט אַ קלוגער מענטש. וויל איך וויסן פון וואַנעט נעמען די אַלע אידיאָטן, בהמות, אָקסן, אַזוי פיל שׂכל?

נעמט, למשל, דעם מיסטער ווייסער, דאָס איז דער שוואַרצער וואָס האָט אַ בלאָנדע פרוי מיט אַ געל יינגל. דאָס יינגל האָט זי נישט פון אים. פון אים האָט זי אַ פּוטער מיט אַ „מערצעדעס״.

איר קאָנט אים נישט? דאַרף מען נישט. איינס וויל איך אײַך זאָגן, אַז דער גאַנצער ווייסער ווייסט גאָרנישט. יעדער איינער מיינט אַז דער מיסטער ווייסער איז אַ גרויסער ווייסער, אַ נעבטיקער טאָג. אָבער ער האָט שוין אַן אייגענע באַנק. וואָס דען האָט איר געמיינט, אַ שפּײַזגעוועלבל? וויל איך וויסן פון וואַנעט.

— טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסן. ווי אַזוי האָט ער דאָס געמאַכט?

— זעסט, ער פרעגט שוין ווידער מיך. ווען איך ווייס, מאַך איך עס דאָך פריִער פאַר אים. און פאַרשפּאָר צו שטיין איצט און שמעסן מיט אײַך. ווי זאָגט די וועלט? אַז מען האָט — האָט מען. און אַז מען האָט שוין איז שוין גוט? און דאָס עגמת־נפש וואָס מען האָט פון דעם וואָס מען האָט, איז גאָרנישט?

זענען טאַקע דאָ מענטשן וואָס טוען נאָר דאָס וואָס זיי האָבן ליב, וואָס איז זיי צום האַרצן. און זיי לעבן זיך שטיל און צופרידן. און עס אַרט זיי נישט וואָס זיי זענען קבצנים. און די קבצנים זענען גוטע מענטשן, טײַערע מענטשן.

דער וואָס ווױנט אונטער מיר איז אַ מאָלער. פאַר זײַנס אַ בילד קאָן מען נעמען צען טויזנט דאָלאַר. עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן אַז מען קאָן נעמען נאָך מער. האָט ער אָוועקגעשאָנקען זײַנס אַ בילד פאַר אַן אַנשטאַלט פון בלינדע. וואָלט אַ גביר אויך אַזעלכעס געטאָן?

די פּשוטע מענטשן, די נאַראָנים, אַרבעטן זיך אַרויף. אַ ייִד אַ בלאָ־כאַרזש, וואָס האָט געהאַנדלט אויף דער בערזע, האָט פאַרקויפט זײַן געוועלב פון גרינצײַג און אָפּגעקויפט אַ גאַרבערײַ אין אַ קעלער, געעפנט דאָרט אַ פאַבריק פון פראַנצייזישן פאַרפום און מאַכט זייער גוט.

די נאַראָנים האָבן שׂכל. מײַנער אַ באַקאַנטער האָט געלערנט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, געקריגן אַ סטיפּענדיע און אַוועק קיין אַמע־ריקע, צוריקגעקומען מיט דרײַ דאָקטאָראַטן און געעפנט אַ פאַבריק פון דאַמען־מאַנטלען, און אַלע מײַנע גוטע פרײַנד נישט ערגער.

אַז מען לערנט קאָן מען. און אַז מען קאָן, ברענגט עס אַ נוצן.

באַלד נאָך דער מלחמה איז אָנגעקומען אַהער אַ ייִד פֿון פּוילן, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאַטעפֿאָן אויפֿן בויך איבער די געשעפֿטן אין תּל־אָביב און געשפּילט, האָט מען אים אומעטום עפּעס געגעבן.

„אַ נס איז מיר געשען" — האָט דער ייִד געזאָגט — וואָס איידער איך בין אַרויסגעפֿאָרן קיין ישׂראל האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ ביסל מוזיק, אַנישט וואָלט מיר אויסגעקומען אַרומצוגיין איבער די הײַזער.

הײַנט זעט מען אים שוין נישט, דעם דאָזיקן ייִד, ס'קען זײַן דערפֿאַר, ווײַל דאָס פֿאַך האָט זיך דאָ נישט אָנגענומען. איך גלייב אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט.

איך האָב דאָ מײַנס אַ שטאַטישן, הייסט ער פּיניע. יאָרן האָב איך אים נישט געזען. אַנומלט קומט ער צו גיין און דערלאַנגט מיר אַ ביכל וואָס הייסט „צעריסענע האָריזאָנטן". אויף דעם ביכל שטייט אויפֿגע־שריבן זײַן נאָמען, פּיניע פֿליגנזאַפּט. דאָס הייסט אַז פּיניע איז געוואָרן אַ דיכטער.

זאָג איך צו אים: „פּיניע קרוין, דאָס וואָס דו הייסט זיך באַצאָלן פֿאַר דעם ביכל, מילא, כ'וועל זיך מיט דיר נישט דינגען. אָבער איך גלייב נישט אַז דו זאָלסט מיט די 'צעריסענע האָריזאָנטן' קאָנען זיך צו עפּעס דערשלאָגן". שמייכלט ער אַזוי ווי עס וואָלט אים אַפֿילו גאָרנישט געאַרט. וואָס גייען מיך אָן זײַנע האָריזאָנטן? אַזוי ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט מען.

אַ מענטש דאַרף קודם־כּל זאָרגן פֿאַר זיך אַליין. נישט בלויז מיט אײַך, נאָר מיט אַ סך מענטשן האָב איך שוין גערעדט. און מען זאָל עס אַ מאָל הערן פֿון עמעצן אַ קלוגע זאַך? אַן עצה, אַ געדאַנק ווי אַזוי מען מאַכט דעם ערשטן שריט צו אַ שטיקל קאַריערע אין לעבן. און איר אַליין האָט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם?

— יאָ! איך וועל אײַך זאָגן, און צו דער זאַך, קודם־כּל אַן אײַנפֿאַל, מען דאַרף אָנשטרענגען דעם מוח און אַרײַנטראַכטן אַזוי לאַנג, ביז מען געפֿינט דעם ריכטיקן אײַנפֿאַל. אָן אַ גוטן אײַנפֿאַל וועט איר גאָר־נישט קאָנען אויפֿטאָן.

— האָב איך דאָך שוין אַרײַנגעטראַכט. דער מוח איז מיר שוין צעפּלאַצט געוואָרן פֿון טראַכטן. איך בין דאָך שוין געוואָרן אַזוי פֿאַר־צווייפֿלט, אַז איך האָב זיך שוין געוואָלט אויפֿהענגען!

— דאָס — זעט איר — איז אויך נישט קיין שלעכטער אײַנפֿאַל.

אין אַ ישׂראלדיקער תּפֿיסה

אַ שמועס צווישן צוויי אַרעסטאַנטן

— לויט ווי דו קרעכצסט, זע איך דאָך ווי איך קוק אויס, אַז דאָס איז די זעלבע מעשׂה.

— דו אויכעט?

— אַ שיינע פֿראַגע, אונדזער ס׳גאַל מענטשן האָבן נישט קיין מזל, אַזוי ווי דו כאַפּסט זיך צו עפּעס צו, איז באַלד פּאָליציי און תּפֿיסה. דו זיצסט שוין דאָ לאַנג?

— צײַט בעגין מיט דעם ליכּוד איז געקומען צו דער מאַכט.

— און פֿריִער?

— פֿריִער בין איך געזעסן בײַ גאָלדען, דערנאָך בײַ פּערעסן. אָבער ס׳איז די זעלבע זאַך, די קאַפּיטאַליסטן און די סאָציאַליסטן, ביידע צוויי קבצנים. און פֿאַר וואָס זיצסטו?

— ווײַל איך האָב מיר געעפֿנט אַ געשעפֿט פֿון בריליאַנטן אויף דער דיזענגאָף־גאַס.

— מיט אַ שותּף?

— מיט אַ נאָכגעמאַכטן שליסל.

— אַ געפֿערלעכע גאַס די דיזענגאָף, מ׳קען דאָרט אַרײַנכאַפּן אַן עין־הרע, צו פֿיל מענטשן, אָבער אַז דער אייבערשטער העלפֿט.

— זיכער דאַרף מען האָבן בטחון. אָן בטחון קאָן מען גאָרנישט אויפֿטאָן. אַנומלט איז מיר געווען שלעכט, וואָס הייסט שלעכט? ביטער! וואָס טוט גאָט? גנבע איך אַ טעשל מיט דאָלאַרן פֿון אַ טוריסט, און דער אייבערשטער האָט אויך געהאָלפֿן, אַז זיי זענען נישט געווען קיין פֿאַלשע. ווער איז דאָס דער וואָס שטייט דאָ?

— אַ דאָקטאָר, עס איז אים, ווײַזט אויס, עפּעס נישט געלונגען.

— בײַ אַ קראַנקן?

— בײַ אַ געזונטן.

— דערפֿאַר שטייט ער, ווײַל ער זיצט.

— דו ביסט נאָך אַ גרינער. די אַלע מענטשן וואָס דו זעסט דאָ, זיי שטייען, גייען, אָבער זיי זיצן.

— איך בין אַ מאָל געזעסן אין בעלגיע, דאַרף איך בענטשן גומל,

וואָס איך בין אַרויס פון דאָרטן אַ לעבעדיקער, בלויז גויים, אַנטיסעמיטן איינס בײַ איינס. דאָ זיצט מען דאָך צווישן אייגענע.

— טאָקע אייגענע, אָבער...

— וואָס אָבער? גייסט שוין קריטיקירן די מדינה? ווײַז מיר נאָך איין אָרט אין דער וועלט וווּ אַ ייִד זאָל קאָנען זיצן אַזוי פרײַ און דעמאָ־קראַטיש ווי דאָ. אַוודאי זענען דאָ אויך פּאַראַן זאַכן וואָס ברענגען נישט קיין כּבוד. כ׳האָב אַ מאָל באַגעגנט בן־גוריונען אין אַמעריקע, האָב איך זיך באַגראָבן פאַר בושה. אַ פּרעמיער־מיניסטער! אַ מלך! זאָל נישט האָבן קיין איין און איינציקן דאָלאַר אין דער קעשענע?

— אַן אָרעם לאַנד, און ס׳דאַרף אויסהאַלטן אַ גרויסע אַרמיי.

— ישיבה־בחורים.

— האָסט שוין אַן אַדוואָקאַט?

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק. אַז דאָ איז וויכטיקער פּראָטעקציע.

— דאָס איז דאָס איינציקע מיטל אויפצושטעלן אַ מענטש וואָס זיצט.

— איך האָב דאָ אַ פעטער, איז ער אַ גאַנצער מאַכער אין די פינאַנסן.

— איז דאָך זייער גוט.

— זיצט ער דאָך שוין דרײַ חדשים. האָב איך דאָ נאָך אַ פעטער. אַ וויכטיקער מענטש.

— יעדער אומוויכטיקער מענטש וואָס האָט געלט, האַנדלט ער זיך אײַן אַ ביסל וויכטיקייט און ווערט אַ גאָר וויכטיקער מענטש.

— ער האָט נישט קיין געלט. ער איז אַ לערער.

— אויב ער האָט נישט קיין געלט, איז דער קאָפּ זיינער נאָך לערער פון דעם לערער.

— פון די היצן, אַ הייס לאַנד, אַ פרוי האָט מיר דערציילט אַז זי האָט אָוועקגעלייגט אַ פיש אויף צוויי וואָכן צײַט, האָט זי אים דערנאָך געמוזט פאַרקויפן, ווײַל מען האָט אים שוין נישט געטאָרט עסן. און אין אַזעלכע היצן דאַרף מען רעדן עברית.

— אַן עברית זיצט זיך דאָ אויך גאַנץ גוט.

— ווען איך אָבער קאָן עברית, וואָלט איך דאָך דאָ געוואָרן אַן אַקטיאָר. אין דער תּפיסה דאָ מאַכן די אַרעסטאַנטן טעאַטער־פאָרשטע־לונגען. זיי האָבן דאָ גאַנץ גוטע שפּילערס. די ראָלע פון אַ באַנק־דירעקטאָר האָט געשפּילט אַ קעשענע־גנב. די ראָלע פון אַ צדיק האָט געשפּילט דער וואָס האָט געשטאָכן זײַן ווײַב. און די אומשולדיקע יתומה האָט געשפּילט די וואָס האָט געהאַט אַ פריילעך הײַזל. נו? איז נאָך

פאַראַן ערגעץ אין דער וועלט אַזאַ דעמאָקראַטישע מדינה ווי ישׂראל?

— לויטן געזעץ האָט יעדער ייִד דאָס רעכט צו זיצן אין ישׂראל. אַפילו אַ גנב.

— בין איך דאָך.

— זיצסטו דאָך.

— אָבער צווישן ייִדן. מען זאָרגט דאָ פאַר אונדזער געזונט, ס'איז דאָ געזעסן אַ גנב מיט אַ קראַנק האַרץ, האָבן זיי אים איבערגעפלאַנצט אַ נײַ האַרץ, און ער איז געוואָרן געזונט און שטאַרק, אַ נײַ־געבוירענער מענטש.

— יאָ, אָבער איצט זיצט ער שוין ווי אַ נײַ־געבוירענער מענטש.

— ווען וועט מען שוין אָנהייבן אויסטיילן דאָס ביסל עסן?

— ביסט הונגעריק? מען גיט דיר דאָ ווייניק צו עסן?

— איך עס צו ווייניק, ווײַל איך האָב מורא אַז ס'איז נישט כּשר.

— פאַר דעם דאַרפסטו נישט מורא האָבן, אויף די זאַכן זענען דאָ גוטע פאַרזאָרגערס, מען פאַרזאָרגט אונדז אַפילו מיט אתרוג בענטשן אין סוכּות, מצה שמורה אויף פּסח, אַפילו די גויים עסן דאָ מצות אין פּסח. מען האָט דאָ אַנומלט אײַנגעזעצט אַ געשאָסענעם אַראַבער.

— ביסט משוגע? אַ געשאָסענעם קאָן מען אײַנזעצן?

— מען האָט אים געשאָסן מיט גומענע קוילן.

— נישט צום פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך אַלץ אָפּ. בײַ נאַכט קאָן מען נישט שלאָפן ווײַל מען שנאָרכט, אין דרויסן וויינען די שאַקאַלן, און פאַר טאָג, מ'קען שוין כאַפּן אַ דרימל, וועקט דיך אויף אַ האָן וואָס קרייעט פון ערגעץ.

— דער וואָס שנאָרכט איז נעבעך גאָרנישט שולדיק, ער ווייסט דאָך נישט אַז ער שנאָרכט, די שאַקאַלן וויינען אויפן חורבן בית־המקדש. דער האָן איז דער איינציקער חוצפּהניק וואָס רעדט זיך אײַן אַז ער וועט מאַכן אַ קאַריערע מיט זײַן סאָפּראַן. מײַן עצה איז אַז דו זאָלסט דיר אויסגעפינען אַ פּרײַ צימער אין אַ נערוון־קליניק. איך פיל זיך שוין זייער מיד.

— איך אויכעט.

— קאָן מען זיך דאָך אַ ביסל צולייגן.

— אַוודאי, מען קאָן דאָך זיצן ליגנדיק.

אַן אַלטער גוטער פריַינד

איך בין אַ מאָל אויפגעצוווּנגען געוואָרן פון מײַנע נאָנטע צו גיין אין סינעמאַ.

דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק אין תּל־אָביב. עס האָט געזאָלט זײַן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך גוטער פילם, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט וועגן דעם גערעדט. נאָר איך בין געווען דערצו גלײַכגילטיק, און דער פילם איז מיר געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע. בין איך בלית־ברירה געגאַנגען זען דעם פילם, ווײַל מען האָט עס פאַרלאַנגט פון מיר, און ווײַל עס איז געלעגן פאַר מיר אַ צוגעגרייטער בילעט.

דער קינאָ־טעאַטער פילט זיך אָן מיט מענטשן. דער ליידיקער פאָטעל לעבן מיר איז אויסגעפילט געוואָרן דורך אַ קליינער דיקער פרוי, וועלכע האָט אויסגעשטאָפּט דעם גאַנצן שטח פונעם פאָטעל אַרויסלאָזנדיק פון ביידע זײַטן אַ ווייכן איבערפלוס, וואָס דער פאָטעל האָט שוין בשום־אופן נישט געקענט אַרײַננעמען אין זיך. אויף ביידע אָנלענס האָט זי אַוועקגעלייגט די קורצע דיקע הענט מיט טונקל־רויטע נעגל, און פאַר־שפּרייט אַרום זיך אַ ריח פון שמעקנדיקע זייף.

— איר האָט שוין געזען דעם פילם? — ווענדעט זי זיך פּלוצעם צו מיר.

— ניין.

— זייער אַ גוטער פילם. דער פילם האָט באַקומען אַזאַ... מעדאַל, ווי הייסט דאָס, פאַרגעסן ווי מען רופט עס. איר האָט זייער גוט געטאָן וואָס איר זענט געקומען זען דעם פילם, איך זע אים שוין צום דריטן מאָל.

מיט דעם האָט זי געענדיקט, וואַרטנדיק מיסתּמא אויף מײַן המשך.

איך האָב פאַרזיכטיק געוואָנדן דעם בליק אין איר זײַט און איך האָב געזען שוואַרץ־גלאַנציקע שיטערע האָר, אײַנגעלייגטע אין באַזונדערע שרונטן, און פון צווישן זיי קוקן אַרויס נאַקעטע שטיקער קאָפּ. איין בינטל האָר אַן אויסגעדרייטס ווי אַ פראַגע־צייכן ליגט צוגעפּלאַטשט צום שטערן. צוויי ליפּן ווי רויע הינערישע לעבערלעך, געלע בלומען פון פּלאַסטיק צוגעקליפּסט צו די אויערן. אויף איר ברוסט, ווי אַ שטענדער, ליגט אַ בּרעלאָק, איבער אים הענגט אַ גוידער.

— ווי שפּעט איז איצט אויף אײַער זייגער? — פרעגט זי מיר ווידער.

נאָך דעם ווי איך האָב איר געזאָגט ווי שפּעט ס'איז אויף מײַן זייגער, האָט זי מיר גלײַך געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך אַכט מינוט צום אָנהייב.

— פּאָר אָזעלכע מענטשן ווי מיר זענען, איז אַ פילם אַ גוטע זאַך, נישט אמת? — האָט זי אַרײַנגעשמייכלט מיר אין פּנים אַרײַן מיט אַ פּאָר גאָלדענע ציין.

— וואָס מיינט איר דערמיט „פּאָר אָזעלכע מענטשן ווי מיר זענען"?

— איך מיין פּאָר אָזעלכע מענטשן ווי מיר, וואָס האָבן נישט קיין פאַמיליען־לעבן.

— פון וואַנעט ווייסט איר אַז איך האָב נישט קיין פאַמיליען־לעבן?

— פאַרלאָזט אײַך אויף מיר, איך האָב אַן אויג. איך קען זיך אויס אויף מענטשן, אויסער דעם האָט מען מיר דערציילט וועגן אײַך. אַ מענטש טאָר נישט זײַן אַליין. מען דאַרף אָבער אין אַזעלכע זאַכן זײַן פּאַרזיכטיק. איך בין נישט גערעכט? מען לייגט מיר פּאָר שידוכים מיט אינטעליגענטע מענטשן. איינער פון זיי אַן אָנגעזעענער מענטש. יעדער איינער אין תל־אָביב קאָן אים. איר מוזט אים אויך קענען. איר זענט געווען אין דעם טעאַטער ווו מען שפּילט אַ שטיק פון שעקספּיר?

— אין וועלכן טעאַטער?

— אין דעם העברעיִשן טעאַטער, אַ שטיק פון שעקספּיר.

— יאָ, כ'בין געווען, ער שפּילט דאָרט אין דעם שטיק?

— ניין, ער איז דער וואָס קאָנטראָלירט די בילעטן. אַ שיינער מענטש, מען מוז אָבער זײַן פּאַרזיכטיק. ווי זאָגט דאָס ווערטל: נישט אַלץ וואָס בלישטשעט איז גאָלד.

— אָוודאי, עס קאָן אויך זײַן אַן עלעקטריש לעמפּל.

— אוי, אוי, אוי, כ'האָב נישט קיין כּוח צו לאַכן. אַן עלעקטריש לעמפּל האָט ער געזאָגט, כ'וועל דעם וויץ דערציילן מײַן שכנה, וועט זי זיך צעשיטן פון געלעכטער. וואָס איז אײַער טוען?

— אַ פרײַע פּראָפעסיע.

— אָבער אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל גלייבט איר דאָך?

— יאָ.

— איז שוין נישט געפערלעך. פאַר וואָס רייכערט איר? דאָס איז דאָך סם־המוות. אַזאַ מענטש ווי איר דאַרף האָבן ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן. אין אַזאַ היץ דאַרפט איר נישט טראָגן אַזעלכע שווערע וואָלענע הויזן. פון וואַנעט זענט איר? איך בין אַ וואַרשעווערין. איר זענט אפשר אויכעט פון וואַרשע? כ'האָב געטראָפן?

— יאָ.

— שטאַמט איר דאָך פון פּוילן.

— ס׳קען זײַן.

— וואָס הייסט, ס׳קען זײַן? איך קען אַ סך וואַרשעווער וואָס שטאַמען פון פוילן.

— אין וועלכער געגנט — פרעג איך זי — האָט איר געוווינט אין וואַרשע?

— איך האָב געוווינט אין וולאָדאַווע.

— איר האָט דאָך געזאָגט אַז איר זענט אַ וואַרשעווערין.

— ווי ווײַט איז דען וולאָדאַווע פון וואַרשע?

אין דער פינצטער הער איך ווי זי עפנט אַ שלאָס פון אַ בײַטל, אַ גערויש פון פּאַפּיר. פּלוצעם שטופּט זי מיר אַרײַן אין האַנט אַ גראָב שטיק קוכן.

— עסט, עסט, ס׳איז מיט ראָזשינקעס. היימיש געבעקס. פּאַר וואָס ווילט איר נישט עסן? איר פילט זיך נישט גוט?

— יאָ.

— איר פילט זיך יאָ גוט?

— ניין.

— דער קאָפּ?

— יאָ.

— דאָס איז עס! דאָס וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, מען טאָר נישט זײַן אַליין.

— איך בין נישט אַליין, איך האָב אַ פאַמיליע, אַ פרוי.

— איך שטעל מיר פאָר וואָס פאַר אַ לעבן איר האָט מיט אײַער ווײַב, אַז איר אַנטלויפט און זעצט זיך אַוועק איינער אַליין אין אַ קינאָ. איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער אַז מען גט זיך. און וואָס שנעלער איז אַלץ בעסער. אַזעלכע זאַכן טאָר מען נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן. פון דעם יונגוואַרג דאָ, קאָן מען אויך באַקומען קאַפּוויטיק. יענע וואָך איז געזעסן דאָ אַ פּאָרל, איז אַ חרפה און אַ שאַנד צו דערציילן וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. דאָס מיידל און דער בחור... איך שעם זיך אײַך צו זאָגן.

די פיס מײַנע האָבן זיך, ווי פון זיך אַליין, אויפגעשטעלט און גענומען שפּרײַזן צום אַרויסגאַנג.

— ווּהין לויפט איר? — האָט זי מיך נאָכגערופן און נאָך עפּעס האָט זי געזאָגט וואָס איך האָב שוין ניט באַוויזן צו הערן.

— — —

פרויען מיט ווײַסע טשעפּיקלעך אויף די קעפּ באַדינען די קונים אין אַ געשעפט פון געבעקס אין מאָנטרעאָל. איינע פון די פרויען וואָס האָט

מיך באַדינט, האָט זיך אַ ביסל לענגער פֿאַרהאַלטן בײַ דער שאַנק פֿון ברויט.

— איך האָב אויסגעפֿונען פֿאַר אײַך — האָט זי געזאָגט — אַ גוט אויסגעבאַקן ברויט, אַזוי ווי פֿאַר מײַנס אַן אַלטן גוטן פֿרײַנד. איר געדענקט מיך נישט? איר זענט דאָך אַ וואַרשעווער!

— יאָ, ריכטיק, אָבער...

— געלאַסן געלאַסן, וועל איך אײַך דערמאָנען. מיר האָבן זיך באַפֿרײַנדעט אין תּל־אָביב, אין אַ סינעמאַ, איך בין אויך אַ וואַרשעווערין.

— יאָ! פֿון וואָלאָדאָווע! איך דערמאָן זיך שוין.

זייער שווער געווען זי צו דערקענען. זי האָט הײַנט אַ ראָז צעקנייטשט פּנים. אַ קאָפּ מיט גאָלדענע גלעקלעך און גרויסע פּאָרצעלײַענע ציין אָנשטאָט די גאָלדענע. די אויגן אײַנגעריסט מיט בלאָ. אָבער דאָס איז זי! הונדערט פּראָצענט!

— מען קען דאָ אויסגיין פֿון לאַנגווײַליקייט — זאָגט זי — מיר ביידע דאַרפֿן זיך טרעפֿן. ס'קען אַ מאָל עפּעס אַרויסקומען פֿון דעם. נישט ווילנדיק קענען מיר זיך ביידע פֿאַרליבן.

אַ יידישע צײַטונג קומט צו ניץ

אין אַ שטאָט ערגעץ אין אַמעריקע, וווּ עס האָבן געלעבט אויך אַ ביסל ייִדן, איז דאָרט אַ מאָל געווען אַ ייִדישע טאָגצײַטונג אין אַן אייגענעם לאָקאַל. אַן אַדמיניסטראַציע־צימער, אַ רעדאַקציע־צימער, אַן אַנאָנסן־צימער. אויף יעדן צימער איז געווען אַן אויפשריפט, אַז דער אַרײַנקומער זאָל וויסן וווּהין צו גיין.

פון די אַלע צימערן איז הײַנט געבליבן נאָר איין צימער, איין טיש. בײַם טיש זיצט איינער וואָס רעדט זייער שנעל. ער איז דער רעדאַקטאָר, דער אַדמיניסטראַטאָר, דער קאָרעקטאָר, דער בוכהאַלטער, און אַז מען דאַרף צורויִמען... איז... וואָדען? אַ ברירה האָט ער?

און דער דאָזיקער רעדאַקטאָר באַמיט זיך צו מאַכן די צײַטונג וואָס אינטערעסאַנטער, ווײַל די לייענערס פאַרלאַנגען אַן אינטערעסאַנטע צײַטונג.

אָבער וואָס קען ער טאָן? אַן אומרויִקע וועלט פול מיט סענסאַציאָנעלע געשעענישן, רעוואָלוציעס, מען שיסט, מען ברענט, און דאָ איז ער אַ מענטש איינער אַליין! קיין אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָט ער נישט. און דער גרעסטער טייל פון די אַרטיקל שרײַבערס, שרײַבן צו לאַנגע זאַכן, נישט דערפאַר ווײַל זיי ווילן פאַרנודיען דעם לייענער, חלילה! און דעם קאָמיטעט קומט אַן שווער איבערצוצײַגן דעם עולם, אַז אַ צײַטונג מיט ייִדישע אותיות איז מחויב צו דערשײַנען כאָטש איין מאָל אַ וואָך.

— — —

אין דער רעדאַקציע איז אַרײַנגעקומען איינער אַ הויכער, אַ ברייט־צעוואַקסענער מיט גראָבע ליפּן. און ער האָט געזאָגט אַז זײַן ברודער איז דער פּרעזידענט פון דער „ברכי נפשי"־סינאַגאָגע, און ער וויל אָפּדרוקן אַן אַנאָנס אין צײַטונג, צו דער ערשטער יאָרצײַט נאָך זײַן ווײַב.

— פון מײַן ברודער האָט איר דאָך געהערט. דאַרפט איר דאָך שוין וויסן מיט וועמען איר רעדט.

— זיכער — ענטפערט דער רעדאַקטאָר — גיט אַהער דעם טעקסט.

— וואָס זאָגט איר זאָל איך אײַך געבן?

— דעם טעקסט. דעם תוכן פון דעם נעקראָלאָג.

— מיט אַזעלכע ווערטער ווי איר רעדט צו מיר, איז שווער אײַך

צו פֿאַרשטיין. איר ווילט עס אָנרופֿן נעקראָלאָג? גוט! כ׳וועל דאָך מיר נישט גיין קריגן מיט אײַך איבער יעדן וואָרט. אָבער...

— אַ רגע... איר ווילט אַרײַנגעבן אין צײַטונג אַ נעקראָלאָג. גוט... זאָל זײַן אַן אַנאָנס, וועגן דער ערשטער יאָרצײַט נאָך אײַער גאָטזעליקער פֿרוי.

— עקזאַקטלי! דאָס האָב איך טאַקע געמיינט: גאָטזעליקע!

— האָט איר עס דאָך מן־הסתּם אויפֿגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר.

— ניין! איך בין נישט קיין שרײַבער. און ווען איר גיט מיר איצטער אַ מיליאָן, שווער איך אײַך בײַם געזונט פֿון מײַן גאָטזעליקער פֿרוי אַז... וואָס איז דאָס וויכטיק? בעליוו מי, אַז שנײַדערײַ איז אַ בעסערער פֿאַך. איך וויל אַז איר אַליין זאָלט עס אָנשרײַבן, ווײַל איר האָט אַן אויסגעשריבענע האַנט.

— פֿון וואַנעט וועל איך וויסן וואָס איר ווילט שרײַבן?

— איר וועט זיך צוהערן וואָס איך דערצייל אײַך, וועט איר וויסן וואָס צו שרײַבן.

— זי, מײַן ווײַב, איז געווען מײַן איין און איינציקע פֿרוי. קיין נדן האָט זי נישט געהאַט, האָבן מיר חתונה געהאַט אויס ריינער ליבע. זי איז געווען זייער אַ קאַפּריזנע. פּלוצעם איז איר אײַנגעפֿאַלן צו ווערן אַן „עליו־השלום״ און מיך געלאָזן אַליין. און יעדן טאָג מוז איך מיר אַליין צושטעלן אַ טעפּל מיט אַ ביסל פּערל־גרויפּן. איך בין פֿול מיט בענקשאַפֿט נאָך מײַן גאָטזעליקער פֿרוי, איר גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט איז נישט צום באַשרײַבן. וויל איך אַז איר זאָלט דאָס אַלץ באַשרײַבן. אויך דאָס וואָס איז נישט צום באַשרײַבן. זי איז געווען ערלעך, געלעבט נאָר מיטן אמת. איך רעד אַלץ וועגן אַ מאָל. ווײַל וועגן הײַנט ווייס איך פֿון איר גאָרנישט. און איך וויל אַז איר זאָלט דאָרט אַרײַנגעבן אַ פּאָר ווערטער פֿון סידור און פֿון חומש. ווײַל זי איז געווען אַ צדיקת.

— עס וועט זײַן אין אָרדענונג. איך וועל דאָס אַלץ קאָנדענסירן און אַכטונג געבן עס זאָלן נישט אַרײַנפֿאַלן קיין אַרכאַיִזמען.

— איך פֿאַרשטיי שוין ווידער נישט וואָס איר רעדט צו מיר. מיר האָבן אַזוי פֿיל גוטע און קלאָרע ייִדישע ווערטער, מוזט איר דווקא אויסזוכן אַזעלכע ווערטער וואָס קיינער פֿאַרשטייט זיי נישט, און איר אַליין אויך נישט. מילא, אַז איינער איז אַ געלערנטער, האָט ער נעבעך נישט קיין אַנדערע ברירה... אין מײַן נעקראָלאָג זאָלן אַזעלכע ווערטער נישט זײַן, ווײַל עס באַליידיקט.

— פֿאַרלאָזט אײַך אויף מיר. איך וועל עס מאַכן אַזוי אַז עס וועט זײַן פֿאַר איר אַ גרויסער כּבוד, און איר אַליין וועט אויך הנאה האָבן.

מיר מוזן שוין ענדיקן, ווײַל מען קען נישט לאָזן אַ פרוי וואַרטן צו לאַנג. איר זעט דאָך ווי אַ פרוי שטייט די גאַנצע צײַט אין קאָרידאָר און...

— יאָ. איך זע. וועגן דער פרוי האָב איך אײַך טאַקע געוואָלט עפּעס פרעגן. ווער איז זי? איר קענט זי?

— זי איז אַן אָנשטענדיקע פרוי, אַן אַלמנה. יעדער יאָר, אין דער צײַט, קומט זי אין רעדאַקציע אָפּגעבן אַ נעקראָלאָג צו איר מאַנס יאָרצײַט.

— זי האָט אַ גוט פּנים, אַ לײַטישע פיגור, אויף אַזאַ פרוי איז דאָך אַ רחמנות. לעבט אין איינזאַמקייט. זוכט מן־הסתּם מיט וועמען חתונה צו האָבן. גיט איר אַ פרעג וועגן די דאָזיקע זאַכן. טוט מיר אַ טובה. ס׳קען זײַן אַז עס זאָל עפּעס אַרויסקומען דערפון.

— איך בין אַ רעדאַקטאָר, נישט קיין שדכן.

— אַ רעדאַקטאָר דאַרף אויך אַ מאָל טאָן אַ מיצווה. און בײַ שדכנות קען מען אויך גאַנץ שיין פאַרדינען. וואָס האָט איר דאָ אײַנצוּשטעלן? יאָ יאָ, ניין ניין. פריִער וואָלט איר געדאַרפט איר זאָגן ווער איך בין. אַז מײַן ברודער איז דער פּרעזידענט פון דער „ברכי נפשי״־סינאַגאָגע, און אַז איך פאָר יעדן ווינטער קיין מיאַמי. און כ׳האָב אַ מאָדערנע קאַר פון לעצטן יאָר. וועט זי זאָגן יאָ, איז גוט, וועט זי זאָגן ניין, וועט איר אַרײַנגעבן דעם נעקראָלאָג אין צײַטונג אַרײַן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען.

דער רעדאַקטאָר וואָס האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גלײַכע זאַך האָט צונויפגעפירט ביידע און געלאָזט זיי שמועסן אַליין.

בײַם אַוועקגיין האָט דער מאַן אין דער טיר געוויזן דעם רעדאַקטאָר, מיט אַ באַוועגונג פון ביידע הענט, ווי ער וואָלט דורכגעשניטן די לופט, וואָס דאָס האָט באַדײַט אַז מען דאַרף שוין נישט דעם נעקראָלאָג.

אויסער דאָס שדכנות, האָט ער געגעבן אַ בײַשטײַער פאַר דער צײַטונג, מיט אַ צושריפט, אַז אַ יידישע צײַטונג איז אַ נויטווענדיקייט!

נאָך אַ קורצער צײַט איז ער ווידער געקומען אין רעדאַקציע אַ נערוועזער.

— איר געדענקט — האָט ער געזאָגט — ווען איך בין געקומען צו אײַך וועגן אַ נעקראָלאָג פאַר מײַן גאָטזעליקער פרוי?

— יאָ, איך געדענק.

— איצט בין איך אײַך געקומען זאָגן אַז איר זאָלט אים אַרײַנגעבן, דעם נעקראָלאָג, אויף דער ערשטער זײַט. איך האָב זיך געעגט!

גוט־מאָרגן, הער דאָקטאָר!

דאָס איז געווען אין אַמאָליקן ארץ־ישׂראל. קיין גרויסע לוקסוס־האָטעלן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. און אַ ייִד וואָס האָט געהאַט ערגעץ ווו אַ הײַזקע, אַ פּאָר ליגשטולן, אַ ביסל נאַטור, און אַ ווײַב אַ בריה, וואָס האָט געקענט קאָכן, האָט זיך געמאַכט אַ פּענסיאָנאַט פאַר די תּל־אָביבער וואָס אַנטלויפן זומער פון די היצן.

טאָקע אין די סאַמע גרויסע היצן בין איך אַוועק אין אַזאַ פּענסיאָנאַט, וואָס האָט געהאַט אַ וואַלד פון צוואַנציק ביימלעך אויסגעמאַטערטע פון די היצן, מיט אַ פּאָר ליגשטולן, און תּמיד איז דאָרט אַ קילע לופט ווען ס'איז נישט הייס.

מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַז אַ פרוי, איינע פון די געסט, פאַלט אַוועק אין חלשות. ווערט אַ טומל, אַלע געסט לויפן זיך צונויפן, און קיינער טוט גאָרנישט.

אַ פרוי מיט אַן אַשקאָליר־פּנים, און מיט אַ ווײַסער נאָז, זיצט און חלשט מיט צוויי רויטע געשמינקטע ליפּן. מענטשן שטייען אַרום איר אין אַן ענגן קרײַז, יעדער זאָגט עפּעס אַנדערש, און אַלע רעדן צונויפן.

האָב איך זיך אַדורכגעריסן דורך דעם עולם און אויסגענוצט מײַנע מעדיצינישע קענטענישן, וואָס איך האָב דערגרייכט ווי אַ שטענדיקער לייענער פון די מעדיצינישע ענטפערס אין צײַטונג.

קודם־כּל האָב איך דערווײַטערט דעם עולם, כּדי די לופט זאָל ווערן פרײַ. דערנאָך האָב איך די פרוי אַוועקגעלייגט אויף דעם גראָז און זי איז געקומען צו זיך.

נאָך דעם איז זי צו מיר צוגעקומען און מיך באַדאַנקט. און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַ געזונטער מענטש, נאָר נאָכן נעכטיקן מיטאָג איז איר עפּעס געבליבן ליגן אונטערן האַרץ. איצט פילט זי זיך שוין בעסער, אָבער נאָך ווײַט נישט גענוג גוט.

האָב איך זיך דערמאָנט אין די טאַבלעטן צו מאָגן־אויפלייזונג, וואָס מײַנער אַ פרײַנד האָט מיר געבראַנגט פון אויסלאַנד, און איך האָב איר געגעבן אַזאַ טאַבלעט.

נאָך אַ שעה איז זי צוריקגעקומען אַ פריילעכע, אַ טאַנצנדיקע, און זי האָט אויסגערופן הויך אויפן קול, פאַר אַלעמען:

„איר זעט דעם מענטש״ — האָט זי אָנגעוויזן אויף מיר — „ער האָט מיך געזונט געמאַכט!״

עס זענען פאַרבײַ אַ פּאָר טעג. דער ענין איז פאַרגעסן געוואָרן. דאָס לעבן פון פּענסיאָנאַט איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער פּאַרע פון דער קיך, און ווען נישט די פליגן, וואָלט מען אויסגעגאַנגען פון לאַנגווײַליקייט.

מאַכט זיך ווידער אַ מעשׂה. צוויי פרויען זיצן אונטער אַ בוים און זיי שמועסן. און איך ליג אויסגעצויגן אויף מײַן ליגשטול און הער זיך צו צו זייער שמועס.

עס וואָלט נישט געווען קיין אויפטו אָפּצורוקן זיך מיט מײַן שטול פון דעם פּלאַץ, ווײַל אין וועלכער זײַט איך וואָלט זיך נישט גערוקט, וואָלט איך געמוזט זיך אונטערהערן צו אַן אַנדערן שמועס. און פון וואַנען בין איך זיכער, אַז יענער שמועס איז אינטערעסאַנטער פון דעם? בין איך געבליבן אויף דעם זעלביקן אָרט. הער איך ווי איין פרוי רעדט:

„דאָס סוועגדזשעניש אויפן פוס מאַכט מיר דעם טויט. עס בײַסט מיך און איך קראַץ אַז איך ווער משוגע״.

„פאַר וואָס גייסטו נישט פרעגן אַ דאָקטאָר? — פרעגט זי די צווייטע.

„שוין געווען בײַ צוויי דאָקטוירים. אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט. ווען איך קען באַקומען עפּעס אַ רפואה, וואָס זאָל מיך באַרויִקן, וואָלט איך באַצאָלט דערפאַר וויפל מען וויל״.

האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ פּרעפּאַראַט קעגן הויט־אָנצינדונגען. אַ ישׂראלדיקע אויסאַרבעטונג פון רמת־גן. זומער, אין די גרויסע היצן, האַלט איך עס תּמיד מיט זיך.

די פרוי האָט גערן אָנגענומען מײַן פאָרשלאָג. נאָך דעם פאַל מיטן טאַבלעט, וואָס האָט אַזוי גיך געזונט געמאַכט אַ מענטשן, איז דער צוטרוי צו מיר געוואָרן זייער גרויס. די פרוי האָט אָנטבלויזט איר פוס און איבערגעגעבן אים צו מײַן באַהאַנדלונג, צוויי מאָל אין דעם זעלביקן טאָג, און מיט גרויס דערפאָלג.

צו מאָרגנס איז דער גאַנצער האָטעל אויפגעקאָכט געוואָרן. די פרוי האָט גערעדט מיט אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם. און אַלע געסט, צוזאַמען מיט דעם בעל־הבית, האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

„בײַ די גרעסטע דאָקטוירים בין איך געווען!״ — האָט זי אויסגערופן — „און קיינער האָט מיר נישט געקענט העלפן. און דער מענטש״ — האָט זי אויסגעצויגן אויף מיר אַ לאַנגן פינגער — „מיט צוויי באַהאַנד־

לונגען האָט ער פון מיר אַוועקגענומען די מחלה, אַזוי ווי מיט דער האַנט".

אַלע האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט דרך־ארץ, און מען האָט מיך אָנגעהויבן רופן „הער דאָקטאָר". „גוט־מאָרגן, הער דאָקטאָר?"

וויפל מאָל איך האָב דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין דאָקטאָר, און איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין דאָקטאָר — איז ווי גערעדט צו דער וואַנט! פאַרקערט, וואָס מער איך האָב זיך באַמיט זיי איבערצוצייַגן, אַז איך בין נישט קיין דאָקטאָר, אַלץ מער האָבן זיי באַקומען יִרְאת־הכּבוד פאַר מיר. זיי האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ לאַמעד־וואָווניק, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער און איז געגאַנגען אין וואַלד אַרייַן האַקן האָלץ.

„אויב איר זענט נישט קיין דאָקטאָר, מעג דער גרעסטער פּראָפעסאָר פּוצן בייַ אייַך די שיך!" — האָט אויסגערופן די פרוי בקול רם, אַז אַלע זאָלן הערן.

מילא, פאַרפאַלן, וואָס קען איך טאָן? די פּאָר טעג וואָס איך האָב נאָך צו זייַן, וועל איך שוין מוזן זייַן אַלס דאָקטאָר.

— — —

דער בעל־הבית מיט איינעם אַ פּאַרשוין קומען צו מיר אין מיטן דער נאַכט, און זיי ווענדן זיך צו מיר מיט דעם לשון:

„הער דאָקטאָר, שלעפט, זייַט מוחל, אויף אייַך אַרויף די הויזן שנעל. מען דאַרף גיין ראַטעווען אַ מענטשן!"

וואָס ווילט איר פון מיר? איך שווער אייַך, אַז איך בין נישט קיין דאָקטאָר. איך בין פון אַ גאָר אַנדער פאַך.

„פּרובירט אייַך נישט אַרויסדרייען — זאָגט דער צווייטער — מייַן טאַטע ראַנגלט זיך אין גסיסה. ס'איז סכּנות־נפשות. מען האָט אים שוין צוויי מאָל אָפּערירט".

אָבער וואָס קען איך העלפן? איך האָב נישט קיין שייַכות צו מע־דיצין, איך בין נישט קיין דאָקטאָר!

זיי האָבן זיך לאַנג געראַנגלט מיט מיר. מען האָט מיר געוואָלט באַצאָלן פאַרויס פאַר דעם וויזיט. מען האָט מיך געוואָרנט, און איך בין נישט געגאַנגען.

צו מאָרגנס האָבן מיך צוויי יונגען אַזוי צעבמאַלעט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. די קלעפּ האָב איך אַרייַנגעכאַפּט דער־פאַר, ווייַל איך בין שולדיק אין דעם וואָס דער ייִד איז געשטאָרבן. און מענטשן האָבן געזאָגט: „אַ מיצווה. אַ שאָד וואָס מען האָט אים דער־לאַנגט אַזוי ווייניק!"

אין אַ צווייטער נאַכט האָט מען ווידער אַ מאָל געקלאַפּט אין מײַן טיר. וואָסי? אַ פרוי גייט שווער צו קינד. מען דאַרף האָבן הילף, און מען ווייסט שוין אין דער גאַנצער געגנט, אַז איך בין אַ גוטער דאָקטאָר.

האָב איך זיך אָנגעטאָן און כ'בין געגאַנגען. וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? נישט גיין? וועט מען מיך שוין דאָס מאָל דערהרגענען צום טויט.

גלײַך מיט דעם פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז די פרוי האָט געבוירן אַ צווילינג. און די באָבע פון דעם צווילינג איז געקומען מיך אײַנלאַדן אויף דעם דאָפּלטן ברית.

איך האָב געזען, אַז אויב איך וועל זיך נישט אָפּטראָגן באַצײַטנס פון דאַנען, קען זיך די מעשׂה זייער מיאוס ענדיקן... ווײַל איך האָב שוין געהערט, אַז אין דעם דאָרף איז פאַראַן אַ קראַנקער מיט אַ געוויקס אויפן מוח. און מען האָלט שוין אַז נאָר איך זאָל אַדורכפירן די אָפּעראַציע. האָב איך גענומען מײַן וואַליזע און געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן.

„וווהין לויפט איר? — פאַרשטעלט מיר דער בעל־הבית דעם וועג — וואָס גייט איר טאָן? איר גייט מיר חרוב מאַכן מײַן געשעפט? איך וועל אײַך נישט אַוועקלאָזן פון דאַנעט! עס קומען איצט אַ סך נײַע געסט. זיי קומען צוליב דעם, ווײַל אין מײַן פּענסיאָנאַט איז דאָ אַ באַרימטער דאָקטאָר!“

אַן אַנטלאָפּענער

אַ תּל־אָביבער אויטאָבוס, אויסגעשטאָפּט מיט מענטשן, אַז די טירן פֿאַרמאַכן זיך קוים. דער שאָפער בכבודו־ובעצמו זיצט אין סאַמע פראַנט, אַן אומעטיקער, אַ פֿאַרטרויערטער, אפשר צוליב די דעפּיציטן פֿון דער אויטאָבוס־געזעלשאַפט. ער נעמט געלט, רײַסט בילעטן, גיט אַ רעשט, שטעלט איבער די גענג, קערעוועט מיט דעם סטירינג, וואַרפט סיגנאַלן. ברעמזט מיט די פיס, קריגט זיך מיט די פּאַסאַזשירן, פּוצט זיך די ברילן און גראַבלט זיך די ציין.

אין אַזאַ אויטאָבוס האָב איך מיר אָפּגעפונען אַ פרײַען פּלאַץ, אַ שטייפּלאַץ פֿאַר איין פוס. דעם צווייטן האָב איך געלאָזן אויף הפקר, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף איינעמס אַ שוך.

דאָס שכנותדיקע פנים וואָס איז געהאַנגען קעגן מיר איז געווען פֿון אַ ייִד מיט אַ זייער לאַנגער נאָז. אָבער איך האָב מיך גראָד אָנגע־האַלטן אַן דער ניקלנער רער אויבן, און עס איז זיך געפֿאָרן גאַנץ לײַטיש.

אַ פרוי שטופּט זיך אַרײַן אין אויטאָבוס. אַ גוט אַנטוויקלטע פרוי. שווער צו זאָגן אַז זי איז אַ שיינע פרוי. אפשר בין איך נישט קיין מבין אויף שיינקייטן, און אפשר, ווען זי איז אַ ביסל שענער, וואָלט איך שוין יאָ געווען אַ מבין. נאָכן אַדורכקוקן דעם אויטאָבוס אין דער גאַנצער לענג, האָט די פרוי פֿאַרהאַלטן דעם בליק אירן אויף מיר און שוין. אַזוי איז ער שטיין געבליבן. זי האָט אים שוין מער נישט אַוועקגענומען.

ביסלעכווײַז האָט זי זיך צו מיר דערנענטערט. זי איז שטיין געבליבן גאַנץ נאָענט און דער בליק אירער, ווי געווײנלער, אויף מיר.

— איך דערקען אויף אײַך, אַז איר פילט זיך שוין בעסער — האָט זי אָנגעהויבן — איר זעט שוין אויס אַ סך בעסער. עס דריקט אײַך נאָך אַזוי אין קאָפּ.

— איך מיין, מאַדאַם, אַז איר האָט אַ טעות. איר האָט מיך פֿאַר־טוישט פֿאַר עמעצן אַנדערש.

— איך האָב אײַך נישט פֿאַרטוישט. איך ווייס ווער איר זענט. אָבער איר פילט זיך שוין בעסער? הע? מען דערקענט אויף אײַך. פֿאַר צוויי וואָכן האָט נאָך בײַ אײַך געפֿינטלט דאָס אויג. און אַ ברעם האָט אײַך געציטערט. מײַנע שונאים געזאָגט, ווי איר האָט אויסגעזען. הײַנט „באַר־כעשעם", קיין „איינהאָרע". פֿאַר וואָס אַנטלויפט איר אַלע מאָל פֿון

שפּיטאָל? פאַר וואָס האָט איר נישט קיין געדולד צו זײַן אין שפּיטאָל ביזן סוף? אַז מען זאָל שוין וויסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איר זענט אַן אויסגעזיילטער.

— וואָס פאַר אַ שפּיטאָל? ווער איז אַנטלאָפן פון אַ שפּיטאָל? איר האָט אַ טעות.

— שוין, שוין. ער הייבט שוין אָן מיט זײַנע שטיק. איך האָב דאָך אים פריִער געטראָפן אין גאַס, אײַער ברודער. מען זוכט דאָך אײַך אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט. פאַר וואָס זענט איר אַנטלאָפן פון שפּיטאָל? זיצט! זעצט אײַך אַוועק. איר זענט דאָך נאָך נישט אין גאַנצן געזונט. יונגער־מאַן — האָט זי זיך געוואָנדן צו איינעם אין אַ באַטלדרעס מיט וואָנצעס — זײַט אַזוי גוט, הייבט אײַך אויף און גיט דעם מענטשן דעם פּלאַץ.

— ווילֹ איך נישט — האָט יענער געענטפערט — ער קאָן שטיין אַזוי גוט ווי יעדער אַנדערער. — געהערט אַ לשון? הייבט אײַך אויף און גיט אים דעם פּלאַץ!

די פרוי איז צו צו דעם בחור, אײַנגערוימט אים עפּעס אין אויער. יענער איז געוואָרן זייער ערנסט און פרײַ געמאַכט דעם פּלאַץ פאַר מיר.

— איך וויל נישט זיצן. פאַר וואָס עפּעס דאַרף איך זיך זעצן? ס'שטייען דאָ עלטערע מענטשן פון מיר. פּרוּוען. פאַר וואָס עפּעס?...

— זיצט! — רופט ער אויס, דער בחור, און נעמט מיך אָן פאַרן אָרעם — ס'איז נישט געזונט צו שטיין אין אַזאַ ענגשאַפט. זעצט אײַך אַוועק און מאַכט נישט קיין סקאַנדאַלן אין אויטאָבוס.

— וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלן? איך מאַך סקאַנדאַלן? וואָס גייט מען מיר אײַנרעדן סקאַנדאַלן? כ'וויל נישט זיצן! כ'וועל נישט זיצן! וואָס פאַר אַן אָנטשעפעניש? אַ חרפּה און אַ בושה. מען קוקט דאָך שוין אויף מיר פון אַלע זײַטן. ווער ווייסט וואָס די מענטשן טראַכטן וועגן מיר.

— שוין — רופט אויס די פרוי — לאָזט אים אָפּ. ער וויל נישט, איז נישט. מיט כּוח דאַרף מען נישט. מאַכט אויף אַ ביסעלע ס'פענצטער — האָט זי געזאָגט צו אַ צווייטן — לאָזט אים אַרײַן אַ ביסל לופט.

מען האָט אַרויפגערוקט אַ פענצטער. ס'איז אַרײַן אַ קאַלטער שטראָם ווינט, און די פּאַסאַזשירן אַרום מיר זענען געשטאַנען און מיך באַטראַכט מיט נײַגעריקע אויגן.

— איר וועט דערנאָך אויסשטײַגן צוזאַמען מיט מיר — האָט זי געגעבן אַ באַפעל — און איר וועט מיטגיין מיט מיר, צו מיר אין שטוב אַרײַן.

— איך וועל נישט אויסשטײַגן צוזאַמען מיט אײַך, איך וועל נישט

מיטגיין צו אײַך אין שטוב. איך ווייס נישט ווער איר זענט, איך קען אײַך נישט, און טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר. מענטשן קוקן אויף מיר, קענען נאָך מיינען, אַז איך בין אַ משוגענער.

— איך האָב געזאָגט, אַז איר זענט אַ משוגענער? איך האָב דערמאָנט דאָס וואָרט משוגענער? איר רעגט זיך אויף סתם, אומזיסט און אומנישט. דאָס אויפרעגן זיך איז דאָך פּאַר אײַך אַ סם־המוות. אַלע צרות אײַערע נעמען זיך פון אויפרעגונג. ווער ווייסט, צי ער האָט שוין הײַנט געגעסן. ער קאָן זיך אַרומדרייען טעג אָן צו נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. איר האָט שוין הײַנט געגעסן?

— וואָס איז עס אײַער דאגה? איך פרעג אײַך, צי איר האָט שוין געגעסן?

— נאָט, עסט אַן עפּל, — האָט זי אַרויסגעצויגן אַ גרויסן עפּל פונעם האַנטקויבערל און צוגעשטופּט אים מיר צום מויל — עסט, עסט, אַ גוטער אַלעקסאַנדער־עפּל.

— איך בעט אײַך מיט גוטנס, מאַדאַם, אַז איר זאָלט זיך אָפּטשעפּען פון מיר. אַנישט וועט איר דאָ מיאוס אָפּשנײַדן. מײַן געדולד ענדיקט זיך שוין אויס.

— אָט־אָ דאָס איז עס! — האָט זי אויסגערופן צו דעם בחור מיטן באַטלדרעס און מיט די וואָנצעס — אָט־אָ דאָס וואָס איך האָב אײַך פריִער געזאָגט.

— וואָס איז? וואָס ווילט איר פון אים האָבן? וואָס איז געשען? — האָבן שוין מענטשן אָנגעהויבן אַרײַנמישן זיך.

— גיי דערציייל יעדן איינעם וואָס ס'איז געשען! פּאַרלאָזט אײַך אויף מיר. איך ווייס וואָס איך טו — האָט זי צוגעשלאָסן בײדע גראָבע ליפּן און אָפּגעזיפּצט — כ'קען זײַן מאַמע און זײַנע ברידער, לײַטישע מענטשן. ס'איז זיי גאָרנישט מקנא צו זײַן. אַ גרויס אומגליק האָט זיי נעבעך געטראָפן. לאָמיר בעסער איצט נישט רעדן וועגן דעם.

— — —

שפּעטער אַ ביסל, זיצנדיק בײַ זיך אין שטוב, קלינגט מען אין טיר און עס קומט אַרײַן דער וועשער אַ פּאַרסאָפּעטער, מיט אַ פּעקל וועש.

— וואָס זאָגט איר נישט צו דער מעשׂה, וואָס עס טוט זיי בײַ אײַך אין הויז?

— וואָס טוט זיך? וואָס פּאַר אַ מעשׂה?

— איר ווייסט גאָרנישט? אַ פרוי איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָליציאַנט. מען זוכט דאָ עפּעס איינעם אַ הויכן מיט ברילן, וואָס איז אַנטלאָפן פון משוגעים־שפּיטאָל.

האָטס מיר אַ גוט־יאָר

איר ווייסט נישט ווי צופרידן איך בין וואָס איך האָב אײַך געטראָפן. מיר האָבן זיך שוין נישט געזען, אַ מעשׂה פון כ׳ווייס... און אפשר נאָך לענגער. וואָס אין דער צײַט האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אויף דער וועלט! יעדער מאָל האָב איך געטראַכט, אַז ווען ס׳איז מיר באַשערט, און ס׳געשעט אַ נס... וואָס ע׳מיר רעדן, אַזוי איז עס! איר מעגט מיר גלייבן, איך שווער אײַך בײַם לעבן פון מײַן טאַטן, עליו־השלום, אַז אין משך פון די אַלע יאָרן וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, האָב איך נישט פאַרפעלט קיין איין טאָג. נו יאָ, וואָס ע׳מיר רעדן? די היצן זענען שוין פאַרבײַ, און עס הייבט זיך שוין אָן צוריק דאָס אומנאַרמאַלע לעבן.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך אויך געטראָפן פאַר ראָש־השנה. אַ באַשערטע זאַך, און אַ גוטער סימן. קודם־כּל זאָגט מיר, וואָס מאַכט איר?

— דאָס זעלבע וואָס אַלע מאָל, ביזנעס.

— איך מיין אין געזונט. אַז דאָס געזונט איז נישטאָ, מעגט איר אײַנפּאַקן די ביזנעס. מענטשן זאָגן אויך אַז דער עיקר איז דאָס געזונט. און אויף דעם וואָס מענטשן זאָגן, קען מען זיך גאַנץ גוט פאַרלאָזן. אַפילו אַ קראַנקער מענטש דאַרף אויך דאַנקען און לויבן וואָס ער איז געזונט. איך זאָג עס קעגן דעם וואָס איך האָב געהערט, אַז מיט אײַך איז עפּעס געשען אַן עקסידענט. איז וואָס מאַכט איר?

— איר זעט דאָך, מען לעבט, מען מאַכט ביזנעס, און מען וואַרט מיט אַלע ייִדן אויף בעסערע צײַטן.

— אָבער וואָס פאַר אַן עקסידענט איז דאָס געווען?

— כ׳בין אומגליקלעך געפאַלן גייענדיק אין גאַס און גוט זיך צעקלאַפּט.

— אויף וועלכן אָרט האָט איר זיך צעקלאַפּט?

— אויפן בראָדוועי.

— אַ מאָל איז עס געווען אַ ייִדישע געגנט. אָבער הײַנט, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן. אָבער מען דאַרף זײַן צופרידן מיט דעם. ס׳איז הײַנט די צײַט פון תּשובה טאָן, דער „ס׳איבעראַונדז״ וועט אונדז מוחל זײַן אונדזערע קליינע חטאים.

— יאָ, און ער וועט אונדז געבן כּוח אויף גרעסערע.

— איך האַלט אַז מען דאַרף שוין בכלל אויפהערן צו פאַסטן אין תשעה־באָב און וויינען אויפן חורבן בית־המיקדש, ווײַל דער פּלאַץ, ווו דאָס בית־המיקדש איז געשטאַנען, איז הײַנט ווערט צוואַנציק מאָל אַזוי פיל. איז נאָך וואָס איז דאָס געווײן? כ'בין נישט גערעכט? איר האָט מיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. געפינט איר נישט עפּעס אַן ענדערונג אין מיר?

— גאָרנישט. איר קוקט נאָר אויס אַ ביסל נערוועזער ווי דעמאָלט.

— יעדער יאָר, אין דער ראָש־השנה־צײַט, צעטאַנצן זיך בײַ מיר די נערוון. כ'וועל אײַך דערציילן פאַר וואָס; מײַן פרוי איז זייער אַ פײַנע פרוי, מיר לעבן ווי צוויי געבראָטענע טײַבעלעך. אַלע יידישע קינדער געזאָגט אַזאַ שלום־בית. נאָר אַז עס קומט די צײַט פון ראָש־השנה, הייבט זיך אָן דאָס גיהנום. איך בין שולדיק וואָס דער חזן טויג נישט, ווײַל ער האָט קאַליע געמאַכט אַ רבונו־של־עולם ווען ער האָט זיך צעזונגען. ער האָט אַזאַ שטים, אַז איין רבונו־של־עולם זאָל זיך טאַקע אויף אים מרחם זײַן. אויף יעדן ראָש־השנה קויפט זי זיך אַ נײַ קלייד ביז צום על־חטא. און גייט אין שול אַרײַן רעדן מיט די ווײַבער. זי האָט זייער ליב די מלאָכה פון רעדן. אַז עס מאַכט זיך שוין אַ מינוט וואָס זי שווײַגט, רעדט זי אויכעט. אַ שטראָף פון הימל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן. דער אייבערשטער מעג שוין העלפן אַז מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד.

נאָך ערגער איז מיט די שנה־טובה־קאַרטן. איך האָב ליב אַ שנה־טובה מיט אַ בילד פון אַ יידישער היסטאָרישער זאַך. מיר איז געפעלן מאיר בעל־הנס' קבר. ווען איר קוקט אָן די שנה־טובה־קאַרטע, דעם קבר, איז נאָר ווען מען גוטס גינט. קיין מענטש וואָלט זיך קיין בעסערס נישט געוווּנטשן.

אַז מײַן ווײַב האָט דאָס דערזען, איז זי אַרויס מיט איר לשון וואָס איך שעם זיך נאָכצוזאָגן.

— וואָס עפּעס אַ קבר? צום נײַעם יאָר אַ קבר? אַז מען שיקט אַ נאָר אויפן מאַרק... פאַר דעם זעלבן געלט קען מען דאָך קריגן אַ קאַרטע מיט אַ גאַנצן בית־עולם.

— דאָס איז נישט סתּם אַ קבר — גיב איך איר צו פאַרשטיין — דאָס איז מאיר בעל־הנס!

אַ וואָזשנע מציאה, כ'קען אים נאָך פון דער היים, אַ גרויסער כ'בעט דיך איבער, נישט געהאַט קיין שׂכל אַ קאַץ דעם ווײדל צו פאַרבינדן. אַוועקגעוואָרפן דאָס שנײַדערײַ, אַרײַנגעלאָזט זיך אין ריעל־עסטעיט און געוואָרן אַ מיליאָנער. איצט גייט ער מיר אײַנרעדן, מײַן מאַן... גיי צו

אַל די רוחות מיט מאירן צוזאַמען! איך וויל אים נישט שעלטן ווײַל ס'איז ערב ראָש־השנה.

ווען זי וואָלט געוווּסט וועגן וועמען איך רעד, וואָס פאַר אַ צדיק מאיר בעל־הנס איז געווען, וואָלט זי זיך פריִער די צונג אָפּגעביסן. כ'וועל זיך דאָך נישט גײן אַרומרײַסן מיט איר. אַ קאַרטע מיט אַ שופר געפעלט איר אויך נישט, ווײַל אַ שופר איז שוין אַרויס פון דער מאָדע. און אויף משה רבינו איז זי אויך בײז, ווײַל ער האָט אויסגעקליבן ארץ ישׂראל, אין דער צײַט ווען די גאַנצע וועלט איז געלעגן פאַר אים פרײַ, און קיינער האָט אים נישט געשטערט אויסצוקלויבן אַמעריקע.

שוין, וואָס ע'מיר רעדן, אַזוי איז עס! איז דאָס יאָר האָב איך באַשלאָסן קיינעם נישט שיקן קיין שנה־טובה־קאַרטן. איך טעלעפאָניר מײַנע פרײַנד און זאָג זיי: היי־יאָר שיק איך נישט קיין שנה־טובה־קאַרטן. ווינטש איך דיר אַ גוט־יאָר אָן אַ שנה־טובה!

די לעצטע פערד אין תּל־אָביב

אויסגעפירט פון דזשיגאַן און שומאַכער

ערגעץ ווו, אין אַן עק תּל־אָביב, שטייען צוויי פערד אין אַ שטאַל, פרעסן פון דער קאַרעטע אַרויס און שמועסן צווישן זיך:

— אַז ס׳איז דאָ אַ גערעטעניש אויף טאָמאַטן, און מען ווייסט נישט ווו זיי אַהינצוטאָן גיט מען עס אונדז אויפצופרעסן, אַז ס׳איז דאָ אַן איבערפלוס פון אוגערקעס, וואָס מען וואַרפט זיי שוין אַרויס אויפן מיסט, איז דאָס אַלץ וואָס עס בלײַבט איבער, מוזן מיר אויפפרעסן. דאָס — כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — קריכט מיר שוין פון האַלדז אַרויס. אַלץ זאָלן מיר דאַרפן אויפפרעסן? וואָס שטעלן זיי זיך פאַר זענען מיר!?

— וואָס מיר זענען? פערד!

— יאָ, אָבער אויף דער גאַנצער וועלט גיט מען אַ פערד צו עסן האָבער, גערשטן.

— זע נאָר ווי ער בעט זיך דאָס אויס, ביסט דאָך נישט קיין נײַער עולה. דאַנק גאָט דערפאַר. איזהו עשיר — שטייט געשריבן — השמח בחלקו, המסתּפּק במעט, מען דאַרף זיך קענען באַגנוגענען מיט דעם וואָס מען האָט.

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן? ווו האָסטו הײַנט אַזעלכע פערד?

— מען מוז זיך דאָך צופּאַסן צו די באַדינגונגען. אַ יונגע מדינה. מען מוז זײַן פּראָדוקטיוו, און דו שטייסט אַ גאַנצן טאָג בײַ דער קאַרעטע, טוסט גאָרנישט, און פרעסט ווי אַ פערד.

— און די וואָס טוען יאָ, טוען דען עפּעס?

— וועמען מײנסטו?

— כ׳מיין די טוערס.

— אַוודאי טוען זיי. ווען די טוערס טוען גאָרנישט וואָלט דאָך נישט געווען ווער עס זאָל עפּעס אָפּטאָן. זעסט דאָך אַליין אַז יעדער מאָל טוען זיי עפּעס אָפּ די טוערס.

— איך האָב נישט וואָס צו טאָן. וואָס קאָן בײַם הײַנטיקן טאָג טון אַזאַ פערד ווי איך? אַמאָליקע יאָרן האָב איך געפירט ברויט איבער די תּל־אָביבער גאַסן. הײַנט פירט מען מיט אויטאָמאָבילן. דערנאָך האָב איך געפירט אײַז. אין די גרויסע היצן, אַז איך בין געלאָפן מיט דעם וועגעלע

אײַז, זענען מיר נאָכגעלאָפן די שענסטע ווײַבער פון תּל־אָביב. הײַנט האָבן זײ אַלע פּריזשידערס מיט „אײר קאָנדישנס".

— און איך האָב אין די אַמאָליקע יאָרן געפּירט נאָפט. יעדער בעל־הביתטע אַ מאָל האָט שטיין געהאַט אַ צוויי פּרימוסן, אַ פּאָר קנויטמאַשינקעס. אַ שבתדיקער קוכן האָט טאַקע געהאַט דעמאָלט אַן אַנדערן טעם.

— אַוודאי, עס האָט זיך געפילט פון אים נאָפט.

— דערנאָך האָט זי זיך אויסגעפּוצט, די בעל־הביתטע, און געגאַנגען מיט דעם מאַן שפּאַצירן.

— האָט זיך אויך געפילט נאָפט.

— אַ מאָל, אַ בעל־הבתּישער ייִד, ער האָט נישט געוואָלט גיין צו פוס, האָט ער זיך געקויפט אַן אײזעלע. הײַנט — יעדער סמאַרק האָט אַן אויטאָ.

— אַנדערע צײַטן. הײַנט אַז מען האָט אַן אויטאָ, אַפילו אַן אַלטע טראַנטע, קאָן מען שפּאַצירן מיט אַ יונג מיידל.

— וויפל געלט דאָס קאָסט אָפּ אונדזער מדינה, און וויפל מענטשן ווערן נעבעך געהרגעט. עס איז דאָך נישטאָ קיין טאָג, עס זאָל נישט זײַן קיין קאַטאַסטראָפע. מיר זענען אויך אַרויפגעלאָפן אויף מענטשן אין די גאַסן?

— וואָס גייסטו גלײַכן אַ פערד צו אַ מאַשין? אַ מאַשין האָט דאָך נישט קיין שׂכל. אַ פערד, ס'פילט אַז ס'איז שלעכט, שטעלט זיך עס אָפּ. אַ מאַשין, אַז זי פילט אַז ס'איז שלעכט, פאָרט זי אַרויף אויף אַן אַלטן ייִד, אַ נײַעם עולה.

— איז פאַר וואָס ניצן זײ, די פערד, מאַשינען? פאַר וואָס ניצן זײ נישט, די פערד, קיין פערד?

— ווײַל די מאַשינען לויפן דאָך שנעלער.

— ווען מען גיסט דיר אַן אַ פולן — כ'בעט דיך איבער — מיט בענזין, וואָלסטו אויך געלאָפן שנעלער.

— וואָס ע'מיר רעדן, די צײַטן זענען אַוועק, די תּקופה אונדזערע האָט זיך געענדיקט. נאָך אַ ביסל וועט מען אונדז אַרײַנשטעלן אין אַ מוזיי אַרײַן, און די בהמות וועלן קומען זען ווי די פערד קוקן אויס. זײ וועלן זיך דערמאָנען די אַמאָליקע צײַטן.

— אוי, ווו נעמט מען די אַמאָליקע צײַטן? יעדן חודש בין איך געגאַנגען צו בעריש קאַוואַל, און ער האָט מיר אַרויפגעקלאַפּט אַ פּאָר נײַע אָרטאָפּעדישע פּאָדקאָוועס. און די אַלטע פּאָדקאָוועס האָבן אויפגעהויבן אָרעמע מענטשן אויף מזל. אַן אַלטע פּאָדקאָווע ברענגט דאָך מזל.

— קוק אָן די אַלע ישׂראלדיקע, וואָס פֿאָרן קיין אויסלאַנד אין די פּענסיאָנאַטן, וועסטו זען וויפֿל מזל אונדזערע פּאַדקאָוועס האָבן זיי געבראַכט.

— איצט אַ נײַער עולה זאָל וועלן אַ פּאַדקאָווע אויף מזל, קאָן ער עס אַפֿילו פֿאַר קיין געלט נישט באַקומען.

— אַז דאָס איז שוין הײַנט אין גאַנצן נישט בנימצא. די פֿאָר פֿערד — זאָגט מען — וואָס זענען נאָך געבליבן אויף דער וועלט טראָגן דאָך שוין פּאַדקאָוועס פֿון פּלאַסטיק.

— און די בײַטש, געדענקסטו נאָך די בײַטש? איך וואָלט נאָך אַזוי געוואָלט דערפֿילן דעם טעם פֿון אַ שמיץ מיט אַ בײַטש. ווען איך קאָן נאָך קריגן כאָטש איין מאָל אַ שמיץ מיט אַ בײַטש, אַז די בלוטן זאָלן זיך צעקאָכן!

— הײַנט מאַכט מען עס מיט מאַסאַזשן. יונגע בחורים ווערן מאַ־סאַזשיסטן אויף אַלטע ווײַבער וואָס לײַדן אויף די קריזשעס. אָדער יונגע מיידלעך... שוין, לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם.

— אוי, ווו נעמט מען יענע יאָרן? ווען מיר קומט אויס הײַנט צו לויפֿן איבער די גאַסן פֿון תּל־אָביב, וואָלט איך מיר ליבער דעם טויט געוווּנטשן.

— דו זאָגסט מיר? מיט אַ חודש צוריק האָב איך מיך אַדורכגעשטופּט מיט אַ וואָגן מעבל דורך דער אַלענבי־גאַס. האָב איך געמיינט אַז כ׳וועל עס נישט אויסהאַלטן. אַן אויטאָבוס האָט מיך אונטערגעשטופּט פֿון הינטן, אַ טאַקסי האָט מיר אָפּגעריבן דעם בויך, מענטשן האָבן מיר געטרעטן אויף די פֿיס. מען האָט דאָך שוין הײַנט נישט קיין דרך־ארץ פֿאַר קיין פֿערד.

— ווען דו גיסט מיר אַ זאַק מיט גאָלד, אַז איך זאָל הײַנט דורכגיין די אַלענבי־גאַס. איך וואָלט זיך באַגראָבן פֿון בושה. זיי שטייען דאָך אויף די טראָטואַרן און לאַכן פֿון אונדז, די בהמות.

— אַמאָליקע יאָרן איז אַ פֿערד געווען אַ מיוחס, די שענסטע מענטשן פֿון לאַנד האָבן געהאַט זייערע פֿערד. דער אַמאָליקער ראָש־העיר, דער מעיאָר פֿון תּל־אָביב מאיר דיזענגאָף, איז געריטן אויף מײַן מאַמע עליה־השלום. די גרעסטע מענטשן זענען געריטן אויף פֿערד.

— הײַנט רײַטן זיי אויבעט אויף די פֿערד. ווען זיי רײַטן נישט אויף די פֿערד, וואָלטן זיי דאָך נישט געפֿאָרן אין „קאַדילאַקן" און אין „ראָל־רויס".

— מײַן טאַטע עליו־השלום איז געווען פֿון די ערשטע פֿײַער־לעשערס אין תּל־אָביב. אַ גאַנצע וואָך האָט ער גערוט, פּרײַטיק פֿאַר נאַכט איז

ער אַרומגעלאָפן מיט דעם פעסל וואַסער איבער די גאַסן. דעמאָלט איז געווען דער סעזאָן אויף שׂרפות. דעמאָלט ווען מען שטעלט צו די טשאָלנ־טער לכּבוד שבת אויף די קנויטמאַשינקעס. אין איין פּריַיטיק האָט מען געלאָשן צען טשאָלנטער. וואָס ע'מיר רעדן, וואָס עס איז געווען אַ מאָל, אַ מאָל האָב איך געהאַט אַ טאַטן, אַ מאַמע.

— שוין לאַנג ווי זיי זענען נישטאָ?

— וואָלטן זיי כאָטש געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַ ייִד וואָס האָט אַ פאַבריק פון כּשרן וווּרשט, האָט דאָך זיי ביידן אַוועקגעפירט אין מיטן דער נאַכט.

— דאָס זעלבע וואָס מען האָט געמאַכט מיט דעם אייזל פון אונדזער שכן.

— אויף וווּרשט?

— וואָדען?

— כ'דאַרף מיך שוין ווידער אַרויסכאַפּן אַ ביסל אויף דער דיזענגאָף־גאַס. דאָרט איז דאָך מײַן מאַמעס קבֿר.

— אויף דיזענגאָף?!

— יאָ, דאָרט איז דאָ אַ געשעפט פון פּושקעס קאָנסערווירטע פלייש. דאָרט אַהין גיי איך יעדער מאָל אויף קבֿר־אָבֿות.

— ס'איז אָך און וויי, עס איז נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל זיך אָננעמען אונדזער קריוודע, פאָדערן אונדזער רעכט.

— בײַ וועמען?

— בײַ די בהמות.

— די הײַנטיקע בהמות זענען דאָך ערגער פון די אַמאָליקע חיות, אַ מאָל אַ בהמה איז דאָך נאָך געווען אַ שטיקל מענטש.

— מיר האָבן דאָך שוין גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן, דאָס איינציקע וואָס מיר, פערד, פאַרמאָגן נאָך, איז דאָך דאָס ביסעלע שׂכל.

— איז לויט דײַן שׂכל, וואָס דאַרפן מיר טאָן מיט דעם ביסל שׂכל?

— אַרײַנשרײַבן בריוו אין אַלע צײַטונגען.

— דו רעדסט ווי אַ פערד. ווער עס האָט הײַנט אַ האַנט מיט אַ פוס שרײַבט בריוו אין צײַטונגען.

— וועט דאָס מאָל שרײַבן אַזעלכער וואָס האָט פיר פיס. וואָס דען זאָל מען טאָן? אפשר מאַכן אַ הונגערסטרײַק? דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן?

— וויניק דעמאָנסטראַציעס האָט מען געמאַכט אין ישׂראל? און עס האָט דען מיט עפּעס געהאָלפן?

— אויב אַזוי זאָלן זיי אונדז שיקן קיין אויסלאַנד, טאַנצן ישׂראלדיקע טענץ.

— ס׳פּאַסט נישט פאַר קיין פערד צו רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן. טאַנצן מוז מען קענען!

— זינגען מוז מען אויך קענען, פון דעסטוועגן פאָרן אַזוי פיל זינגערס קיין אויסלאַנד.

— איך מיין אַז עס איז שוין אַ סך בעסער, מיר זאָלן בלייַבן בייַ דעם וואָס מיר זענען. ווי זאָגסטו?

— אַוודאי, פערד בלייַבן פערד.

מען וועט אים נישט מסרן

בערל און שמואל האָבן געוווינט אין שכנות, אָ טיר ביי אָ טיר. בערלס טאַטע האָט געהאַט קאַפּיטאַנען פאַר די פויערים אין שטעטל. און שמואלס טאַטע איז געווען אַ שוחט. בערל איז געווען אַ געזונטער, מיט ברייטע פּלייצעס, שמואל אַ דאַרער, אַן איידל פּנים מיט ברילן. בערלס קאָפּ האָט נישט ליבּכט באַנומען דאָס לערנען, און שמואל איז געווען באַוווּסט ווי אַ למדן, און עס האָבן זיך דערנאָך געשדכנט צו אים די רייכסטע בעלי־בתים.

בערל, וואָס האָט שוין היינט אַ פּרוי מיט קינדער, און איינער פון די רייכסטע יידן אין ניו־יאָרק, איז געוואָרן זייער אַ באַרעדעוודיקער, און האַלט אין איין באַוווּנדערן זיין אייגענע חכמה. שמואל, אַן אַלמן אָן קינדער, איז געוואָרן זייער אַ שווייגעוודיקער, ער איז בודק און האַנדלט מיט מזוזות.

די צוויי אַלטע חברים האָבן זיך ווייטער געהאַלטן נאָענט און פלעגן זיך אָפט באַגעגענען, ביז שמואלן איז נימאס געוואָרן תּמיד צו הערן בערלס עצות ווי אַזוי רייך צו ווערן; צו טרינקען מיט אים קאַווע און אַריינצוהוסטן דעם רויך פון בערלס גראָבן ציגאַר; צו רופן אים „בע־רעלע", באַוווּנדערן זיינע נאַרישע געדאַנקען. האָט ער אויפגעהערט קומען און מער זיך נישט געוויזן.

דער איינציקער אויסוועג פאַר זיך, האָט שמואל באַשלאָסן, איז צו פאָרן און זיך באַזעצן אין ישׂראל. מען קען דאָך אָבער נישט אַריינקומען מיט ליידיקע הענט, און פאַלן צו לאַסט דער רעגירונג, אַז זי זאָל דיך פאַרזאָרגן, בכן, דו ביסט אַן עולה חדש. ער איז דאָך נישט געקומען פון רוסלאַנד, ער איז דאָך געקומען פון אַמעריקע! איז דאָ דערויף אַנדערע ברירות. ערשטנס, ווערן אַ בעל־תּשובה. ער וועט זאָגן אַז ער האָט זיך אויסגעגליטשט... און וויל חוזר־בתּשובה זיין. מען וועט אים גלייבן. קיינער וועט אים אין גאָרנישט נישט חושד זיין. קיינער איז דאָרט נישטאָ וואָס זאָל אים מסרן און דערציילן אַז ער איז אַ ליגנער, אַ שווינד־לער, וואָס וויל אָפּנאַרן די בעל־תּשובה־פאַרזאָרגערס, און אָוועקזעצן זיך לערנען, אַז דער ליגנער, דער גנב, איז גאָרנישט קיין בעל־תּשובה. ער איז גאָר אַ ייד אַ שומר־מיצוות. נישטאָ דאָרט אַזעלכער וואָס זאָל דאָס טאָן. דער איינציקער פּחד איז, וואָס מען זאָגט, אַז זיי קענען פאַרלאַנ־גען ער זאָל חתונה האָבן.

די צווייטע ברירה, איז כאַפּן אַ שמועס מיט בערלען און פאַרלאַנגען פון אים צען טויזנט דאָלאַר. רײַך איז ער ווי קורח. צען טויזנט דאָלאַר איז בײַ אים ווי אַ שמעק טאַביק. אַ ציוניסט איז ער אַ פאַרברענטער. ער וואָלט נאָר געוואָלט אַז אַלע אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן זיך באַזעצן אין ישׂראל און ער אַליין זאָל בלײַבן אין ניו־יאָרק.

דער געדאַנק וועט בערלען זיכער געפעלן. נאָר קיין געלט וועט ער נישט געבן. פון אַזעלכע זאַכן האָט ער זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט. און אפשר איז ער צו דעם קיין מאָל נישט געווען צוגעוווינט.

וואָס איז דאָ צו טאָן אַז מען דאַרף פון אים פאָרט אַרויסבאַקומען צען טויזנט דאָלאַר?

איין אויסוועג, רויבן! אַן אָנפאַל מיט אַ רעוואָלווער, און מיט אַלץ וואָס מען דאַרף. ס׳איז טאַקע אַ גרויסע עבירה אַזעלכעס צו טאָן, ס׳איז אָבער אַ גרעסערע מיצווה אַרויסצובאַקומען פון אַזאַ איינעם צען טויזנט דאָלאַר און אַוועק קיין ישׂראל.

בעצם איז עס דאָך סתּם געפלאַפּלט און נאַריש געטראַכט, ווײַל אין דעם פאַל איז ער דאָך אַ פּאָלנער עם־הארץ. איז דאָ אַן אַנדער וועג, אויסצונאַרן אים דורך אַ קידנעפּונג. ס׳זאָל הייסן אַז מען האָט מיך אויפֿ־געכאַפּט, געקידנעפּט, און מען פאַרלאַנגט פאַר מיר הונדערט טויזנט דאָלאַר אויסלייזגעלט. דעמאָלט וועט ער צען טויזנט דאָלאַר זיכער גרייט זײַן צו געבן אויף אויסצולייזן מײַן לעבן.

ער האָט שוין צו לאַנג מיט אים נישט גערעדט, דאַרף מען קודם־כּל טעלעפאָנירן, פרעגן וואָס הערט זיך. די פרײַנדשאַפט טאָר זיך חלילה נישט אָפּקילן.

אַזוי ווי בערל האָט דערהערט זײַן קול אין טעלעפאָן, האָט ער זיך זייער דערפרייט.

— ווו ביסטו אַהינגעקומען, שמואל? — האָט ער געשריגן — כ׳בין דאָך שוין משוגע פון איבערקלערן! וואָס האָט דאָ אַזעלכעס געקענט פּאַסירן? — האָב איך געטראַכט — ביסטו קראַנק? וואָלטסטו דאָך מיך אָנגערופן כ׳זאָל דיר בּאָרגן אַ פּאָר דאָלאַר. איז נישט אַנדערש ווי מען האָט דיך, חלילה אויפגעכאַפּט, געקידנעפּט.

— יאָ, בערעלע! יאָ! דו האָסט געטראָפן! מען האָט מיך פאַר־כאַפּט! און דו ביסט דער איינציקער וואָס קען מיך אויסלייזן פון אַ זיכערן טויט.

— ווער? ווער האָט דיר אַזעלכעס געטאָן?

— באַנדיטן! אַראַבער! פּי־על־אַניקעס!

— אָבער ווער?! כ׳מוז דאָך וויסן אַ נאָמען.

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון זייערע הענט און פיס, און פון זייער לײַב און לעבן. פון מיטן גאַס האָט מען מיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַן אויטאָ, פאַרבונדן די אויגן, און גיי שרײַ חי־וקים. איצט פאַרלאַנגען זיי הונדערט טויזנט דאָלאַר.

— זיי זענען משוגע, אין גאַנצן אָן שׂכל. ווער וועט פאַר דיר געבן אַזוי פיל געלט? יענע מציאה האָבן זיי געכאַפּט! ס׳זאָל האַלטן בײַ צען, צוואַנציק דאָלאַר, מילא! גיב מיר דעם אַדרעס וועל איך דיר צושיקן אַ סאַנדוויטש מיט אַ האַמבורגער.

— כ׳בין פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער. כ׳ווייס נישט קיין אַדרעס.

— עסן גיט מען דיר דערווײַל?

— ברויט, סאַרדין און טאָמעיטאָס.

— איז דאָך נישט אַזוי ביטער, וואָס זשע וויינסטו?

— כ׳ווייס נישט צי ס׳איז כּשר. שיק אַרײַן דאָס געלט, כּל־זמן ס׳איז נאָך צײַט. קיין טשעק וועלן זיי נישט נעמען, איינער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ האַמער און וויל מיך שיסן. טאָמער לייגט ער מיך אַוועק אַ טויטן, וועל איך דערנאָך נישט וויסן וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר.

— אויף דעם וועסטו קלערן שפּעטער, ווען דו וועסט האַלטן דערבײַ. איצט רעד מיט זיי און גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז קיינער וועט פאַר דיר קיין גראָשן נישט געבן. און אַז דו האָסט נאָר איין פרײַנד, אַ חבר פון שטעטל, איז ער גרייט צו געבן אַ צען־צוואַנציק דאָלאַר, און זיי דאַרפן כאַפּן מיט ביידע הענט, ווײַל ס׳איז כּולו ריווח.

— שוין געזאָגט, בערעלע, אַלץ געזאָגט. האָבן זיי געענטפערט אַז מײַן חבר איז אַ גרויסער חזיר.

— פאַר אַזאַ באַליידיקונג, וועלן זיי שוין קיין איין גראָשן נישט קריגן.

— וואָס רעדסטו איצט וועגן באַליידיקונג? זיי האָבן מיר געגעבן צײַט איין שעה. אויב מען וועט נישט ברענגען דאָס געלט אין משך פון דער שעה, ווער איך אַ זכרונו־לברכה צוזאַמען מיטן גאַנצן גוף מײַנעם. קום מיט זיי אַדורך בשלום און שיק קודם צען טויזנט. עס זענען דאָך דאָ אַ סך וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף מיט זיי דורכקומען בשלום. האָב רחמנות, בערעלע, אויף מײַן פאַסקודנעם לעבן, און ראַטעווע מיך!

— איך בין איצט פאַרנומען מיט אַ קאַסטימער.

— ווי קענסטו איצט רעדן וועגן אַ קאַסטימער, ווען מײַן לעבן הענגט אויף אַ האָר? אשמנו! בגדנו! לאָמיך אַרײַנכאַפּן אַ שטיקל וידוי פאַרן ברוך דיַין האמת. דאָס זענען די ערגסטע מערדערס אין דער וועלט.

— אויב זיי זענען אַזעלכע, דאַרפסטו שוין פאַר גאָרנישט מורא

האָבן. אויב אַזוי, פֿאַרזיכער איך דיר אַז דו וועסט באַלד באַפֿרײַט ווערן. אַמעריקע וועט אַרײַנשיקן נאָך אַ פּאָר האַרמאַטן, און מען וועט דיך גלײַך באַפֿרײַען. און דו וועסט האָבן אַ קבלת־פּנים אין ווײַסן הויז. און דו וועסט נאָך אַרײַנכאַפּן אַ קוש פֿון די פּערסט ליידי, שלעכט?!

— איך זאָג נישט אַז ס׳איז שלעכט. איך וויל דאָך אָבער פֿאָרן קיין ישׂראל. וויל איך אַז דו זאָלסט מיר באָרגן כאָטש צען טויזנט דאָלאַר. אַ גמילות־חסד!

— מאַכסט חוזק. פֿון וואַנעט וועסטו נעמען אָפּצוגעבן?

— ס׳וועט מיר דאָרט נישט פֿעלן קיין געלט. כ׳וועל זײַ אָפּנאַרן און ווערן אַ בעל־תּשובה, קיינער וועט מיך דאָרט נישט מסרן.

אַן אַדאָפּטירט קינד פון בראַזיל

אַ בוי־אונטערנעמער אין תּל־אביב, אַ קבלן הייסט עס אין עבֿרית, זייער אַ רײַכער, ער האָט הײַזער, בויפּלעצער, מגרשים הייסט עס אין עבֿרית. ער האָט אַ סך געלט, אַלץ האָט ער אַ סך. נאָר איין ווײַב. איין און איינציק ווײַב.

דאָס איין און איינציקע ווײַב האָט גאָלד פון אים, פּוטערס, ברי־ליאַנטן, אויטאָמאָבילן. אַלץ האָט זי פון אים. נאָר קיין קינדער האָט זי נישט פון אים.

אַ רײַך פאַרליבט פּאָרפּאָלק, פאַרבענקטע נאָך אַ קינד, האָבן זיי זיך געקענט דערלויבן צו פאָרן צו דעם גרעסטן פּראָפעסאָר אין דער וועלט, וואָס לויט דעם געלט וואָס ער האָט גענומען, קאָן שוין קיין גרעסערער פּראָפעסאָר פון אים נישט זײַן.

זיי האָבן אים באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט, כּדי דער פּראָפעסאָר זאָל מאַכן, אַז זי, זײַן הייס געליבטע פרוי, זאָל האָבן אַ קינד.

דער פּראָפעסאָר, אַן עלטערער מענטש, האָט נאָך באַמיונגען און אונטערזוכונגען דערקלערט, אַז ער קען נישט. די מעדיצין האָט טאָקע געמאַכט גלענצנדיקע פאַרשריטן, אָבער זי האָט נאָך אַלץ אַ סך באַגרע־נעצונגען, איז לויט זײַן, דעם פּראָפעסאָרס עצה, נישט געבליבן פאַר זיי קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיי זאָלן אַדאָפּטירן אַ קינד. ווען מען האָדע־וועט אויף אַן אַדאָפּטירט קינד, ווערט עס אַזוי אייגן און ליב, אפשר נאָך מער ווי אַן אייגנס. אַזוי האָט דער פּראָפעסאָר געגעבן צו פאַרשטיין.

די עצה האָט געקאָסט זייער פיל געלט. עס זענען טאָקע פאַראַן אין ישׂראל דאָקטוירים, גוטע דאָקטוירים, וואָס וואָלטן פאַר דער זעלבער עצה גענומען אַ סך ביליקער, אָבער זיי האָבן געהאַלטן, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף מען גיין צום קאָפּ, צום גרעסטן.

זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין בראַזיליע, ווײַל בראַזיליע, ווי ס'איז באַוווּסט, איז אַ רײַך לאַנד, וואָס עקספּאָרטירט קאַווע, קאַטאָן און קינדער.

האָט מען זיך דאָרט גוט אַרומגעקוקט, געזען פאַרשידענע מוסטערן, און ס'איז שווער געווען זיך צו דעצידירן, די פּרײַזן זענען געוואָרן זייער הויכע. ס'קען זײַן, אַז דאָס איז דערפאַר ווײַל ס'איז היי־יאָר נישט געווען קיין געדעטעניש און דער ישׂראלדיקער מאַרק האָט זיך פאַרגרעסערט.

פאַר אַ גאָרנישט, פאַר אַן אָנדערהאַלבן קילאָ הויט מיט ביינדלעך,

הייסט מען זיך באַצאָלן אַ פאַרמעגן. דרײַ מיט אַ מאָל קאָן מען באַקומען פאַר ביליקער.

זיי האָבן שוין געהאַלטן בײַם אָפּשליסן עפּעס. איז געקומען איינער און זיי אָפּגערעדט דערפֿון. וואַרפֿט עס אַוועק, האָט ער זיי געזאָגט, כ׳וועל אײַך מאַכן אַ שענערס און בעסערס און עס וועט אײַך קאָסטן אַ העלפֿט.

צווישן דעם פֿאַרפֿאַלק אַליין איז אויך געווען פֿאַרשידענע מיינונגען. ער איז געווען אויך אינטערעסירט אויסצוהאָדעווען זיך אַ קדיש. אויף נאָך די הונדערט און צוואַנציק. און איר איז וויכטיק געווען אַז ער זאָל זײַן אַ שמייכלדיקער, אַ גוטע דיקציע, און אַז ער וועט שטודירן דעמאָגאָ־גאָלאָגיע וועט ער קענען ווערן אַ פֿירער פֿון אַ באַוועגונג.

סוף־סוף האָט מען זיך דעצידירט, און מען האָט אַהיימגעבראַנגט אַ גראָטן יינגעלע. אַ ישׂראלדיקער בירגער, וואָס נאָך איין יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן זינגען הבה־נגילה, קיין געאָגראַפֿיע האָט ער נאָך נישט געלערנט, אָבער ער האָט געוווּסט אַז ניו־יאָרק קוקט שוין באַלד אויס ווי תּל־אָביב. פֿון בראַזיליע האָט ער עפּעס יאָ געהערט, ווײַל ער האָט אַ מומע אין תּל־אָביב וואָס האָט נישט קיין קינדער...

איז געשען עפּעס אַזעלכעס וואָס געשעט אַ מאָל אין לעבן. און ער, דער פֿאָטער, פֿאַרליבט זיך אין אַ יונגער גרושה, אַן אָריענטאַלע שיינ־קייט, וואָס שטאַמט פֿון מאַראָקאָ און ער וויל גטן זײַן הייס געליבטע פֿרוי.

די הייס געליבטע פֿרוי, נאָכן באַקומען אַ פֿאַרמעגן, וואָס האָט פֿאַרזיכערט איר לעבן אויף אייביק, האָט זי שוין מסכּים געווען איבער־צורײַסן די ליבשאַפֿט צו איר הייס געליבטן מאַן און נעמען אַ גט. די שטערונג איצט איז דאָס קינד. אַ גרושה מיט אַ קינד איז שווער זיך אַן עצה צו געבן אין לעבן.

ער, דער טאַטע, קען אויך נישט נעמען צו זיך דאָס קינד ווײַל זײַן נײַע, הייס געליבטע, וויל דאָס בשום־אופֿן נישט. ערשטנס, זאָגט זי, געהערט אַ קינד נאָר צו דער מאַמען און מען טאָר עס פֿון איר נישט אַוועקנעמען. און צווייטנס, קען זי אים צושטעלן אייגענע אָריגינעלע קינדער וויפֿל ער וויל. באַמיט מען זיך איצט צו געפֿינען אַ קונה אויף דעם קינד. דער פֿאַרקויפֿער פֿון בראַזיליע וויל דאָס נישט נעמען צוריק, ווײַל ער האַנדלט נישט מיט קיין גענוצטע קינדער.

דער איינציקער אויסוועג וואָס איז געבליבן איז צו געבן אַן אַנאָנס אין צײַטונג, אַז ס׳איז דאָ צום אַדאָפּטירן אַ פּאַרטיק געמלעט קינד וואָס וועט זײַן פֿרײַ פֿון מיליטער ווײַל ער וועט ווערן אַ חוזר־בתּשובה, לערנען אין אַ ישיבה און האַנדלען מיט מגרשים אין יהודה און שומרון.

מענטשן זאָגן אַז אויף אַזאַ איינעם וועט נישט פֿעלן קיין בעלנים.

אַ שמועס בײַם ירקון

תּל־אָבֿיבֿ האָט אַ וואַסער וואָס הייסט ירקון. דערפֿאַר וואָס מען איז אַזוי אויסגעבענקט נאָך וואַסער רופֿט מען עס שוין אַ טײַך.

בײַם ברעג פֿון דעם טײַך וואַקסןביימער, וואָס אין זייער שאָטן שטייען בענק. און אויך אַזעלכע טישן צונויפֿגעקלאַפּטע מיט די בענק צוזאַמען, פֿאַר דער באַקוועמלעכקייט פֿון די מענטשן וואָס קומען אַהער, אויסגעבענקטע נאָך אַ ביסל לופֿט און רו.

קוויקט מען זיך מיט דער לופֿט אונטערן שאָטן, און מען קוקט ווי דאָס יונגוואַרג, און אויך עלטערע, מאַטערן זיך מיט די וועסלעס. שלעפֿנדיק די שיפֿלעך איבער דעם שמאָלן מוטנעם וואַסער.

— אַ שיינער טאָג הײַנט — האָט ער געזאָגט. דער וואָס איז צוגעקומען מיט אַ צעשמייכלט באַהאָרט פּנים פֿון אַ נישט ראַזירטער באָרד, וואָס די שטײַפֿע הערעלעך בליאַסקען אונטער דער זון ווי אַלומיניום.

איך זע אײַך דאָ צום ערשטן מאָל. מן־הסתּם וווינט איר ווײַט פֿון דאַנען, שווער צוצוגיין, ס'איז אָבער כּדאַי זיך אַנצושטרענגען, איך וווין שוין דרײַ יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ, און אין משך פֿון די דרײַ יאָר זיץ איך כּמעט יעדן פֿאַרמיטאָג דאָ אונטער אַ בוים, אויסער אין די שבתים און אין די יום־טובֿ־טעג, ווײַל דעמאָלט קומען אַהער די ייִדן פֿון מאַראָקאָ און פֿון אַנדערע אַראַבישע לענדער. זיי קומען גאַנצע משפּחות, ווי סטאַ־דעס. מענער מיט ווײַבער. מיט איידעמס, שנורן, קינדער, אייניקלעך, און אפֿשר אויך אוראייניקלעך, אונטער יעדן בוים בראָט מען שעפּסנפֿלייש. די גאַנצע געגנט ווערט פֿול מיט אַ פֿײַכטן רויך. און אַ ליאַרעם פֿון די טראַנזיסטאָרס וואָס שפּילן וויינענדיקע אַראַבישע לידער. יעדער טראַנזיס־טאָר שפּילט עפּעס אַנדערש און וויל איבערשרײַען דעם אַנדערן, און פֿון דעם אַלעם, צוזאַמען מיט דעם שטיקנדיקן גערוך און קוויטשערײַען קען מען פֿון זינען אַראָפּ. און זיי, די דאָזיקע מענטשן, פֿרעגלען זיך אין נחת און האָבן אַ הנאה דערפֿון.

איצט, אין מיטן דער וואָך, איז רויִק, שטיל, אויפֿגערוימט שוין דאָס מיסט נאָך דער שבתדיקער פֿרעסערײַ. אין די ווינקלעך וואַלגערן זיך נאָך שטיקלעך געגרילטער פֿעפֿער, ציבעלעס, קען מען זיך אויסרוען די נערוון. טרעפֿן אַזאַ ייִד ווי איר און כאַפּן אַ שמועס אויף ייִדיש — העברעיִש קען איך נאָך אַלץ נישט. איך גלייב נישט אַז איך וועל זיך אַ מאָל אויסלערנען דאָס לשון.

איך שטאַם פון אַ קליין שטעטל. איך האָב זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט מײַן שטעטל. ייִדן לערנערס. עטלעכע פון זיי זענען געוואָרן ראַבייס אין אַמעריקע. און איך בין געווען אַ בעקער, אַ סאָציאַליסט. און אין אַמעריקע בין איך אויך געווען אַ סאָציאַליסט, איך האָב געבאַקן גע־בעקס פאַר פינף און זיבעציק דאָלאַר אַ טאָג. פון דײַטשלאַנד האָב איך אויך באַקומען אַ פענסיע. האָב איך טאַקע געלעבט אין ניו־יאָרק אַ רויִק סאָציאַליסטיש לעבן.

האָב איך באַשלאָסן אַז איך דאַרף עולה זײַן קיין ישׂראל, מײַן ווײַב איז מיר געשטאָרבן, איז מיר דאָס סאָציאַליסטישע לעבן מײַנס אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן. עטלעכע מאָל איז מען מיך באַפאַלן אין מעטראָ און צוגענומען פון מיר דאָס געלט וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט, האָב איך געזען אַז קיין רויִק סאָציאַליסטיש לעבן קאָן מען שוין דאָרט נישט האָבן, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט בײַ מײַן פענצטער און מיט די אויגן צום הימל האָב איך אָפּגעזונגען די התּיקווה און אַוועק צום ישׂראלדיקן קאָנסול, און... שוין, איך זיץ שוין בײַם ירקון.

אַ רגע, לאָמיר איצט שווײַגן און גאָרנישט רעדן. ווײַל דאָ גייט איינער עפּעס אַ „צעדרייט שלעסל", וואָס האָלט מיט די אַראַבער, טאָמער קומט ער צו, און ער הייבט אָן רעדן פּאָליטיק דאַרף מען מסכּים זיין צו אַלעם וואָס ער זאָגט, אַנישט וועט ער זידלען און באַליידיקן.

שוין. מיר האָבן געהאַט מזל. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען גלײַך ווי ער וואָלט אונדז נישט באַמערקט.

איז ווו האַלטער? יאָ, איך וויל אײַך טאַקע דערציילן און הערן וואָס איר זאָגט דערצו. איר קוקט מיר אויס צו זײַן אַ קלוגער מענטש.

אין דעם הויז ווו איך וווין, האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט אַ שכן, אַ לײַטישער מענטש, ער הייסט זלמן. ער האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין דער סוכנות, האָט מען אים געכאַפּט בײַ אַ ליגן. דאָס הייסט, אַז ווען דער ליגן וואָלט געווען אַן אמת, וואָלט ער באַדאַרפט גיין זיצן. הײַנט אַן עלטערער מענטש, לעבט אויף פענסיע, איז ער געוואָרן אַ שרײַבער אויף ייִדיש, די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געאַרבעט, האָט ער נישט געהאַט קיין צײַט ליב צו האָבן ייִדיש. הײַנט איז ער פון די גלאַוונע, ער נעמט בײַ מיר אָפּט אַ פּאָר דאָלאַר פאַר ייִדיש וועגן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו מאַכן מיך פאַר אַ שרײַבער. און איך וועל קריגן אַ פּרעמיע. ווײַל די אַלע פּרע־מיע־פאַרטיילערס פאַרטיילן נאָך דעם וואָס ער הייסט. זייער אַ פײַנער מענטש.

האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף חתונה האָבן, ווײַל אַז מען האָט

חתונה איז מען נישט מער איינזאַם. ער אַליין איז אויך געווען איינזאַם, האָט ער חתונה געהאַט און איז געוואָרן צווייזאַם.

וויל איך וויסן וואָס איר זאָגט צו אַזאַ געדאַנק. איר האַלט אויך אַז דאָס איז ריכטיק? וועל איך אײַך ווידער דערציילן אַ מעשׂה:

איך האָר באַקענט אַ פרוי, נישט קיין מיאוסע, זי קוקט אויס נאָך שענער ווי זי איז, און זי געהערט צו אַ פּאַרטיי וואָס קעמפט צו דעראָבערן גאַנץ ישׂראל מיט אַ שטיקל טערקיי. און זי אַליין איז גרייט יעדער מינוט מקריב צו זײַן איר לעבן פאַר אַ גאַנץ ישׂראל, און זי איז גרייט מיט מיר חתונה צו האָבן יעדער מינוט, נאָר מיט איין באַדינג. כ׳זאָל זיך מיט איר באַזעצן אין ניו־יאָרק.

פאַר ישׂראל איז זי זיך גרייט מקריב זײַן, נאָר...

איר פאַרשטייט דאָס? איך נישט.

פֿאַרלאָז זיך אויף מנשהן!

עס איז געווען צו פֿאַרקויפֿן אַ ייִדישע שרײַבמאַשין. אַ געניצטע, אָבער אין אַ גוטן צושטאַנד, און פֿאַר זייער ביליק. עס זאָל זיך מאַכן אַזאַ געלעגנהייט בײַ אונדז אין מאָנטרעאָל, איז עס אַ זעלטנהייט. און אַז איר זאָלט קענען קריגן געקויפֿט בײַ אונדז אין שטאָט אַ ייִדישע שרײַבמאַשין, דעמאָלט ווען איר דאַרפֿט זי האָבן, איז נאָך אַ גרעסערע זעלטנהייט.

קעגן וואָס דערצייל איך אײַך דאָס? קעגן דעם, אַז ווען עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ זאַך, און מען האָט געוואָלט מיר אָנטקעגנקומען מיטן פּרײַז, האָב איך באַדאַרפֿט האָבן שׂכל און קויפֿן, איך האָב באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז אַזאַ זאַך קען זיך מאַכן איין מאָל אין אַ יובל. האָב איך נישט געקויפֿט. איצט איז מײַן שרײַבמאַשין צעבראָכן געוואָרן, און עס איז זייער טראַגיש צו שרײַבן הומאָר מיט אַזאַ אומגעלומפּערטער האַנט־שריפֿט ווי איך האָב.

האָט מיר מנשה געזאָגט — מנשה איז אַ מענטש וואָס ווייסט אַלצדינג — ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, האָט ער געזאָגט, און עס איז אַפֿילו נישט כּדאַי צו רעדן דערוועגן. מיט אַ וואָך פֿריִער איז ער געווען אויף אַן אָוקשאָן, ס'איז דאָ — זאָגט ער — אין שטאָט אַזאַ זאַך וואָס הייסט אָוקשאָן, נאָר איך ווייס נישט דערפֿון, ווײַל כ'בין נאָך אַלץ אַ גרינער. דאָרט פֿאַרקויפֿט מען פֿאַרשידענע זאַכן, געניצטע, נײַע און אַפֿילו אַנטיקן, אויף אַ ליציטאַציע. האָט מען דאָרט ליציטירט אַ יידישע שרײַב־מאַשין און זי איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר... כּמעט פֿאַר גאָרנישט. איז מערטשעשעם, די צווייטע וואָך, וועלן מיר גיין צוזאַמען, און ס'קען זיך דיר מאַכן אַ ייִדישע שרײַבמאַשין, נאָך בעסער און נאָך ביליקער, ווײַל אויף ייִדישע שרײַבמאַשינקעס זענען הײַנט כּמעט נישטאָ קיין בעלנים. און עס קענען זיך אויך דאָרט מאַכן אַנדערע וויכטיקערע זאַכן, מען זאָל זיי קענען קויפֿן בחצי־חינם.

„פֿאַרלאָז זיך אויף מנשהן!" — האָט ער אויסגערופֿן מיט אַ זיכער־קייט.

האָב איך זיך פֿאַרלאָזט אויף מנשהן, און מיט אים צוזאַמען אַוועק אויף דעם אָוקשאָן.

דער אַרײַנגאַנג איז פֿרײַ, נאָר פֿריִער רעגיסטרירט מען זיך. אַ פֿרוי

מיט אַ ליבלעכן שמייכל פֿאַרשרײַבט אַלץ וואָס מען דאַרף אויף אַ דעקלאַ־ראַציע־בויגן. דערנאָך דערלאַנגט זי מיר אַזאַ רונדיק ברעטל מיט אַ הענטל אין דער פֿאָרעם פֿון אַ פּאַטעלניע. און אויף דעם ברעטל איז אויפֿגעשריבן אַ נומער 101, דאָס איז מײַן נומער, איך האַלט דאָס בײַם הענטל, און ווען עס ווילט זיך מיר עמעצן איבערשטײַגן מיטן פּרײַז, דאַרף איך נישט מער ווי אויפֿהויבן דאָס ברעטל מיטן נומער. און דער „ממזר" וואָס שטייט אויבן בײַ אַ שטענדער מיט אַ מיקראָפֿאָן, און ווערטער גיסן זיך פֿון זײַן מויל ווי פֿון דער ניאַגאַראַ, כאַפּט עס גלײַך אויף אויפֿן קול, און שוין. שוין הייסט, אַז ער האָט שוין געכאַפּט אַן אַנדערן וואָס גיט נאָך מער.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט, נאָר קיין ייִדישע שרײַבמאַשין זע איך נישט. ס'איז סתם אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי מענטשן שטײַגן זיך איבער די פּרײַזן, און האַנדלען זיך אײַן אַ קאַנדעלאַברע, אַן איילבילד, אַ כינעזישע וואַזע, אַ פּאָר שטעקשיך פֿון צאַר ניקאָלאַי, אַ פּאָרטעפּיאַן, אַ טעפּער פֿון קעניג פֿײַזלס האַרעם; טשיקאַווע זאַכן פֿון כינע, אינדיע, טערקײַ און באַגדאַד. פֿון אַזעלכע מקומות זאָל זיך יאַווען אַ ייִדישע שרײַבמאַשין, קען איך מיר אין מײַן פֿאַנטאַזיע נישט פֿאָרשטעלן.

צוויי פֿלינקע יונגע־לײַט מיט בלאָקן אין די הענט גייען אַרום צווישן עולם, נאָטירן, נעמען געלט, טשעקן, האַנטגעלט פֿאַר געקויפֿטע זאַכן. און אַלץ ווערט געמאַכט שטיל און פֿרײַנדלעך.

מען ליציטירט אַ טיש וואָס שטאַמט פֿון אַ פּאַלאַץ. אַ האָלץ־געשניצ־טער טיש, מיט האָלץ־געשניצטע שטולן, און אַ פּאָטעל אין יעדן עק טיש. אויפֿן טיש אַ סערוויז, אַ באַגילדעטער מיט ברייטע פּאַסן ריינעם גאָלד. אַ קייסערלעכע זאַך, די שניצערײַען אינעם האָלץ זענען ממש צום באַ־וווּנדערן.

ער איז אָבער נישט קיין שׂכלדיקער טיש, ווײַל דער טיש איז אַזוי לאַנג, אַז ווען צוויי מענטשן פֿון בײַדע עקן טיש ווילן זיך דורכרעדן, דאַרפֿן זיי האָבן אַ טעלעפֿאָן. און דער סערוויז מיטן ריינעם גאָלד פֿון אַזוי פֿיל שיסלען, טעלערס, קרוגן, וואַזעס, טעפּלעך. דאָס מוז דאָך ווערט זײַן... שוין! מען האַלט שוין בײַ צען טויזנט. איינער גיט שוין עלף, און אַ צווייטער איז געשפּרונגען אויף דרײַצן טויזנט. האָט ווידער איינער געהויבן זײַן נומער אין דער הייך, און אַז מען הייבט דעם נומער הייבט זיך דער פּרײַז. אַ צווייטער האָט געהויבן נאָך העכער, און, סאָלד! פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר פֿופֿצן טויזנט דאָלאַר!

דער יונגער־מאַן וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַדורכפֿירן די טראַנזאַק־ציעס גייט זיך שמייכלענדיק, מיטן בלאָק אין האַנט, און קומט צו גלײַך צו

מיר, כאַפּט אויף מיר אַ בליק, צעשמייכלט זיך נאָך מער, פאַרנייגט זיך און הייבט אָן שרײַבן אינעם בלאָק. דערלאַנגט מיר אַ רעכענונג אויף פופצן טויזנט דאָלאַר, אויסער דעם טעקס און די פּראָצענטער פון דער קאָמפּאַני.

איך קוק אויף אים אַ דערשראָקענער און פרעג אים: איר מיינט עס טאַקע מיך?!

— אַוודאי, איר זענט דאָך דער נומער 101.

— אַ בייזער חלום צו מײַנע שונאימס קעפּ! נאָך וואָס דאַרף איך אַ טיש פאַר פופצן טויזנט דאָלאַר?

— פאַר וואָס זשע האָט איר געקויפט?

— איך האָב נישט געקויפט! איך האָב מיר געגעבן אַ קראַץ אין שטערן, האָב איך אויפגעהויבן די האַנט. האָט ער דאָרט געמיינט... אַ טעות געווען... איך דאַרף נישט קיין טיש. איך דאַרף נישט קיין גאָלדענע טעלער. איך דאַרף אַ שרײַבמאַשין. אַ יידישע שרײַבמאַשין. איר פאַרשטייט מיך?!

איך רעד, און ער קוקט אויף מיר שטיל בייסנדיק אַ ליפּ.

— איך בעט אײַך — טענה איך צו אים ווײַטער — איר פאַרשטייט דאָך אַליין אַז נישט יעדער איינער קאָן זיך דערלויבן צו קויפן אַ טיש פאַר פופצן טויזנט דאָלאַר. ס'איז געשען אַ מיספאַרשטייעניש, איך האָב אויפגעהויבן די האַנט אַ קראַץ טאָן דעם שטערן, און געהאַלטן דאָס ברעטל מיטן נומער. וויקלט זיך נישט אײַן אין מיר, דאָס קען זיך אָפּרופן אויף מײַן געזונט.

דער בחור וואָס דאָס צעשמייכלטע פּנים זײַנס איז געוואָרן ערנסט און בייז האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע מיטן בליק צום סופיט, געזאָגט אַז ער קומט באַלד צוריק, און אַוועק.

מנשה, וואָס זיצט לעבן מיר, אַ שרעקלעכער מענטש, אַ בײַזער שד זיצט אין אים. ער לאַכט און האַלט אין איין לאַכן. איך בין פול מיט פּחד און מיט אַ שווייס אויפן שטערן, און ער האָרכט זיך צו צו דער גאַנצער מעשׂה, און לאַכט מיט הנאה, אַ סאַדיסט!

דער בחור איז צוריקגעקומען און מיר געזאָגט אַז דער דאָקטאָר מאַנדעל, וואָס זיצט אין יענער זײַט, איז אינטערעסירט אָפּצוקויפן פון אײַך דעם טיש מיטן סערוויז, אויב איר וועט נישט וועלן צו פיל פאַר־דינען דערבײַ.

— איך וויל נישט פאַרדינען! ווער האָט אײַך געזאָגט אַז איך וויל פאַרדינען? איך בין געקומען אַהער וועגן אַ שרײַבמאַשין, אַ יידישע שרײַבמאַשין.

— הייסט דאָס אַז איר ווילט אַ שרײַבמאַשין?

— ניין! — גיט מנשה אַ געשריי.

— יאָ! — רײַס איך אים איבער. אַ בלויזע שרײַבמאַשין! מעג אַפילו זײַן אַ געניצטע, נאָר אין אַ גוטן צושטאַנד.

— ער וועט זיכער מסכּים זײַן. — זאָגט דער בחור. איך גיב אײַך שוין אָן ענטפער. און אָט איז ער שוין דאָ צוריק מיט אַן „אָקעי״! דאָס געשעפט איז געמאַכט! ער באַשטעלט פאַר אײַך טעלעפאָניש אַ נײַע יידישע שרײַבמאַשין, וואָס מען וועט זי אײַך אַרויסשיקן מיטן עראָפּלאַן. איר זענט צופרידן?

— זייער.

— דו זעסט — האָט מנשה, וואָס האָט פּלוצעם אויפגעהערט לאַכן — אויפגעשטעלט זיך אַ בייזער — כ'האָב דאָך דיר אַלע מאָל געזאָגט:

— פאַרלאָז זיך אויף מנשהן! איצט זעסטו שוין?

מאַטילדע פון תּל־אָביב

איך בין נישט געקומען קלאָגן זיך פאַר אײַך. כ׳האָב אַלצדינג. עס פעלט מיר גאָרנישט. נאָר איין זאַך וואָס עס פעלט מיר יאָ, איז צײַט. איך האָב נישט קיין צײַט. און אַז איך האָב שוין אַ מאָל אַ ביסעלע צײַט, ווערט זי מיר אויסגערונען אונטער דער האַנט. די צײַט אַליין האָט קיין צײַט נישט.

בעצם איז אויף דער וועלט פאַראַן אַזוי פיל צײַט, אַז עס קאָן סטײַען פאַר צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן. ס׳זײַנען גאָר ניטאָ אַזוי פיל מענטשן אויף דער וועלט וואָס זאָלן קענען פאַרווענדן די גרויסע איבעריקע צײַטשטיקער, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אויף ניוועץ.

צו אונדזער רשות שטייט אַ גאַנצער יאָרהונדערט, וואָס יעדער איינער קאָן זיך פון דעם נעמען וויפל צײַט ער וויל. דער יאָרהונדערט קאָסט נישט קיין געלט, דעם יאָרהונדערט האָט מען אין גאַנצן אומזיסט.

נאָר איך בין באַשעפטיקט בײַ אַזאַ פאַך, וואָס פאָדערט אַ סך געדולד און אַ סך צײַט. צוליב דער צײַט פאַרליר איך דאָס געדולד.

ווילט איר דאָך וויסן וואָס פאַר אַ פאַך דאָס איז, וועל איך אײַך דער־ציילן:

איר האָט געלייענט אין דער צײַטונג די אַנאָנסן וועגן אַ שידוכים־ביוראָ, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער מאַדאַם מאַטילדע? דאָס בין איך, מאַטילדע.

דאָס איז נישט די זעלבע שדכנות וואָס איז געווען אַ מאָל. אָ, ניין! אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. הײַנט איז דאָס אײַנגעאָרדנט מיט אַ מאָדער־נעם טעכנאָלאָגישן סיסטעם. צוויי סעקרעטאַרינס, דרײַ טעלעפאָנען און אַ קאָמפּיוטער.

ווען אָדם הראשון וואָלט דעמאָלט געהאַט פאַר זיך מאַטילדעס שידו־כים־ביוראָ וואָלט מען דאָך פאַרשפּאָרט אויסצושנײַדן פון אים אַ ריפּ, כּדי ער זאָל האָבן מיט וועמען חתונה צו האָבן. דער קאָמפּיוטער וואָלט אים פאַרזאָרגט מיט אַ ווײַב, וואָס וואָלט זיך נישט געלאָזט אָנרעדן צו אַ נאַרישן עפּל פון עץ־הדעת און אָנמאַכן אַ סומאַטאָכע און אַ שטאָר־בערײַ אויף דער וועלט. אויך די דאָקטוירים זענען שוין הײַנט געקומען צו דער זעלבער מיינונג, אַז דאָס שטאַרבן מאַכט אַ תּל פון דעם מענטש.

דערנאָך האָט זיך חאַוּוטשע אַרומגעדרייט אין גן־עדן אַן אויסגע־

שמירטע מיט שמן־זית, קאַקעטירט מיט אַ פֿײַגנבלעטל און ברוינע נעגל פֿון הענאַ, און געמיינט אַז קיין שענערס איז אויף דער וועלט נישטאָ.

פֿון קיין חופּה־וקידושין, שדכנים, קלעזמער און אַ סעודה מיט דזשאַזטענץ, האָט מען דעמאָלט בכלל ניט געוווּסט. אָדם הראשון האָט זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל, איז אין שלאָף אַנטשטאַנען זײַן פֿרוי. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, איז ער שוין געווען אַ באַווײַבטער.

הײַנט איז גאָר אַן אַנדערע וועלט. הײַנט אַ מאַן לאָזט זיך נישט אײַנשלעפֿערן. הײַנט איז דער צוגאַנג צו אַזעלכע זאַכן אַ וויסנשאַפֿט־לעכער, אַ פּסיכאָלאָגישער. מענטשן האָבן קאַפּריזן, פּאַרלאַנגען. די שטאַר־קסטע מענער האָבן שוואַכקייטן.

איר וואָלט דאָס אפשר בעסער פֿאַרשטאַנען, ווען איך דערצייל אײַך עטלעכע זאַכן פֿון מײַנע קליענטן. דעמאָלט וואָלט איר געזען, אַז אַפֿילו מיט די סעקרעטאַרינס און מיט דעם קאָמפּיוטער איז אויך שווער זיך אַן עצה צו געבן. ווען איך האָב צײַט, וואָלט איך אײַך דערציילט. אָבער עס וואַרט אויף מיר אַ פֿרוי, וואָס וויל חתונה מאַכן אַ טאָכטער. איך האָב שוין הײַנט דעם צווייטן אַפּאָינטמענט מיט דער פֿרוי. אין דער צײַט וואָס איך בין באַשעפֿטיקט מיט איר, האָב איך געקענט האָבן חתונה געמאַכט זעקס מיידלעך און בײַ איר הייבט זיך נאָך אַלץ ניט אָן.

זי איז אַ געוויינטלעכע פֿרוי. אַן אויסערגעוויינטלעך געוויינטלעכע פֿרוי. זי האָט אָפּגעלעבט מיט איר מאַן אַ שעה מיט אַ פֿערטל. דערנאָך איז ער פֿאַרשווּנדן און זי ווייסט נישט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען. קיין גט האָט ער איר נישט געלאָזט. דערפֿאַר האָט ער איר געלאָזט אַ טאָכטער, וואָס איז הײַנט נאָענט צו די אַכצן.

— אויב אַזוי — זאָג איך איר — איז דאָך אײַער טאָכטער אַ נישט־געזעצלעך קינד.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, כ׳בעט אײַך. זי איז אויסערגעוויינט־לעך געזעצלעך. זי איז געבוירן געוואָרן אין הדסה־שפּיטאָל, אַן אַ קיסר־שניט און אָן אַן אינקובאַטאָר. וואָס קען נאָך זײַן געזעצלעכער פֿון דעם? זי האָט נישט געדינט אין מיליטער, ווײַל זי איז אַ פֿרומע, אַ צנועה, אַ שעמעוודיקע, גייט נישט מיט קיין בחורים. וויל איך זי וואָס שנעלער חתונה מאַכן. איר, צוזאַמען מיט דעם קאָמפּיוטער, דאַרפֿן אויסגעפֿינען פֿאַר איר אַ דאָקטאָר. דאָקטוירים זענען שוין הײַנט נישט אַזאַ וואַזשנע מציאה, עס זענען שוין הײַנט דאָ מער דאָקטוירים ווי קראַנקע...

— אָבער — האָב איך איר איבערגעריסן — מען וועט דאַרפֿן אַ ביסל צווואַרטן. איך האָב פֿאַר איר אַ דאָקטאָר, וואָס איז נאָך נישט קיין פֿאָלנער. ער האַלט נאָך אין מיטן לערנען.

— צו וואָס וואַרטן? עפּעס האָט ער זיך דאָך שוין אויסגעלערנט, וועט ער דערווײַל היילן קליינע קינדער, קליינע קינדער קען ער דאָך שוין היילן?

— ניין. ער איז נאָך נישט קיין אויסגעענדיקטער.

— פֿאַרלאָזט אײַך אויף מײַן טאָכטער, זי וועט אים שוין אויסענדיקן.

איינע איז געקומען צו מיר, אַן אינטעליגענטע, נישט אַזוי שרעקלעך יונג, אָבער זי קען שפּראַכן. פֿינף יאָר האָט זי געהאַט אַ געליבטן, אַן אַדוואָקאַט. זיי זענען זיך צעגאַנגען, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. וויל זי באַקענען אַ מענטש פֿון העכערן קלאַס.

האָב איך איר פֿאַרגעלייגט אַ מיניסטער. אַן אַלטער יונגער־מאַן, וואָס זײַן פֿרוי איז געשטאָרבן פֿון אַ זעלבסטמאָרד באַלד נאָך דער חתונה.

— וואָס וועל איך טאָן — זאָגט זי — אַז עס וועט זיך מאַכן אַ שפּאַלטונג אין דער רעגירונג, און ער וועט ווערן אויס מיניסטער? פֿון וואַנעט וועט ער דעמאָלט נעמען אויף צום לעבן, אַז קיין פֿאַך האָט ער נישט?

האָב איך איר פֿאַרגעלייגט אַ מאָלער, אַ קינסטלער, וואָס מאָלט אַבסטראַקטע בילדער. ער פֿאַרדינט טאַקע גאָרנישט, און טייל מאָל נאָך ווייניקער. אָבער נאָך זײַן טויט וועט זײַנס אַ בילד ווערט זײַן אַ מיליאָן.

— זייער גוט — זאָגט זי — אָבער וואָס וועל איך טאָן, אַז ער וועט נישט וועלן שטאַרבן? די מענער נאָך דער חתונה האָבן תּמיד ליב צו טאָן די פֿרויען צו להכעיס. וועל איך דעמאָלט בלײַבן אַ באַסטראַקטע פּונקט ווי זײַנע בילדער.

איצט ווייסט איר שוין וויפֿל צײַט און געדולד עס פֿאָדערט זיך צו דעם פֿאַך? איך וואָלט אײַך נאָך דערציילט, נאָר... נישטאָ קיין צײַט.

אַ מעשׂה אָן אַ סוף

— איך בין איצט געוווּר געוואָרן אַז איר וווינט אין דעם צווייטן הויז פון מיר. האָב איך מיר געטראַכט, אַ גוטער שכן, אַ מענטש וואָס שרײַבט אין די בלעטער. אין דער אמתן קענען מיר זיך שוין פון לאַנג. מיר האָבן זיך באַקענט אויף אַן אָוונט, אַ לעקציע. דאָס איז געווען אַ רעפעראַט פון דאָקטאָר לאַקבעץ, ער האָט גערעדט וועגן דעם „סעקסועלן לעבן פון טראָפּישע פיש". מען האָט אים ספּעציעל געבראַנגט קיין מאָנט־רעאָל פון פּתח־תקוה און אײַנגעקוואַרטירט אים אין אַ האָטעל. אַ שיינער אָוונט געווען, אַלע מענטשן זענען אַוועק צופרידן, די אינטעלעקטועלע און אויך די נאָרמאַלע.

איצט בין איך געקומען אײַך פרעגן, ווי לאַנג וועט איר אַזוי ציִען דעם פאַרביסענעם סטרײַק אײַערן? וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי תּמעוואַטע?

— איך ווייס נישט וואָס איר רעדט צו מיר, וואָס פאַר אַ סטרײַק און וואָס פאַר אַ וואַטע? רעדט צו מיר קלאָר און אָפן.

— גוט, גוט, כ׳וועל רעדן צו אײַך קלאָר און אָפן. כ׳האָב אײַך שוין דרײַ וואָכן נישט געזען אין צײַטונג. מיר קענט איר נישט אָפּסטראַשען, פאַר מײַנט וועגן קענט איר יאָ שרײַבן, נישט שרײַבן. איך לייען סײַ ווי נישט די דאָזיקע זאַכן. איך האָב ליב צו לייענען וועגן עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע זאַכן, ווײַל איך לײַד אויף שלאָפלאָזיקייט. נאָר מײַן ווײַב, זי צעשמעלצט זיך פון נחת פון די דאָזיקע מעשׂיות אײַערע. זי זאָגט אַז איר קענט צוזאַמענשטעלן אַ זאַך. האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וועל אַרײַנגיין כאַפּן אַ שמועס מיט אײַך, ווײַל איר וווינט דאָ אין צווייטן הויז, וועט זי וויסן פאַר וואָס איר האָט לעצטנס נישט געשריבן. איז פאַר וואָס טאַקע, כ׳בעט אײַך?...

— ווײַל איך בין געווען לעצטנס באַשעפטיקט.

— באַשעפטיקט זענט איר געווען? מיר וועט איר דאָך נישט דערציילן אַזעלכע מעשׂיות. און אַז מען איז באַשעפטיקט, שפּילט אַ ראָלע צו כאַפּן אַ פּען מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנשרײַבן אַ מעשׂה אויף שבת, אַז מײַן ווײַב זאָל זיך נישט אויפרעגן? צײַט זי האָט אַרײַנגעכאַפּט דעם רעוומאַ־טיזם איז מיט איר נישט אויסצוהאַלטן.

די אמתע סיבה פאַר וואָס, ווייס איך גאַנץ גוט. איך בין נישט קיין

צוויי פּאָר אַ דרײַער. נאָר גאָרנישט, לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן דעם. אין דער רעדאַקציע אײַערער קומט איר אָפּט אַרײַן?

— קעגן וואָס ווילט איר דאָס וויסן?

— קעגן דעם אַז אויב איר וועט זײַן אין דער רעדאַקציע, וויל איך אַז איר זאָלט זאָגן דעם רעדאַקטאָר אײַערן אַ פּאָר ווערטער, וואָס וועלן אים נישט שמעקן. אָבער שטילערהייט זאָלט איר אים זאָגן, קיינער זאָל נישט הערן, ווײַל מען טאָר נישט פאַרשעמען עפנטלעך. ער האָט געשריבן, אײַער רעדאַקטאָר, אַז איציק מאַנגער איז אַ ליריקער, און דאָס איז נישט ריכטיק. איציק מאַנגער איז אַ טשערנאָוויצער. איך ווייס בעסער פון אים, כאָטש ער איז אַ רעדאַקטאָר.

איך וויל הערן אײַער מיינונג וועגן דעם וואָס איך גיי אײַך איצט דער־ציילן. צו מיר איז געקומען אַ פרוי אַן אַלמנה. אַ שכנה, וואָס ווינט מיט אַ שטאָק העכער. דער מאַן אירער איז געווען אַ שרײַבער וואָס האָט געהאַנדלט מיט פלייש, אַ געזונטער מענטש געווען. ווען נישט דאָס שרײַבן וואָלט ער נאָך הײַנט געלעבט. האָט ער איבערגעלאָזט אַ נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן. אַ האַלב לעבן האָט ער געשריבן דעם ראָמאַן. זוכט זי, די אַלמנה, איינעם אַ גוטן שרײַבער, ער זאָל איר אויסענדיקן איר מאַנס ראָמאַן, וועט זי אים אַרויסגעבן אין אַ בוך און באַקומען אַ ליטעראַטור־פּרעמיע. זי איז גרייט צו באַצאָלן. זי איז אַ רײַכע פרוי. אַזוי ווי זי קען אַזעלכן נישט געפינען, איז מײַן עצה געווען אַז זי זאָל אָפּדרוקן דעם ראָמאַן אַזוי ווי ער איז, און צושרײַבן די פּאָר ווערטער וואָס איר מאַן אַליין האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן פאַרן טויט: „זײַט מיר מוחל, חשובע לייענערס, וואָס צוליב מײַן פּלוצעמדיקן טויט האָב איך דעם ראָמאַן נישט געענדיקט". זײַן אונטערשריפט. און נישט מער.

וויל איך הערן אײַער מיינונג וועגן דעם.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס'איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, סײַדן דעם ראָמאַן אינגאַנצן ניט אָפּדרוקן. דאָס איז דאָך אָבער אוממעגלעך.

— כ'וועל, דאַכט זיך, מוזן פרעגן דער רעדאַקציע, זיי וואָלטן שוין עפּעס אויסגעפונען וועגן דעם.

— פרעגט די רעדאַקציע.

— בין איך דאָך אָבער מיט זיי צעקריגט צוליב אַ נעקראָלאָג. איך האָב געוואָלט אַרײַנגעבן אַ נעקראָלאָג נאָך מײַן פאַרשטאָרבענעם שותּף. אַלע ווייסן אַז אַ נעקראָלאָג האָט אַ ספּעציעלן ביליקערן פּרײַז, אפשר אַ העלפט פון אַ חתונה־באַגריסונג. האָבן זיי בײַ מיר גענומען אַ פּרײַז... זאָלט איר גאָרנישט פרעגן. איך וויל אײַך איבערלייענען דעם אַנאָנס, ווײַל איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן פּאָר וואָס די באַנדיטן האָבן גענומען אַזוי פיל געלט. אָט הערט וואָס איך האָב געשריבן:

„אין טיפן טרויער באַוויין איך דעם טויט פון מײַן ליבן שותּף, פון דער באַקאַנטער פירמע 'שטיפט', וואָס אַרבעט אויס פּאַטעלן, סאָפּעס, שענק, טישן פון בעסטן טיק־האָלץ, נײַעסטע מאָדעלן, מיט אַ רעדוקציע פון פופציק פּראָצענט. קומט און איבערצײַגט אײַך".

איז עס געקומען מען זאָל בײַ מיר נעמען אַזאַ פּרײַז דערפאַר?

שוין, איך וויל נישט הערן אײַער תּשובה, און קלערט נישט אַרײַן אין דעם אַזוי לאַנג. ס'קען זײַן אַז איר זענט נישט בעסער פון זיי. און וועגן דעם וואָס איר האָט דרײַ וואָכן נישט געשריבן, ווייס איך די ריכטיקע סיבה, און איך וועל אײַך זאָגן, איך וועל זיך פאַר אײַך נישט שעמען. און כ'האָב פאַר אײַך נישט קיין מורא.

איר האָט נישט געשריבן ווײַל איר האָט זיך אויסגעוועפּט, אָדער איר האָט נישט געפונען קיין טעמע.

— ריכטיק! אַזוי איז עס!

— אָט אַזוי געפעלט איר מיר. איר זענט אַ מענטש וואָס האָט דעם מוט זיך מודה צו זײַן. דערפאַר וועל איך אײַך העלפן, איך וועל אײַך געבן אַ טעמע, אויסצוגיין פון געלעכטער. דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר אַליין. מען דאַרף עס נאָר צוזאַמענשטעלן. ווען איך קען אַזוי צוזאַמענ־שטעלן ווי איר, וואָלט איך עס אַליין אָנגעשריבן. דאָס מוז מען מודה זײַן, אַז איר זענט נישט קיין שלעכטער צוזאַמענשטעלער.

דאָס איז געווען אין יאָר... באַלד, לאָמיר זיך דערמאָנען... וואָס רעד איך? אַ סך מער... דאָס איז געווען... יאָ... און אפשר ניין. נישט וויכטיק דאָס יאָר. איך האָב דעמאָלט געוווינט אין טאָראָנטאָ מיט מײַן ערשטער פרוי, אפשר איז זי אײַך באַקאַנט, דער היינטיקער מאַן אירער איז אַ שנײַדער און ער האָט אַ ברודער וואָס מען דאַרף זיך פון אים זייער אויסהיטן, ווײַל ער איז אַ ווילער ייִד, יעדער איינער האָט שוין געהערט אַז ער איז אַ ווילער ייִד. די צוויי ברידער קוקן אויס צו זײַן אַ צווילינג. וועגן דעם ערשטן בין איך זיכער. נאָר וועגן דעם צווייטן ווייס איך נישט. וועגן דעם ברודער האָב איך צו דערציילן אַ וואָזשנע מעשׂה, איר וועט זיך האַלטן בײַ די זײַטן. ער האָט געוואָלט ווערן אַ פּרעזידענט, האָט ער אַ חבר, אַ קליינער אָבער אַ גרויסער מענטש. אַ נידעריקער מיט הויכע געדאַנקען. איז אים עפּעס נישט געגאַנגען אַזוי גוט, האָט ער צוגענומען אַ שותּף, און וועגן דעם שותּף וועל איך אײַך דערציילן מעשׂיות: פּערל און בריליאַנטן. פון אים אַליין וועט איר האָבן טעמעס אויף צו שרײַבן אַ גאַנץ יאָר. ס'וועט מיר זײַן אַ ביסל שווער צו דערציילן, ווײַל איך וועל יעדער רגע אויסשיסן מיט אַ געלעכטער.

— איר ווייסט וואָס? — האָב איך אים איבערגעריסן — מיר וועלן ענדיקן די מעשׂיות אַ צווייט מאָל, ווײַל איך בין שוין מיד.

— אַז איר ווילט האָבן אַ טעמע אויף אַ גוטער הומאָרעסקע מוזט איר הערן ביזן סוף.

— איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן, פֿאַרלאָזט אײַך אויף מיר. איך זאָג אײַך צו, אַז די הומאָרעסקע וועט שוין זײַן.

— בײַ אַ מעשׂה איז דאָך אָבער וויכטיק דער סוף.

— וועל איך דאָס מאָל האָבן אַ מעשׂה אָן אַ סוף.

זעליקס ווײַב

אַז אַ מאַן קומט אַהיים אַ נערוועזער, אַ מידער פון זײַנע ביזנעס, דאַרף מען אים לאָזן אויסרוען דעם קאָפּ, לייענען אַ צײַטונג, צו וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַזוי האָט ער געטענהט צו זײַן אויפגערעגטער פרוי.

— אויב דו ווילסט וויסן — זאָגט זי — וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, פרעגט מען מיך. איך האָב שוין אַדורכגעלייענט די גאַנצע צײַטונג. מען שרײַבט דאָרט אַז דער חברטע שפּרינצע קומט אַ מזל־טוב, ס׳איז איר געבוירן געוואָרן אַן אייניקל. און אַז ס׳איז געשטאָרבן איינער אַ קולטור־טוער. ווען עס קומט אויס עמעצן צו שטאַרבן, טרעפט עס אַ קולטור־טוער.

— ווי האַלט עס מיט דער פּאָליטיק אין ישׂראל?

— מען האָט געשאָסן אַ טעראָריסט בײַ דער גרענעץ, וואָס האָט געוואָלט אָקופּירן תּל־אָביב.

— אָבער וואָס טוט זיך אין דער כּנסת?

— איינער אַ מיניסטער וואָס געהערט צו די טויבן, האָט זיך געגעט מיט זײַן ווײַב. און מען האָט שוין געפונען נאָפט.

— ווו האָט מען געפונען?

— אין דער צײַטונג. בײַ אונדז דאָ אין מאָנטרעאָל זענען דאָ מער נײַעסן ווי אויף דער גאַנצער וועלט. זעליקס ווײַב, דו קאָנסט זי דאָך, דער מאַן אירער האָט אַ פאַבריק פון רעגן־מאַנטלען. זי גייט דאָך שוין אויפן קאָפּ, זי האָט זיך אָפּגעשניטן אַ שטיק פון איר לאַנגער נאָז, אַרײַנגעשטעלט זיך גרויסע ציין, נײַע ברעמען, און די נאַרישע מאַנספאַרשוינען זאָגן אַז זי איז שיין. וואָס זאָגסטו צו דעם? דיר געפעלט זי אויכעט? דו הערסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר? דו שלאָפסט?

— ניין, איך דרימל.

— אָבער מען רעדט דאָך צו דיר.

— וואָס רעדט? ווער רעדט?

— איך רעד.

— זי רעדט, אַ נײַעס, ווען רעדסטו נישט? איז וואָס רעדסטו?

— איך רעד וועגן זעליקס ווײַב וואָס האָט זיך פאַרראַכטן די נאָז, אַרײַנגעשטעלט זיך גרויסע ציין, צוגעקלעפּט זיך ברעמען, די האָר געפאַרבט אויף גאָלד. וויל איך וויסן וואָס דו זאָגסט צו דעם.

— וואָס ווייס איך צו זאָגן? וואָס ווילסטו זאָל איך זאָגן?

— צי זי געפעלט דיר.

— לאָמיר זאָגן אַז איך ווייס נישט.

— הייסט דאָס אַז זי געפעלט דיר יאָ, הייסט דאָס אַז דו ווילסט מיר אָפּדריקן אַ גאַל.

— וואָס פּאַר אַ גאַל? וועגן וואָס רעדסטו צו מיר?

— וועגן זעליקס ווײַב.

— איך קאָן דאָך זי נישט. איך ווייס אַפילו נישט ווי אַזוי זי קוקט אויס. דעם מאַן אירן, דעם זעליקן, אים קאָן איך אין גאַנצן נישט. האָסט מיר אַזוי צעדרייט דעם קאָפּ, אַז איך ווייס שוין נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז אַ מאַן קומט אַהיים אַ נערוועזער פון זײַנע ביזנעס, דאַרף מען אים לאָזן אויסרוען די נערוון.

— און מיט אַן אײַגענער פרוי דאַרף מען נישט אויסרעדן אַ פּאָר ווערטער? איך בין נישט דײַן פרוי? דײַן איין און איינציקע פרוי?

— כ׳ווייס נישט, כ׳ווייס נישט וואָס דו רעדסט צו מיר. דרײַ טויזנט יאָר זענען מיר געווען אין גלות!

— אַ מאָל האָסטו געזאָגט צוויי טויזנט יאָר.

— ווילסטו אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר זאָל איך געדענקען גענוי?

— וואָס געדענקסטו יאָ? דו געדענקסט אַפילו נישט ווער עס האָט דיך געבוירן. ווער האָט דיך געבוירן?

— מײַן מאַמע.

— ווער איז געווען דער טאַטע דײַנער?

— כ׳ווייס נישט! כ׳ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון מיר!

— דו געדענקסט נישט. ווען פאַלט אויס אונדזער חתונה־טאָג?

— נאָך שבת.

— דינסטיק, גענוי דעם דרײַ און צוואַנציקסטן!

— אַזאַ אומגליקלעכער טאָג! ווי איך האָב הײַנט. אויף דער וועלט קומען פּאָר גוואַלדיקע זאַכן, ליגט איר אין קאָפּ באָבע־מעשׂיות, זעליקס ווײַב, אַ לאַנגע נאָז. די פּאָליטישע לאַגע אויף דער וועלט איז אַן אָנגע־צויגענע.

— גוט, וועל איך דיך פרעגן אַ פּאָליטישע פראַגע, פּאַר וואָס האָט זיך דער מיניסטער אין ישׂראל געגט מיטן ווײַב?

— ווײַל ער איז קליגער פון מיר. ווײַל ער האָט צוריקגעגעבן זײַנע פאַרנומענע טעריטאָריעס.

— דערפאַר גט מען זיך מיט אַן אייגענער פרוי?

— נאָר מיט אַ פרעמדער?! האָסט שוין געזען אַז אַ מענטש זאָל

זיך גטן מיט אַ פּרעמדער פּרוי? וואָס האָסטו זיך בכלל אָנגעטשעפּעט אין די ווײַבער? דאָ רעדט מען וועגן אַ מיניסטער, אַ וויסנשאַפטלער, אַן אַרכעאָלאָג, מישט זי אַרײַן ווײַבער. דו ווייסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַן אַרכעאָלאָג?

— אַוודאי ווייס איך. דאָס איז אַזעלכער וואָס פאַרנעמט זיך מיט קימפּעטאָרינס.

— אַזוי!? איז וואָס זשע איז אַ גיניקאָלאָג?

— אַ גיניקאָלאָג איז אַזעלכער וואָס זוכט נאַפט אין דער ערד.

— וואָס זשע איז אַ געאָלאָג?

— דאָס איז אַזעלכער וואָס פאַרשט שפּראַכן.

— ווער זשע איז אַ פילאָלאָג?

— אַז מען ווייסט נישט איין וואָרט עקט זיך שוין די וועלט? ס׳איז זייער שיין פון מײַן זײַט אַז איך האָב געוווּסט ביז אַהער.

— טאַקע זייער שיין. אָבער אַרכעאָלאָגיע איז אַ גריכיש וואָרט, און מען דאַרף עס נישט אויסמישן מיט אַנדערע ווערטער. אַרכעאָלאָגיע איז עפּעס אַנדערש, און כאָלעריע איז עפּעס אַנדערש. אַרכעאָלאָגיע פאַרנעמט זיך מיט גראָבן אין דער ערד און אַנטדעקן אַלטע היסטאָרישע זאַכן.

— כ׳האָב געזען אין אַ געשעפט פון אַנטיקן אַן „אייער־קאָנדישאָנער" פון שלמה המלכס פּאַלאַץ.

— מען קאָן נישט זײַן זיכער צי דאָס איז ראַיעל, די זאַכן וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן זענען הונדערט פּראָצענט זיכער, די מגילות וואָס מען האָט געפונען בײַם טויטן ים מיט משה רבינוס כּתב זענען ריכטיקע.

— וואָס פאַר אַ ים איז דאָס דער טויטער ים?

— דער טויטער ים, דאָס איז דער ים־המלח.

— ווייס איך דאָך שוין אַלץ. זעליקס ווײַב האָט זיך דאָרט געבאָדן ווײַל זי לײַדט פון רעוומאַטיזם. דער טויטער ים האָט איר לעבעדיק געמאַכט. אַזאַ וואַזשנעם ים זאָל מען טויטן. ווער האָט אַזעלכעס געקאָנט טוען? מן־הסתּם אַראַבישע טעראָריסטן. פאַר וואָס זשע טוט מען גאָר־נישט אָפּצוראַטעווען דעם ים?

— ראַטעווע בעסער מיך און לאָז מיך אַליין, ווײַל דער קאָפּ...

— איך שטער דיר נישט. איך טשעפּע דיך נישט.

— וואָס זשע דען ווילסטו פון מיר?

— זאָלסט מיר זאָגן דײַן מײַנונג וועגן זעליקס ווײַב.

ער האָט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן

אַ דאַר מענטשעלע מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, און מיט צוויי שטעקנס איןביידע הענט, איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און מיט צעשראָקענע אויגן אַרויפגעקוקט צום ריכטער.

דער ריכטער, אַ רונדיקער, אַן אויסגעפּילטער, מיט רויטע בעקעלער, האָט געהאַלטן אַ פּאָר פּאַפּירן אין די ווײַסע קישלדיקע הענט און פּאַר־געלייענט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן, אַז ער ווערט באַשולדיקט אין אונטער־צינדן זײַן וווינונג כּדי ער זאָל קענען אָפּנעמען אַ פאַרזיכערונג פון הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר. און דאָס איז געמאַכט געוואָרן באַוווּסטזיניק, באַדראָענדיק די גאַנצע געגנט און דאָס לעבן פון אַלטע, פרויען און קינדער.

ווען דאָס דאַרע מענטשעלע האָט געדאַרפט ענטפערן אויף דער באַשולדיקונג, האָט ער אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַרויִקט, האָט ער מיט אַלע כּוחות אויסגעשריגן:

— אַ ליגן! אַ בילבול! דער אמתער אמת ליגט אונדז דאָ פאַר די אויגן, און יעדער איינער קען אים זען! איך האָב געוואָלט שטאַרבן, הער ריכטער! איך האָב די פולסטע רעכט צו וועלן שטאַרבן, דאָס איז מײַנס אַ ריין פערזענלעכע זאַך, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אַרײַנצו־מישן. מיר לעבן אין אַ לאַנד וווּ עס עקזיסטירט מענטשנרעכט. דאָס הייסט אַז יעדער איינער האָט דאָס רעכט צו זײַן אַ מענטש און טאָן דאָס וואָס ער געפינט פאַר נייטיק. האָב איך זיך אונטערגעצונדן, ווײַל איך האָב דאָס געפונען פאַר נייטיק. נישט די וווינונג האָב איך אונטערגעצונדן, נאָר זיך אַליין. איך האָב אויף זיך אַרויפגעגאָסן נאַפט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, און שוין... און איך בין נישט שולדיק אַז פון דעם פײַער, וואָס איז אַרויס פון מיר, האָט זיך אויך אָנגעצונדן דאָס מעבל, די טעפּע־כער און די בילדער, און די גענעלשאַפט דאַרף איצט באַצאָלן הונדערט מיט פופציק טויזנט דאָלאַר פאַרזיכערונג.

די שכנים אַז זיי האָבן דערזען אַז ס'ברענט, האָבן זיי אויפגעבראָכן די טיר און זיי האָבן קודם־כּל גענומען ראַטעווען מיך. איך בין נישט שולדיק אין דעם וואָס זיי זענען פריִער נישט געגאַנגען ראַטעווען די טעפּעכער, די בילדער, דאָס מעבל, כּדי די קאָמפּאַני זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר פאַרזיכערונג.

מען האָט מיך גענומען אין שפּיטאָל אַרײַן אָן שום אויסזיכטן אַז איך זאָל בלײַבן לעבן. צוויי חדשים בין איך געלעגן אין שפּיטאָל. פינף פּאָרציעס בלוט יעדן טאָג. צוויי פּלאַסטישע אָפּעראַציעס. אָט האָט איר באַשטעטיקונגען פון שפּיטאָל. אַ בריוו פון דאָקטאָר. אונטערגעצונדן? ריכטיק! אָבער זיך אַליין. איך האָב געוואָלט שטאַרבן. יעדער קינד ווייסט, אַז אַ טויטער וועט נישט גיין אָפּנאַרן אַ פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַני צוליב הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר, ווײַל טויטע זענען גאַרנישט אַזוי גײַציק נאָך געלט. לכן, פאָדער איך אָנערקענען מײַן אומשולד, און פאַר־פליכטן די קאָמפּאַני זי זאָל מיר אויסצאָלן מײַן פאַרזיכערונג פון הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר.

— פאַר וואָס — פרעגט דער ריכטער — זענט איר געגאַנגען מאַכן אַ סוף צו אײַער לעבן?

— צוליב מײַן ווײַב. אַן אומגליק, אַ גרויסער בראָך, אַ וויסטע מכשפה. זי איז מיט דרײַסיק יאָר עלטער פון מיר, אַ מיאוסקייט, פאַנפעט, שמאָ־טשקעט, שפּײַט, שעלט און שלאָגט. זי האָט אַ כּוח פון אַ לייב. דרײַ חדשים ווי איך האָב מיט איר חתונה געהאַט. יעדער טאָג האָב איך איבערגעלעבט הונדערט גיהנומס. האָב איך זיך געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן. האָב איך אײַנגעזען אַז כּדי צו ראַטעווען מײַן לעבן מוז איך זײַן גרייט צו שטאַרבן. האָב איך מיך אונטערגעצונדן.

— פאַר וואָס זשע האָט איר חתונה געהאַט מיט אַזאַ איינע?

— ווײַל איך האָב מיר געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן. כ׳האָב גענו־מען בײַ איינעם, אַן אָרעמען אַרבעטער, צען טויזנט דאָלאַר אויף פּראָ־צענט, זײַן אָפּגעשפּאָרט געלט, און כ׳האָב נישט געהאַט צוריקצוגעבן. האָט ער זיך געשווירן בײַ זײַן מאַמען, אַז ער וועט מיך דערהרגענען. זי, מײַן ווײַב, האָט געהאַט אַ סך געלט, האָב איך מיט איר חתונה געהאַט. איך האָב דאָך מיר געמוזט ראַטעווען דאָס לעבן.

— פאַר וואָס זשע נעמט איר בײַ אַן אָרעמען אַרבעטער צען טויזנט דאָלאַר אָפּגעשפּאָרט געלט, ווען איר האָט ניט קיין אויסזיכט צוריקצו־געבן?

— ווײַל איך האָב מיר געמוזט ראַטעווען דאָס לעבן. איך האָב געהאַט אויף זיך אַ קרימינעלן פּראָצעס, פאַלשע טשעקן. עס האָט מיר געדראָט דרײַ יאָר צו זיצן, און דער אַדוואָקאַט האָט זיך נישט געוואָלט צורירן, ביז איך וועל אים אײַנצאָלן פינף טויזנט דאָלאַר פאַרויס, און נאָך פינף טויזנט וואָס איך וועל דאַרפן צוריקצאָלן די בעלי־חובות.

— פאַר וואָס האָט איר עפּעס געמאַכט פאַלשע טשעקן?

— ווײַל כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה. פאַרשטייט, הער ריכטער,

איך האָב מיר געמוזט ראַטעווען דאָס לעבן! דער ראַבינאַט — הער ריכטער, — האָט געפּסקנט אַז איך מוז געבן מײַן ערשטע פרוי אַכט טויזנט דאָלאַר. אַנישט וועט זי נישט נעמען דעם גט. און פאַר וואָס איך האָב זיך געגט מיט מײַן ערשטער פרוי? ווײַל איך האָב מיר געמוזט ראַטעווען דאָס לעבן! איר פאַרשטייט מיך, צי ניין?

דער ריכטער האָט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, אַז דער מענטש האָט נישט אונטערגעצונדן זײַן הויז כּדי אַרויס־צובאַקומען פון דער פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַני הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר. די שׂרפה איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אַ צופאַל, און מען קען קיינעם דערין נישט באַשולדיקן. לכן, דאַרף די קאָמפּאַני אויסצאָלן דעם מענטשן די פאַרזיכערונג פון הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר, און אַלע געריכטס־הוצאות.

— אַט אַזוי פאַרשטיי איך! — האָט ער אויסגערופן אַ פרייילעכער — איצט זע איך אַז כ׳האָב מיר טאַקע געראַטעוועט דאָס לעבן.

פערד

איך האָב אַ פֿרײַנד, וואָס איך האָב אים גערן. ער — ווײַזט אויס — האָט מיך אויך גערן. דער פֿרײַנד מײַנער איז אַ ייִד אַן דאגות־פּרנסה, אַ יודע־ספר און נאָך אַ סך מעלות. ער איז אָבער אַ פֿאַרליבטער אין פערד, נישט אין אַלע פערד, נאָר אין די וואָס לויפֿן אויף די געיעגן. אָפּט מאָל פֿאָרט ער צו די פערדגעיעגן און פֿאַרברענגט דאָרט שעהען. מען זאָגט, אַז דאָס האָט אים שוין אָפּגעקאָסט זייער אַ סך געלט. אַ מחלה אַזאַ.

האָט ער אין מיר אַרײַנגערעדט און מיר זייער געבעטן, איך זאָל אָננעמען זײַן אײַנלאַדונג און מיטגיין מיט אים איין מאָל אויף אַ פערד־געיעג, און גלײַכצײַטיק האָט ער מיך געלערנט אַ פּרשה פערד־וויסנשאַפֿט.

— אַ פערד — זאָגט ער — איז אַן אינטעליגענט באַשעפעניש. און אַ פערדישער דיפּלאָם קומט גאָרנישט אַן אַזוי לײַכט. אַפֿילו צווישן געלערנטע און קלוגע מענטשן, קען מען אויך טרעפֿן גרויסע פערד. עס זענען פֿאַראַן אויך מענטשן וואָס האָבן נעמען פֿון חיות. אָבער די אַלע נעמען האָבן צו די מענטשן אַליין אין גאַנצן קיין שײַכות נישט. דהײַנו: איינער וואָס איז אַ נאַר, אַן אידיאָט, און אויפֿן נאָמען הייסט ער קלוגער. איינער הייסט לייב און אַליין איז ער אַ חזיר. איינער וואָס איז, כ׳בעט אײַך איבער, אַ פלוי, און הייסט אָדלער. כ׳האָב געקענט איינעם וואָס האָט געהייסן בער, געווען אַ שלאַנג, געלעבט ווי אַ הונט און געשטאָרבן אַן אָקס. אָבער אַ פערד בלײַבט דאָס גאַנצע לעבן פערד.

ער האָט לאַנג צו מיר גערעדט, ביז איך האָב מסכּים געווען און בין מיט אים אַרײַן אויף דעם דאָזיקן אָרט, אויף דעם פּלאַץ פֿון די פערד־געיעגן. כ׳האָב דערזען פֿאַר זיך אַ ריזיקן עולם, אַ מאַסע פֿון טויזנטער און טויזנטער, שוין צוזאַמען מיט די פערד, די ריכטיקע פערד.

צעקנייטשטע שטערנס, פֿאַרטיפֿטע אין צײַטונגען, פערדישע צײַטונגען מיט פערדישע נײַעסן און מיט אַנאַנסן פֿון קאָקאַ־קאָלאַ, רעסטאָראַנען און שיינהייטס־סאַלאָנען. בײַ די קאַסע־פֿענצטער שטייען רייען, ווו מ׳נעמט בײַ זיי צו זייער פֿלינק די קליינע און גרויסע באַנקנאָטן. מײַן פֿרײַנד, וואָס איז מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען באַלד בײַם אַרײַנקומען, איז צוריקגעקומען אַ צופֿרידענער מיט אַ פּאָר בילעטן אין האַנט.

מען טרומייטערט אין דרויסן און עס דערשײַנען די מאָדעלקעס, שלאַנק קאָקעטישע פערד, וואָס באַווײַזן זיך פֿאַרן עולם מיט זייער גאַנצן פּער־

דישן חן. איין פערד רודערט אַרום מיט די פיס, גלײַך ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ טענצל. און איין פערד, וואָס קען נישט אײַנשטיין אויף אַן אָרט, איז זייער אומגעדולדיק אַדורכצומאַכן די נאַרישע מאָ־דעלקע־פּראָצעדור; רייסט זיך, ווײַזט אויס, צום לויפן. און איינער אַ פערד האָט זיך צעהוסט. זיכער פון דעם טאַביק־רויך, פון אַזאַ מענגע ציגאַרעטן, ציגאַרן און לולקעס, וואָס פאַרזאָרגן מיט ניקאָטין־רויך דעם גאַנצן שטח אַרום.

— דו זעסט יענעם? — זאָגט צו מיר מײַן פרײַנד אָנווײַזנדיק אויף איינעם מיט אַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, אַן אײַנגעוויקלטן אינעם רויך פון אַ גראָבן ציגאַר — דער האָט נעכטן געוווּנען פערציק טויזנט דאָלאַר אויף אַ פערד, וואָס קיינער האָט אין אים נישט געגלייבט. מ׳דאַרף אײַנשטעלן! צוויי דאָלאַר איז נישט אַזאַ גוואַלד מיט געלט. און אַז מען טרעפט אָן אויף אַ פערד אַ בעל־שׂכל, כאַפּט מען אַרײַן אַן אַפּותיקא.

האָב איך געזאָגט: גוט, איך וועל פּרובירן. איך האָב מיר אײַנגע־האַנדלט אַ בילעט אויף אַ פערד, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נומער זיבן. איך האָב געזען אין דעם נומער זיבן אַ פערדישן, קלוגן, חוצפּהדיקן קאָפּ, אַ ציטערנדיקע גלאַנציקע פעל, ווי מיט פּאָליטור; אַ הינטן אַ ביסל אַן אויסגעלאָסענער, אָבער מיט אַ שטאָלצן אויסגעבויגענעם עק, ווי אַ פראַגע־צייכן, און דער עק האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט איצט אַרויס פון די געניטע הענט פון אַ פריזירער. האָט ער געוווּנען צו זיך מײַן צוטרוי און איך האָב געשטעלט אויף אים מיט דער גאַנצער זיכערקייט.

ווען דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבן און די פערד זענען דורכגעלאָפן, האָט זיך ווי פון אַ ווולקאַן אַרויסגעריסן אַ היסטעריש ריטשערײַ, אַ סטיכיע וואָס קען אַ וועלט חרוב מאַכן. ווען נישט דער פעסטער פּלויט, וואָס האָט אײַנגעהאַלטן דעם צעיושעטן עולם, וואָלטן געפאַלן קרבנות צווישן די פערד.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן באַרויקן. טייל האָבן אויסגעשפּיגן מיט כּעס, טייל האָבן צוגעקעמט די צעשויבערטע האָר און צוריק אויס־געגלײַכט די קראַוואַטן.

וועלכער נומער ס׳איז אַרײַן דער ערשטער, איז מיר נישט געווען וויכטיק, ווײַל קיין זיבן איז ער נישט. פונעם געיעג לויפן אָן נאָך צעסאָ־פּעטע פערד און מײַן נומער זיבן זעט מען בכלל נישט. ווו איז אַוועק־געקומען מײַן נומער זיבן? ווער האָט צוגעגנבעט דאָס פערד מיט דעם נומער זיבן?!

די פאַרשוויצטע פערד דעבען און קומען צוריק צו די כּוחות. און פון דער ווײַטנס, פון אַ שטויביקן נעפּל זעט מען לויפן אַ פאַרשפּעטיקטן

פערד — דער נומער זיבן. דער עולם נעמט אים אויף מיט אַ געלעכטער און מיט אַ פײַפעריַי, און איך ווייס נישט ווו צו באַהאַלטן מײַן פּנים פון בושה.

עס קען זײַן, אַז מײַן נומער זיבן איז טאַקע דער קליגסטער פון אַלע פערד, ווײַל ער האָט זיך מן־הסתּם געטראַכט: דאַרף איך לויפן און אַרויסיאָגן פון זיך די קישקעס פאַר עמעצנס אַ פּאָר דאָלאַר? וואָס מיינען זיי זיך דאָרט, אַז איך בין טאַקע אַזאַ פערד? און אַ חוצפּה האָט ער נאָך געהאַט צוצוקומען נענטער צום פּלויט און אײַנקוקן זיך אין מיר. וואָס האָט ער געזען דעמאָלט, ווען ער האָט אויף מיר געקוקט? ס׳קען זײַן, אַז ער האָט געזען אין מיר דאָס זעלבע וואָס איך זע ווען איך קוק אויף אים.

אַזוי ווי איך בין אויך נישט קיין פערד, האָב איך באַשלאָסן: גענוג! מיט אַ פאַרלוסט פון צוויי דאָלאַר בין איך גאַנץ שיין אַרויס, געמאַכט אַ ברכה „ברוך המקום בזול״ און געלאָזט זיך גיין אַהיים.

בײַם אַרויסגיין פאַרהאַלט מיך אַ פרוי מיט אַן אָנגענעם, צעשמייכלט פּנים; נישט קיין יונגע, אָבער אויך נישט קיין אַלטע.

איר דערקענט מיך? — האָט זי געפרעגט.

— אַדרבא, דערמאָנט מיר. איך בין זייער אינטערעסירט איר זאָלט מיר דערמאָנען...

— וועגן דערמאָנען, אַן אַנדערש מאָל. איצט וויל איך, אַז איר זאָלט מיר זאָגן דעם נומער.

— וואָס פאַר אַ נומער?

— וואָס פאַר אַ נומער?

— דעם נומער פונעם פערד אויף וועלכן איך זאָל שטעלן.

— וואָס ווייס איך? וואָס פאַר אַן אָנונג האָב איך אין אַזעלכע זאַכן?

— איך דאַרף נישט, אַז איר זאָלט וויסן און איך דאַרף נישט אײַער אָנונג. איך דאַרף, אַז איר זאָלט מיר זאָגן דעם נומער. איך האָב באַשלאָסן צו שטעלן אויף דעם נומער וואָס עס וועט מיר זאָגן דער ערשטער מענטש וואָס איך וועל באַגעגענען — און דאָס זענט איר דער ערשטער וואָס איך האָב באַגעגנט, און דערצו נאָך אַ באַקאַנטער אויך. איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט וואָס איך רעד צו אײַך? איר קענט אײַך נאָך אַלץ נישט פאַלאַפּיען וואָס איך מיין? נו, קוועטשט שוין אַרויס פון זיך דעם נומער! לאָזט מיך נישט שטיין אַזוי לאַנג אויפן ווינט!

— נומער נײַן! — האָב איך אויסגעשריגן. פאַר וואָס נומער נײַן? כ׳ווייס נישט. כ׳האָב איר געזאָגט אויף גיך אַ נומער, כּדי זי זאָל נישט שטיין אַזוי לאַנג אויפן ווינט.

צוליב מײַן מידקייט — ווײַל אַדורכצומאַכן אַזעלכע נערוועזע געיעגן

דאַרף מען טאַקע האָבן אַ פּערדישן כּוח — האָב איך באַשלאָסן צו שלאָפן צו מאָרגנס אַ ביסל לענגער. האָט מיך אויפגעוועקט אַ טעלעפאָן־קלונג.

— איך בין — האָט די פרוי אין טעלעפאָן געזאָגט — די וואָס האָט נעכטן באַקומען פון אײַך דעם נומער נײַן, און איך האָב אויף דעם דאָזיקן נומער געוווּנען דרײַ און צוואַנציק טויזנט פיר הונדערט און זעכציק דאָלאַר. אויס דאַנקבאַרקייט האָב איך באַשלאָסן מיט אײַך זיך צו טרעפן אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ סאַפּער. נישט קיין טײַערן רעסטאָראַן, ווײַל מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ קאַרגער.

אַ טאָג שפּעטער רופט מען מיך ווידער צום טעלעפאָן. עס רעדט צו מיר אַ מאַן מיט אַ הייזעריקער שטים: „איך וויל פון אײַך בעטן אַ טובה, אַ קלייניקייט — אַ נומער. גיט מיר אַ נומער אויף אַ פערד אויף הײַנט בײַ נאַכט.

— דרייט מיר נישט קיין קאָפּ, רב ייִד! כ'האָב נישט קיין נומער! כ'גיב נישט קיין נומער. כ'ווייס נישט קיין נומער! און טשעפּעט אײַך אָפּ פון מיר!

— וואָס האָט איר זיך אַזוי אָנגעצונדן? איך בעט דאָך נישט חלילה פון אײַך קיין גמילות־חסד. אַ נומער! נישט מער ווי אַ נומער! עס קאָסט אײַך דען עפּעס?

— ווייל איך נישט! — האָב איך אויסגעשריגן און פאַרקלאַפּט דעם טעלעפאָן.

אין אַ פּאָר מינוטן קלינגט ווידער דער טעלעפאָן. עס רעדט ווידער דער זעלבער, דער הייזעריקער:

— איר זענט אַ רשע מרושע — זאָגט ער — אַ הונט מיט אויערן, אַ לינגער, אַ גנב און אַ פּשאַקרעוו!

— אָבער ווער רעדט עס?

— די גאַנצע שטאָט!

אַ דאַנק זײַן טאַלאַנט...

מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע, ליגט ד'ער קראַנקער פּאַעט אויפן שפּיטאַלבעט. אַ שפּיציקע גאַמבע רייסט זיך אַרויף צום סופּיט. איבערן קאָפּ בלעזלט זיך דאָס וואַסער אין אַ סלאַי, וואָס פליסט דורך אַ גומירערל אין זײַנע אָדערן אַרײַן. דערנעבן זיצט דער דאָקטאָר, אַ בלאָנדער יונגער־מאַנטשיק מיט וואָנסעלער, וואָס פּראַקטיצירט שוין דאָס צווייטע יאָר. מען שיקט אים לעצטנס צו די שווער־קראַנקע, וואָס ראַנגלען זיך מיט די לעצטע שעהען פון זייער לעבן, אַז ער זאָל זיי העלפן שטאַרבן.

דעם פּאָעטס ווײַב, אַ בלאָסע פרוי, זיצט אויף אַ פּאָטעל אין דעם גאַסטצימער און גרייט זיך ווערן אַן אַלמנה, זי האַלט אין איין רעדן צו זײַן קוזין משה, וואָס זיצט לעבן איר און רײַכערט אַן איבעררײַס.

כ'האָב זיך שטענדיק — זאָגט זי — געבעטן בײַ מײַן בערעלען: בעריש קרוין, נאָך וואָס דאַרפסטו מקריב זײַן דײַן לעבן אויף צו שרײַבן ייִדישע לידער? ייִדן זענען פאַרטוענע אין ביזנעס, וועלן זיי לייענען פּאָעזיע? אויסער דעם איז דאָך ייִדיש... גוט, ס'איז נישט אונטערגעגאַנגען, אָבער מיר ווייסן דאָך ווי עס קוקט אויס... איז נאָך וואָס דאַרפסטו עס? פאַר־לאַנגט עס ווער פון דיר? נייטיקט זיך ווער אין דעם? אַז מען איז רײַך און מען וויל דווקא, קען מען זיך דערלויבן אויף אַזעלכע זאַכן, אָבער... מילא, וואָס ע'מיר רעדן. ער האָט געקענט האָבן אַ רויִק לעבן, אַרבעטן בײַ בוכהאַלטעריע. עסן געגרילטע הון. אַז די נערוון זענען רויִק, אַרבעט דער מאָגן נאָרמאַל, און אַז דער מאָגן אַרבעט נאָרמאַל, זענען שוין דעמאָלט די מחלות ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן. אַז אַ מענטש איז פאַרקאָכט אין ייִדישער פּאָעזיע. מילא... איך וועל דאָך נישט גיין... ווי זאָגט מען דאָס... אָבער מען מוז דאָך ווייסן ווי אַזוי זיך צו פירן. שרײַבן אַליין איז נישט אַזוי וויכטיק. עס שרײַבן אויך אַזעלכע וואָס זענען זייער קנאַפּע שרײַבערס, מײַן בערל, קעגן זיי, איז אַ גאון, אָבער זיי ווייסן ווי אַזוי זיך צו פירן.

אַז ער אַליין, דער מיסטער שפּיזל, דו קענסט אים? ווער קען אים נישט? ער איז דאָך דער באַלעבאָס פון דער שטאָט. פאַרגינט ער זיך דער־פאַר צו האַלטן זייער לאַנגע רעדעס. האָב איך אים יעדער מאָל געזאָגט:

הער מיך, בערעלע, נאָך אַזאַ רעדע גיי צו אים צו, גיב אים אַ גלעט אָדער אַ פּעטשעלע איבער זײַן פעטער פּלייצע, און זאָג אים אַז דאָס איז

געוועז אַ גלענצנדיקע רעדע, אַז אַזאַ רעדע האָסטו געהערט דעם ערשטן מאָל אין דײַן לעבן. און זאָגן דאַרפסטו דאָס אַז מענטשן זאָלן הערן. הער מיך, און טו וואָס איך הייס דיר. ווּעסטו זען אַז עס וועט דערפון אַרויס־קומען פאַר דיר אַ טובה. איז ער מיך באַפאַלן, ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ משוגענע.

„אַזוי ווי איך הער אים רעדן — האָט ער געזאָגט — קערט זיך מיר די גאַל. הייסט זי מיך אַז כ׳זאָל אים גלעטן די פּלייצע און זאָגן אים... פּשוט חנפענען".

— איז וואָס זשע אַרט עס דיך? — האָב איך אים געענטפערט — אין די עשׂרת־הדברות שטייט נישט אַז מען טאָר נישט חנפענען. אין לעבן דאַרף אַ מענטש טאָן אַלץ וואָס ס׳איז כּדאַי, אַז ס׳איז כּדאַי צו חנפענען, חנפעט מען. ער וואָלט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט און ער וואָלט דיר דערפאַר אָפּגעדינט, אַז עס וואָלט דיר געלוינט. האָט ער מיך נישט געפאָלגט. קיין מאָל מיך נישט געוואָלט פאָלגן. איצט ליגט ער אין אַ מעמד אַז דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זײַן. און דער דאָקטאָר... וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פון אַזאַ יונגן־מאַנטשיק? איך האָב געהערט אַז ער האָט איצט נישט לאַנג חתונה געהאַט. זײַן ווײַב האַלט אין איין טעלעפאָנירן צו אים. אָט רופט זי אים שוין ווידער צום טעלעפאָן.

דער דאָקטאָר מיט דעם נאָכהענגענדיקן סטעטאָסקאָפּ אויפן האַלדז האָט איילנדיק אַרײַנגערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל:

— האַלאָ, באַרבאַראַ, לײדער וועל איך נישט קענען קומען, דאַרפסט נישט זײַן בייז אויף מיר. באַרבאַראַ, דאַרפסט פאַרשטיין אַז דײַן מאַן האָט אַזאַ פאַך וואָס עס קען אָפּט פּאַסירן אַז ער זאָל ניט קענען האַלטן זײַן צוזאָג. כ׳האָב היינט זייער אַ שווערן פּאַציענט. אַ ייִדישער פּאָעט, אַן אינטעליגענטער מענטש, אָבער אַ נאַיווער. אַן אומבאַהאָלפענער... אין דעם פּראָצעס פון שטאַרבן האָט ער נישט דעם מינדסטן אַנונג. אַ פולשטענדיקער עם־הארץ. מעגסט הערן אַ געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר:

„זײַט נישט בייז אויף מיר, דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט — איך וויל אײַך נישט דערצאָרענען, נאָר איך האָב נישט קיין אַנונג און נישט קיין דערפאַרונג אין די זאַכן... ווײַל אין מײַן גאַנץ לעבן איז מיר קיין איין מאָל נישט אויסגעקומען צו שטאַרבן. — נו... איר פאַרשטייט דאָך מיר..."

אַזוי האָט ער צו מיר גערעדט. קען איך אַוועקגיין און איבערלאָזן אַ מענטש אַליין אין אַזאַ צושטאַנד? דערצו נאָך אַ שלימזל, אַ לאָ־יוצלח!

— — —

אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, וואָס זײַן נאָמען איז נישט געוואָרן

גענוג אויסגעפּויקט אין זײַן לעבן. בפרט נאָך אַ דיכטער, וואָס איז געווען געוווינט און זיך גוט געפילט אין זײַן שטילער באַשיידנקייט, האָט נישט קיין שאַנסן צו ציִען אַ מאַסן־עולם, וואָס זאָל אים באַגלייטן צו זײַן אייביקער רו. איז דער אָרון געשטאַנען אַ שטילער לעבן דער בינע, אונטער אַ טרויעריק ברומערײַ פון אַן אַלטן תּהילים־זאָגער, און עניוותדיק אויפֿ־גענומען דעם קליינעם קוואַנטום פון זײַן לעצט ביסל כּבוד, דאָס וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אין זײַן לעבן.

דער מיסטער שפּיזל איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע, אַוועק־געשטעלט זיך דרײַסט לעבן שטענדער, מיט אַזאַ זיכערקייט, גלײַך ווי דער טויט ליגט אויך אונטער זײַן רשות. מיט זײַן לאַנגווײַליקער שטים, וואָס קען פאַרטרײַבן דעם אַפּעטיט צו תּחית־המתים, האָט ער אָנגעהויבן שיטן ווערטער פון אַ פּאַפּיר אַרויס, געבאָרגטע ווערטער, געניצטע ווער־טער, צעצויגענע ווערטער, אין מיטן האָט זיך געהערט אַ קרעכץ. שווער געווען פעסטצושטעלן פאַר ווערמען דער קרעכץ איז באַשטימט — פאַרן טויטן, אָדער פאַר דער רעדע.

אין דרויסן, ווען דער רעדנער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעמישט מיטן עולם, איז צו אים צו איינער מיט אַ נעבעכדיקן אויסזען, וואָס שרײַבט נעבעכדיקע לידער, אַ גלעט געטאָן אים איבער דער פּלייצע און אים געזאָגט אויפן קול, אַז די מענטשן אַרום זאָלן הערן:

— אַ שאָד — האָט ער געזאָגט — וואָס דער פּאָעט איז געשטאָרבן, און ניט זוכה געווען צו געניסן פון אײַער רעדע, דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקע רעדע. אין מײַן לעבן האָב איך נאָך אַזאַ רעדע נישט געהערט. ממש אַ שעדעווער!

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז אָנגעמאָלדן געוואָרן, אַז די ליטעראַ־טור־פּרעמיע האָט באַקומען דער פּאָעט, דער נעבעכדיקער. באַקומען אַ דאַנק זײַן טאַלאַנט...

דער גענעראַל פון ישׂראל

איך קום איצט פון לופטפּאָרט. איך האָב באַגלייט מײַנעם אַ קרוב, אַ טוריסט פון ישׂראל. האָט דאָרט שפּאַצירט איינער מיט אַ רויטלעך פּנים און אַ קורצן שטײַפן האַלדז. ער איז געגאַנגען הין און צוריק מיט געמאָסטענע טריט, די אויגן זײַנע זענען געלאָפן אין אַלע זײַטן און יעדער מאָל פאַרהאַלטן דעם בליק אויף מיר.

זײַן אופן פון גיין און קוקן איז ווי פון אַ שפּיאָן, און אפשר גאָר פון אַ געהיים־אַגענט וואָס ציט זײַן אויפמערקזאַמקייט אויף מיר. אפשר קוק איך אים אויס פאַרדעכטיקט.

יאָ, ער גייט טאַקע צו מיר, שטעלט זיך אָפּ און קוקט שווײַגנדיק אויף מיר.

— איר רעדט ייִדיש! — האָט ער מיט אַ פעסטגעשטעלטן טאָן מיר געזאָגט.

— יאָ, פון וואַנעט ווייסט איר?

— פון אײַער טאַש שטעקט דאָך אַרויס אַ ייִדישע צײַטונג. איך בין אויך אַ ייִד.

— אַוודאי זענט איר אַ ייִד.

— פון וואַנעט זענט איר אַזוי זיכער? פון מײַן טאַש שטעקט דאָך ניט אַרויס קיין ייִדישע צײַטונג.

— אינסטינקט! איך האָב זייער אַ שטאַרקן אינסטינקט. אַזוי ווי איר האָט אָנגעהויבן רעדן צו מיר, האָט מיר מײַן אינסטינקט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער ייִד איז זיכער אַ ייִד.

— אויב אַזוי, גיט זשע מיר אַ פּאַפּיראָס, ווײַל איך האָב אויפגע־הערט רייכערן. דאָס רייכערן איז פאַר מיר סם־המוות. די פּאַפּיראָסן מאַכן מיך קראַנק, האָב איך מיר געטאָן אַ נדר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און געזאָגט ניין! און געענדיקט! אַ מענטש מוז זיך קאָנען באַהערשן, אַנישט איז דער מענטש קיין מענטש נישט. כ׳בין גערעכט, צי ניין?

— הונדערט פּראָצענט! פאַר וואָס זשע גייט איר איצט ברעכן אײַער נדר?

— ווײַל איך בין אויפגערעגט. מוז איך פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס, וואָס וועט מיך נאָך מער אויפרעגן. איך זאָל איצט גיין קויפן אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן, ווער איך ווידער אַ פאַרשקלאַפטער צו דעם.

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט לעבן מיר מיט דעם פּאַפּיראָס אין מױל און אױסגערופן באַפעלעריש: פֿײַער!

איך האָב שױן געהאַלטן אָנגעגרײט דעם צינדער, ער האָט טיף פאַרצױגן דעם רױך און געזאָגט:

— סם־המות! אַן אָנשיקעניש! אַ װיסט חולאת, צו אַל די שװאַרצע יאָר! — און געצױגן דעם רױך אַ שװײַגנדיקער און אַ פּאַרטראַכטער.

— איר װײסט פֿון װאַנען איך בין? — האָט ער מיך געפֿרעגט.

— פֿון װאַנען זאָל איך װיסן?

— פֿון אײַער אינסטינקט. איר זאָגט דאָך... װײַזט אױס אַז דער אינסטינקט אײַערער האָט זיך שױן אױסגערײבן. איך בין אַ ישׂראלדיקער בין איך. און עס װעט זײַן פֿאַר אײַך אַ גרױסער כּבֿוד װען איר װעט זיך דערװיסן מיט װעמען איר רעדט. איך בין געװען דער גלאָװנער פֿון דעם אַמאָליקן מאַלפּאַך.

— איר מײנט אפשר צו זאָגן פּאַלמאַך (פּלמ״ח)?

— בעסערט מיר נישט אױס, איך בין אַ ישׂראלדיקער, נישט איר. דערנאָך האָט מען מיך געמאַכט פֿאַר דעם קאָמענדאַנט פֿון דער נאַגאַנאַ.

— האַגאַנא (הגנה) װילט איר זאָגן.

— בעסערט מיר נישט אױס, װײַל איך בין דער ישׂראלדיקער, נישט איר. איך בין דער װאָס האָט אײַנגענומען חיפה אין אַכט און פֿער־ציקסטן יאָר. משה דײַן האָט זיך דעמאָלט געלערנט בײַ מיר דאָס פֿאַך. און ירושלים האָב איך אײַנגענומען מיט אַן אונטערװאַסער־שיף. איר זעט אָט דאָס אַ װאָס איך טראָג אױפֿן לאַץ? קוקט זיך גוט אײַן אין דעם, איר זעט?

— יאָ, אַ מגן־דוד.

— פֿאַר דעם מגן־דוד האָב איך געקאָנט נעמען צען טױזנט דאָלאַר. איר גלײבט נישט?

— פֿאַר װאָס זאָל איך נישט גלײבן? איר װאָלט געקאָנט נעמען נאָך מער, װען מען גיט אײַך.

— מען האָט זיך געבעטן, װײַל דעם מגן־דוד האָב איך באַקומען פֿון דאָקטאָר הערצל.

— רעדט נישט קײן נאַרישקײטן. דאָקטאָר הערצל איז דאָך גע־שטאָרבן אַ מעשׂה שױן באַלד נײַנציק יאָר.

— יאָ, ער האָט עס מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה. איר האָט אפשר אַ קונה אױף דעם מגן־דוד? אפשר זענט איר אַלײן אַ בעלן אױף אַזאַ זאַך? אײַך װאָלט איך עס אָװעקגעגעבן פֿאַר ביליק.

— מען באַקומט צו קױפֿן אַזעלכע מגן־דודס צו אײן דאָלאַר אַ שטיק.

— נישט הערצלס. דאָס איז דאָך דאָקטאָר הערצלס אַ מגן־דוד.

— דאָקטאָר הערצל האָט געהאַט אַ פֿאַבריק פֿון מגן־דודס?

— כ׳זע שוין אַז איר פֿאַרשטייט גאָרנישט. דאָס איז אַ מגן־דוד וואָס מען דאַרף אים אַריינשטעלן אין ראָקפֿעלערס מוזיי אַריין.

— פֿאַר וואָס זשע שטעלט איר אים נישט אַריין?

— ווייל איך נייטיק זיך אין געלט. איך בין דאָ געקומען אויפֿפֿירן אַ ייִדישע פֿאַרשטעלונג.

— אַ שוואַכע ביזנעס.

— פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, מיין פֿאַרשטעלונג וועט נישט זיין קיין שוואַכע ביזנעס. מיין פֿאַרשטעלונג וועט זיין אַ מאָדערנע, מיט אַ נאַקע־טער ליבע אויף דער סצענע. איך האָב זייער אַ גוטע אַקטריסע. אַ סטאַר. זי האָט אַ מאָל געשפּילט „חאַשע די יתומה" פֿאַר געפֿאַקטע זאַלן. אַ רייכע אלמנה איז זי און פֿאַר טעאַטער איז זי גרייט לאָזן זיך קאָסטן אַן אַ שיער. זי האָט זיך אָבער פֿאַרעקשנט, זי וויל שפּילן נאָר אין אַנטועכץ.

— אַן עלטערע פּרוי מן־הסתּם, פֿאַרשטייט זי נישט דאָס מאָדערנע טעאַטער.

— ניין, זי האָט מורא פֿאַר אַ פֿאַרקילונג. זי וועט זינגען דאָס ליד „דער טאַביק־שמעקער", מיינע ווערטער און מיין מוזיק.

— איר זענט אַ דיכטער אויך?

— אַ באַקאַנטער ייִדישער דיכטער. נאָר קיין בוך האָב איך נאָך נישט אַרויסגעגעבן. ווייל עס דאַרף קאָסטן אַ סך געלט. מיינער אַ חבר, אויך אַ דיכטער, גראַפּאָמענדל הייסט ער, ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער אויף זיין אייגענעם חשבון. דערפֿאַר — האָט ער געזאָגט — ווייל דער רבונו־של־עולם, דער ערשטער און גרעסטער דיכטער אויף דער וועלט, וואָס אַפֿילו דער גאָון אַליין וועט אויך מוזן מודה זיין, אַז ער איז אַ גרעסערער נביא פֿון אים, האָט אויך אַרויסגעגעבן זיין ווערק אויף זיין אייגענעם חשבון. דערנאָך האָבן אים אַ סך פֿעלקער פּלאַגיאַטירט, ווייל ער האָט נישט אויפֿגעשריבן אויפֿן שער־בלאַט „קאָפּירייט". אָבער קלוג איז ער, דער חבר מיינער, אויף זיין שׂכל קאָן מען זיך מער פֿאַרלאָזן ווי אויף זיין דיכטונג, ווייל ער האָט אָנגעשריבן ערגעץ אין אַ צייטונג וועגן אַ גרויסן, אַז ער איז נאָך גרעסער פֿון גרויס און באַקומען פֿאַר דעם אַ ליטעראַטור־פּרעמיע. איך קוק זיך דאָ אַרום און זע ווי אייער אַמעריקע זעט אויס, גלוסט זיך מיר שוין צוריקפֿאָרן קיין ישׂראל.

— ווער שטערט אייך?

— אַז מען שמועסט דאָרטן וועגן צוריקגעבן טעריטאָריעס, וויל איך נישט זיין דערביי. איך וויל נישט אַז מען זאָל דערנאָך מיך מאַכן פֿאַראַנט־

וואָרטלער. דער זייגער איז שוין איינס און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

— אויף וועמען וואַרט איר דאָ?

— איך בין געקומען אַהער אויפן פליפאָרט אָפּוואַרטן דעם באַרימטן רוסישן זינגער פּאָפּאָלאָוו. מען קען מאַכן מיט אים אַ פּאַרמעגן.

— ער דאַרף קומען פון מאָסקווע?

— פון פּתח־תקוה. גיט מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס, ווײַל איך בין שוין ווידער אויפגערעגט, און שאַפט מיר אַ קונה אויף הערצלס מגן־דוד. אַמעריקאַנער ייִדן דאַרפן העלפן אַ ישׂראלדיקן גענעראַל.

וועגן י. הייבלומס הומאָרעסקעס אין דער העברעיִשער, יִדישער און ענגלישער פּרעסע (אָפּקלייַב)

מה שמאפיין את רוב רובם של הטפוסים המופיעים לעינינו היא אותה שמחה להתודע אל הזולת. אותה הבהילות לחפש אחרי ידידים וקרובים שנתרחקו ושאבדו עם תהפוכות הזמן. במוסינו המתוקנים רואים בכל פלישה כזאת אל תחום הפרט משהו מן הקרתנות. אך אם נניח לרגע את המשקפיים המגדילים שלהם נזקקת ההומורסקה, האם לא נגלה דוקא כאן את הלב היהודי?

פ. מיזליש, „מעריב", 12.8.1961

אין הייבלום נוהג להלעיג את נושאי ההומור שלו, אלא מציג קטעי הווי וחיים מצידם העליז, המעורר צחוק טוב וסלחני. עינו חוננה בכשרון הטבעי לתפוס דווקא את הצד הזה של חיינו. יש להניח שההומורסקות של הייבלום יתחבבו על קהל קוראים נרחב.

„על המשמר", 17.11.1961

יוסף הייבלום ידוע לרבים כמחבר של מערכונים וגם תכניות שלמות ל„המטאטא" ולבמות זעירות אחרות מן הזמן ההוא. ספרו „על כל פנים" יצא בהוצאת „יסוד" ואין ספק שרבים יאהבו לקרוא בו וייהנו.

„מעריב", 17.11.1961

אין צורך לקמט את המצח בקראנו בספר זה, אנו מעלעלים בדפיו בקלות. מחייכים ונהנים. הספרות הישראלית היא כולה רצינית. מעטות בה ההומורסקות המבדחות, המשעשעות והמסיחות את הדעת מחומרת החיים היום יומיים. לכן אסירי תודה הם הקוראים ליוסף הייבלום על מתנתו.

א. רם, „חרות", 24.11.1961

...Prostymi środkami psychologizmu operuje Heiblum w swoich humoreskach. Każde uderzenie jest celne i dzięki temu każda humoreska staje się celną pozycją literacką.

F. Shlang, "Nowiny i kurier", 8.12.1961

הייבלום אינו מחפש את הגיחוך, אלא נותן לראי העקום שיערטל ויחשוף את מציאות החיים כמות שהיא, והמצבים עצמם הם שיוצרים כאן את האוירה.

הייבלום הוכיח בספרו „על כל פנים" את יכולתו כהומוריסט.

יחיאל גראנאטשטיין, „הצופה", 22.12.1961

"Mein Tatte der tourist" in Yiddish is a delight. ...five sketches by old master Yosef Heibloom are duelled over by Shmuel Rodenski and Shmuel Segal... Which results in an extraordinary new language; genuine Tel-Aviv Yiddish.

"Jerusalem Post", 15.9.66

...וכיון שאין הוא משתדל להצחיק אלא הצחוק בא כמאליו, הרי שההומור שלו נעשה שווה לכל נפש, וכל קורא, זקן וצעיר, יהנה ממנו.

פ. לנדר, „הארץ", 23.2.1962

„על כל פנים" — אינו על כל פנים ספר טוב, אלא ממש טוב.

„פנים אל פנים", 29.12.1961

אימרתו הידועה של שלום־עליכם „הצחוק יפה לבריאות" בעינה עומדת ותעמוד לאורך ימים. משום כך ראוי להקביל בברכה כל נסיון להרבות צחוק. ואמנם למטרה זו מכוון ספרו של יוסף הייבלום „על כל פנים", אוסף הומורסקות שראה אור בימים אלה.

ההומורסקות המכונסות בספר סובבות על מצבים מבדחים ודמויות בעלות תכונות וגלויים שרואים לרוב על במת תיאטרונו של דז'יגן.

מכל מקום, ההומורסקות של הייבלום מהנות את הקורא.

א—ן, „ידיעות אחרונות", 24.4.1962

מחבר הספר אינו מתאמץ לתת לטיפוסים שלו „פנים אוניברסליים" כי הרי סוף סוף הם „יהודים של כל ימות השנה" — „עמך" שחלק מהם „בא לארץ ולא יצא עדיין מהגולה". אך לא מעטים הם גם „הצברים" שבספר, שהם „על כל פנים" יהודים כהוריהם...

מחבר הספר היה אחד המחברים בשביל הבמה הסטירית הזעירה בימי „המטאטא", „לי־לה־לו", „סמבטיון" ואחרים ולאחרונה הוא מספק חומר לבמתו של ש. דז'יגן. אך עם היעלמן של הבמות הנ"ל לא נעלמו הנפשות של הייבלום מהווי חיינו, וטוב שהן כונסו יחד לספר „על כל פנים".

בר־טוב, „למרחב", 24.5.1962

הייבלום ספג לתוכו הרבה מההומור היהודי העממי. אין בהומורסקות שלו בדיחות סתם, הלצות לשמן, או סיטואציות מלאכותיות ומצחיקות. אבל יש בהם הומור, המעלה על השפתיים חיוך. הגבורים הם פשוטי־העם. אין המחבר שם אותם ללעג ולקלס. כי אין הוא שונאם, אבל הוא מעמידם באור מגוחך והם עצמם אולי צוחקים על עצמם לאחר מוצאים את זהותם ואת הצד ההומוריסטי שנתגלע להם תוך קריאת ההומורסקות.

ס. גלברט, „על המשמר", 27.4.1962

...איך האָב ביז איצט זיך באַגרענעצט און דערמאָנט נאָר אייניקע מעלות פון הייבלומס שרײַבן. ווײַל צו קאָנען אויספירלעך אַרויסברענגען און באַווײַזן וועגן זײַן אופן שרײַבן, אויף אַלע אופנים, וואָלט מען געמוזט אַ סך און לאַנג ציטירן...

אין מדינת־ישׂראל האָט מען שטאַרק הנאה געהאָט פון זײַנע ווערק, און די באַקאַנטסטע בינע־אַרטיסטן האָבן געוואַרט אַז ער זאָל זיי צושטעלן נײַעם און שאַרפזיניקן מאַטעריאַל.

איז אַ באַזונדערער זכות וואָס הייבלום לעבט דאָ צווישן אונדז און שאַפט, און גרייט צו זײַנע ווערק פאַרן בעסערן לייענער.

מרדכי חסיד, „ישׂראל־שטימע", תל־אביב 1984

...עס איז אַ ווונדערלעכע הומאָריסטישע דערציילונג און איך בין צופרידן אַז בײַ אַ קאָלעגע טרעפט זיך אַ גוטער שרײַבער...

משה גראָסמאַן, רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „היימיש"

„די ייִדן קומען..." נײַער קליינקונסט־טעאַטער „שפּילקעס"...

...שוין בלויז די קאָנצעפּציע פון דער גאַנצקייט, דער הומאָר פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, דער אָריגינעלער קינסטלערישער פאַרמעסט מיט דער ערנסטער פּאַטאָספולער טעמע פון מלחמה און גבורה, און דווקא דאָס אַרויסבאַקומען די בעסטע הומאָר־מעגלעכקייטן, באַווײַזן ווי ווײַט יוסף הייבלומס הומאָר איז נישט פון „סתם שטיפערײַ", פון בורלעסק... דאָס געלעכטער, מיט וועלכן דער זאָל רופט זיך אָפּ אויף הייבלומס סקעטשן און מאָנאָלאָגן קומט ווי אַן עקספּלאָזיע און גלײַכצײַטיק אויך ווי אַ פּריידיקע מעלאָדיע וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים. הייבלום האָט דאָס געוויזן מיט יענעם הומאָר און סאַטירע וואָס שוינט דאָס געזונט, ווי שלום־עליכם האָט דאָס געמיינט...

שמעון קאַנץ, „לעצטע נײַעס", אויגוסט 1967

...ווי באַוווסט האָט הייבלום אַ סך געגעבן דעם העברעיִשן און ייִדישן טעאַטער. זײַנע סקעטשן, מאָנאָלאָגן און סצענקעס זענען געווען די ראָזשינקעס אין די טעאַטערס „המטאטא״, „כל הרוחות״, „סמבטיון״, „לי, לה, לו״, „גשש החוור״, און באַזונדערש האָבן דזשיגאַן און שומאַכער געשעפּט פֿון הייבלומס שפּרודלדיקן הומאָר קוואַל...

„ייִדישע צײַטונג״, 13.3.1978

אינהאַלט

5	פאַר וואָס האָט נישט דאָס בוך קיין הקדמה ?
8	וואָנצעס
10	אַן אייגענע מדינה
12	דער קרוג פון שלמה המלך
15	אַ הונט אַ יתום
18	שלום-עליכם אַ טוריסט
22	דער היַינטיקער יונגער שׂכל...
26	זי ווייסט וואָס זי רעדט...
29	ער גלייבט נאָר אין דעם וואָס ער זעט
34	די שטובן-מאָלערס קומען
41	דריַי מעקלערס אין אַמאָליקן תּל-אָביב
45	ער האָט דערפילט זיַינע פליכטן פאַר דער פּאָליציי
48	די נאַטור איז גוט...
51	באַשירעמט זאָל מען ווערן
54	עטיק און עסטעטיק
57	ברוך-השם — צוריק פון אַמעריקע
61	זיַין ערשטער קאָנצערט
64	דאָס געשעפט איז געגאַנגען באַנקראָט...
67	די בלאָנדע אָלגאַ
70	ווען אונדזערע זיידעס לעבן היַינט...
73	נישט מער ווי זאָגן אַ גוטן-אָוונט
77	קבר-אָבות
81	אַ ישׂראלדיקער טוריסט אין אַמעריקע
85	די געהאָרכזאַמע עלזאַ
89	אַן עצה
92	שיינע פּיס
95	ער האָט געוואָלט וויסן : יאָ אָדער ניין
99	הינט
102	משוגעים
106	איר זאָלט אַזוי טרעפן אויף דער לאָטעריע !
109	אַ רפואה צו עצבות
111	ווען נישט ער, גדליה !...
115	די געשיכטע פון אַ ייִדישן מיליאָנער
118	דאָס מסופנדיקע הויז...
122	פון אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג
125	יאַנקעלע פון פוילישן מאַרק...
128	אַן איַינפאַל

131 אין אַ ישׂראלדיקער תּפֿיסה
134 אַן אַלטער גוטער פֿרײַנד
138 אַ ייִדישע צײַטונג קומט צו ניץ
141 גוט־מאָרגן, הער דאָקטאָר!
145 אַן אַנטלאָפֿענער
148 האָטס מיר אַ גוט־יאָר
151 די לעצטע פֿערד אין תּל־אָביב
156 מען וועט אים נישט מסרן,
160 אַן אַדאָפּטירט קינד פֿון בראַזיל
162 אַ שמועס בײַם ירקון
165 פֿאַרלאָז זיך אויף מנשהן!
169 מאַטילדע פֿון תּל־אָביב
172 אַ מעשׂה אָן אַ סוף
176 זעליקס ווײַב
179 ער האָט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן
182 פֿערד
186 אַ דאַנק זײַן טאַלאַנט...
189 דער גענעראַל פֿון ישׂראל
193 וועגן י. הייבלומס הומאָרעסקעס
אין דער העברעיִשער, ייִדישער
און ענגלישער פּרעסע (אָפּקלײַב)